STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05621

MAZOLES

Tsevi Ayznman

Permanent preservation of this book was made possible by the Samuel & Francine Klagsbrun Foundation

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צבי אַייזנמאַן / מזלות

צבי אײַזנמאַן

מצבות

פֿאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישׂראל

1965

TZVI EISENMAN
MAZALOT

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv, Israel

צבי אײזנמאַן / מזלות

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31.

©

נדפס בישראל, תשכ״ה
Printed in Israel 1965

אינהאַלט

אילוזיעס	**זייט**
א הויף אין יפו	9
ווו דער הימל מיטן ים	20
די באַשערטע	33
„נקמה"	37
„מענטשעלעך"	43
דער מלך	48
אויסגעברענטע קנויטן	
חאַל	55
דאָס העמד	58
הלל	65
א באַגעגעניש	72
די פאָטאָגראַפיע	83
די אַנטלאָפענע	97
צחיי סקולפטורן	100
א טאָג אַזאַ מאָדנער	103
דער זייגער	110
דער געקוילעטער האָן	116
אין א רעגן	119
די הילצערנע בריק	121
דער בריח	130
אויסגעברענטע קנויטן	133
קליינע נאַכט־מוזיק	
קליינע נאַכט־מוזיק	137
דער פרעמדער	139
גליק	142
א חינטער־מעשהלע	144
ביינאַכט אין א שפּילצייג־געשעפט	147
דער דענקמאָל	150
דאָס פאַרצעלייענע הינטל	152
איך רויכער א פאַפּיראָס	154
דער פאַרהאַנג	155
די טרעפּערקע	156
כ'חעל היינט ניט אָנצינדן קיין ליכט	157
ביים קבר פון רב שמעון בר יוחאי	158
יאָסעמיטי	159
"GOSPELS"	161
וואַריאַציעס אויף דער טעמע „בוים":	
א בוים	162
איילבירט־בוים	163
די בוגאַנחיליע	164
די פּוענציאַנע	165
צום קונצן־מאַכער	167

די פריינד אין אַמעריקע, וועלכע האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך — מיין דאַנק.

ד ע ר מ ח ב ר.

אילוזיעס

אַ הויף אין יפו

אין אָנדענק פון
ראָוז און מאַקס האַלצמאַן

די ערשטע אין דעם הויז איז געווען די שוואַרצע חנטשע מיטן שטילן, ניט אָנזעעוודיקן מאַן און צוויי קליינע אויסגעשמירטע ייִנגלעך. ווי נאָר יפו איז באַפרייט געוואָרן, האָט זי שוין אַרומגעפּלאָטערט איבער די אויסגעליידיקטע גאַסן און געזוכט אַ ווינקל פאַר איר הויזגעזינט.

אַז חנטשע איז פון די ערשטע, קאָן מען דערקענען פון די צוויי איבערגעלאָדענע צימערן מיט אַלט אַראַביש מעבל, וואָס אירע פלינקע פּיס און רירעוודיקע הענט האָבן אָנגעטראָגן. צוגעהאָלפן האָבן די צוויי אויסגעשמירטע בנים. בלויז דער מאַן האָט ניט אָנטייל גענומען אין זיין ווייבס „שפּאַצירן” איבער די פאַרוואָרלאָזטע אַראַבישע שטיבער. מיט יעדן נייעם חפץ איז אים ענגער געוואָרן אין דער ברוסט און די ליפּן זענען פון געשטיקטן כעס נאָך בלייכער געוואָרן:

— טו עס ניט, חנטשע, כ׳בעט דיך, טו עס ניט!

חנטשע האָט אים אַפילו קיין בליק ניט געשאָנקען און ווייטער אַראָפּגענידערט מיט די גאַסן־טרעפּ צו די אַרומיקע געסלעך.

אַז די ניי־געשאַפענע יידישע שטאַט־פאַרוואַלטונג האָט פאַרבאָטן דאָס אויסליידיקן, אָדער אַריינקלייבן זיך אין די אַראַבישע וווינונגען, אָן אַ דערלויבעניש, האָט חנטשע קלוג צוגעשמייכלט. ס׳איז סיי־ווי ניטאָ שוין קיין פריי ווינקל אין די צוויי צימערן. די קאָמאָדע איז שוין פול באַשטעלט מיט פאָרצעלייענע מיניאַטור־טעפּעלעך און פאַרביקע טעצע־לעך. אַ באַזילבערטע שווערע מאַשינקע אויף צו פאַרגרייטן קאַווע מיט אַ האַלבער לבנה אויפן דעקל האָט אויך ניט געפעלט צווישן דעם פאָרצעליי־

געווירבל; אפילו אַ נאַרגילע מיט גומענע רערלעך, וואָס זי ווייס ניט אויף וואָס מען באַדאַרפט עס — איז פרעמד און אומנוצלעך געשטאַנען. קרומע מעסערס מיט זילבערנע גראַווירטע שייטלעך, פּאַרצייטיקע פּיסטוילן מיט געפּוצטע הענטלעך, האָבן זיך עפּעס ניט געפּאַסט אין דער נייער יידישער שטוב. און ווען יאָסל, חנטשעס מאַן, טרעפט אָן מיטן בליק זייערע פאַרשטויבטע רוקנס, צעפלאַקערט זיך אויפסניי דער כעס אין זיין איינגע־פאַלענער ברוסט:

— חנטשע, וואַרף אַרויס די „בלעכלעך"!

ווייזט ער אָן אויף די מעסערס און פּיסטוילן וואָס האָבן אין זייער פאַרגליווערטקייט אומהיימלעך געמאַכט זיין נייע היים.

— ווען כ'בין אַזאַ בטלן ווי דו, וואָלטן מיר נאָך היינט געווינט אין אַביידל! — האַקט חנטשע בייסיק איבער, דערביי גיסט זיך אָן איר שפּיציק נעזל מיט רויטקייט.

נאָך זיי האָט זיך אין הויז אַריינגעקליבן אַ יונג פּאַרל פון רומעניע. באַלד אויפן ערשטן בליק האָבן זיך די רומענישע פרוי און חנטשע פיינט באַקומען. צי ווייל חנטשע האָט עפּעס מאָדנע געשמייכלט צו דעם מאַן אירן, אָדער — וואָס ביי חנטשען איז די וואָנט באַהאַנגען מיט אָן אַראַבישן טעפּיך און ביי איר — בלויז צוויי סוכנות־בעטלעך. חנטשען ווידער האָט פאַרדראָסן, וואָס אַ יידיש קינד קען ניט קיין יידיש און נאָכמער, וואָס אין די פאַרנאַכטן, ווען איר מאַן קומט אַהיים, לאַשטשעט זי זיך, קריכט אים אַרויף אויף זיינע קני, צוגויפּציענדיק דערביי און קרימענדיק מיט די ליפּעלעך.

— וואָלט די „פּליאַנדרע" כאָטש דאָס פענצטער פאַרשטעלט — רעדט חנטשע ווי צו זיך, אָבער זי וויל, אַז דער פאַרטראַכטער און שווייגנדיקער מאַן זאָל דאָס הערן. אין דער אמתן וויל זי גאַרניט מען זאָל פאַרשטעלן דאָס פענצטער. זי קוקט מיט נייגעריקייט, ווי יענע מאַכט זיך פאַר אַ קליין, אומבאַהאָלפן מיידעלע און ער, דער מאַן, גלעט זי מיט אַ שטאַרקער האַנט.

חנטשעס אויגן פינקלען אויף און נעמען האַסטיק באַגיסן יאָסלען מיט עמערס פייער. האָט זי נאָך מער פיינט די „רומענקע", מאַכט איר

נאָך די מויל־באַוועגונגען און די צוויי פאַרשמירטע קינדער זעצן דערפון אַרויס מיט געלעכטער און בעטן זיך:

— מאַמע, נאָך, נאָך, ווייז נאָך אַביסל!

די קינדערישע פריילעכקייט שטויסט יאָסלען אַרויס פון זיין פאַר־טראַכטקייט און אין פאַרלעגנהייט זוכט ער אַן אַרבעט מיט די דאַרע פינגער. די צוויי פאַלדן אויף זיינע איינגעפאַלענע שלעכט־אויסראַזירטע באַקן שניידן זיך איין טיפער אין דער רויער, שאַרסטקער הויט פון זיין פנים.

די דריי ליידיקע שטיבער אויפן שטאָק האָבן אויך ניט געדאַרפט לאַנג וואַרטן. עזרא דער תימנער מיט זיין משפחה האָבן זיך אַריינגעקליבן אין צוויי פון זיי.

עזרא איז ניט קיין עולה חדש. ער איז שוין העכער פינף און צוואַנציק יאָר אין לאַנד, געוווינט ערגעץ צווישן תל־אביב און יפו, אָבער זיין דירה אין צעשטערט געוואָרן אין דער באַפרייאונגס־מלחמה, האָט אים דער אַפּוטרופּוס־אַמט אויסגעטיילט דאָ זיין מקום־מקלט.

דער נידעריקער עזרא איז פאַרפאָרן אין הויף אַריין מיט אַ האַנט־וועגעלע. יעדע ווילע האָט ער עפּעס אַראָפּגעשלעפּט פונעם וועגעלע וואָס איז באַלייגט געווען מיט זיינע אָפּגעראַטעוועטע „בעבעכעס", אַראָפּגעשלעפּט און פלינק אַרויף און אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ. צוגעהאָלפן האָט אים זיין ווייב, וואָס האָט אַ שטאַרק אומצופרידענע אונטערגעברומט. איר פנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ טונקעלער כמאַרע. עזרא אָבער האָט געשמייכלט, זיין דאַר בערדעלע האָט געשמייכלט און די פּיאות האָבן פריילעך אונטערגעטאַנצט.

— אין דבר, ניט צו פאַרזינדיקן, אַנדערע האָבן אַזאַ דירה אויך ניט. אַ לויב צו גאָט דערפאַר.

עזראס ווערטער האָבן אָבער די כמאַרע פון זיין ווייבס פנים ניט באַוויזן צו פאַרטרייבן. חנטשע האָט זיי פון איר טיר נאָכגעפאָלגט מיט נייגער. אַלעמאָל, ווען עזראס ווייב האָט אַ העכערן ברום געטאָן, האָט ער, עזרא, זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעלאָזט פונעם אַקסל דאָס געטראָגענע מעבל־שטיק און אַריינשמייכלענדיק איר אין פנים ווידער אַ זאָג געטאָן:

— נעמה, ניט געדאגהט, נעמה.

דער עלף־יעריקער יחיא האָט זיי צוגעהאָלפן. זיינע שוואַרצע אייגעלעך האָבן געבליט פאַר גליק, וואָס ער קאָן זיך אַרומפּאָרען און, בכלל, טאָן וואָס ער וויל. ווען אַלע זאַכן זענען שוין געווען אויבן, האָבן זיי מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט אַריינגעטראָגן אין הויף אַריין אַן אויסגעבעטע שטול, אויף וועלכער עס האָט געררוט עזראס פאָטער. דער אַלטער איז געווען געליימט. ער איז געזעסן אָנגעטאָן אין אַ לאַנג גרוי העמד אין פּאַסן און פונעם העמד האָט אַרויסגעקוקט אַ שפּיציק קעפּל, וואָס איז גיכער ענלעך געווען צו אַ קאָפּ פון אַ פויגל. צווישן צוויי בעזעמלעך גרויע האָר האָט זיך געהאָרבט אַ געררונצלטע נאָז. די הויט פונעם פּנים און הענט איז געווען אַזוי אויסגעטריקנט און צעקנייטשט, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, אָט־אָט צעשיט זיך דאָס. אויפן אָרט פון אויגן זענען געווען צוויי בלוט־פאַראייטערטע עפענונגען, פון וועלכע ס'זענען גערונען אַן אויפהער טרערן. מיט גרויס זאָרג און מי האָט עזרא מיטן ווייב די שטול אַוועקגעשטעלט אויף אַן אָרט, ווו די זון באַקט אַממערסטן, ווייל שטענדיק איז דעם אַלטן קאַלט. אַזוי פלעגט מען שוין יעדן טאָג אַראָפּטראָגן די שטול מיטן אַלטן אויפן הייפל, ווו ער פלעגט אָפּזיצן ביז נעמהס צוריקקערן זיך פאַרנאַכט פון תל־אביב, פונעם „כרמל־שוק", ווו זי האָט שוין יאָרן־לאַנג אַ געשטעל פון פרוכטן און גרינס. מיטן נאַכט אָנקומען האָט מען די שטול צוגענומען.

חנטשע באַוווּנדערט דאָס געדולד מיט וועלכער די תימנישע משפּחה באַציט זיך צום טרייסלענדיקן אַלטיטשקן, וואָס איז שוין איבער די הונדערט, ווי עזרא באַדינט אים, וואַשט אים און גיט אים דאָס עסן אין דער אַן־ציינערדיקער, טונקעלער מויל־עפענונג. זי באַוווּנדערט, זי איז אָבער אויך אומצופרידן, וואָס דער אַלטער געפינט זיך אין הייפל און וואַרפט אַן אַן אימה מיט זיין אומבאַוועגלעכקייט. נאָר ווען עס גייט ווער דורך דעם הויף, לאָזט דער אַלטער אַרויס פון קעל אַ געלעכטער־ניט־געלעכטער, קיינער קאָן ניט אונטערשיידן וואָס דאָס איז, אָבער די הויט ווערט געררונצלט פונעם פּחד, וואָס דאָס רופט אַרויס.

אין שטוב באַלעבאַטעוועט עזרא. אינמיטן טאָג כאַפּט ער זיך נאָך צו צום מאַרק אַרויסצוהעלפן דעם ווייב. חנטשע באַנעמט ווינציק זיין גאַרגלענדיקן עברית, אָבער ווען עזרא וויל, אַז חנטשע זאָל פאַרשטיין, ווערן זיינע פינגער־שפּיצן אַרויסהעלפער. צוזאַמען מיטן מויל באַוועגן זיך זיינע הענט. א פינגער בייגט זיך איין, א פינגער ציט זיך אויס און אַז מען דאַרף — גייען אין באַוועגונג אַלע פינגער און חנטשע פאַרשטייט שוין וואָס עזרא רעדט צו איר.

דאָס תימנישע פּאַרפאָלק האָט נאָך אַ טאָכטער, אַ דערוואַקסענע שוין. קומט זי זעלטן אַרויף צו די עלטערן. אַן אַרטיסטין געוואָרן. שפּילט דאָרט ערגעץ אין די תל־אַביבער טעאַטערן. מען זאָגט, אַז דורכן ראַדיאָ זינגט זי לידער. ווען די טאָכטער באַווייזט זיך, איז חנטשע שטענדיק אויף דער וואַך. זי באַמיט זיך שוין צו זיין אויבן ביי דער טיר און צו הערן, וואָס דאָרט קומט פאָר צווישן עלטערן און טאָכטער. די טאָכטער, אויף שטאַרק הויכע אָפּצאַסן, מיט אַ שנירל פּערל אויפן טונקעלן האַלדז, מיט געפאַרבטע ליפּן, קומט ניט אַליין. שטענדיק באַגלייט איר אַן אַשכנזישער בחור, וואָס ציט אַראָפּ דעם הוט אויפן קאָפּ האָרט ביי דער טיר פון אירע עלטערן. חנטשע קאָן נאָר ניט דערגיין צי דער בחור איז אַ חתן, אָדער שוין א מאַן, ווייל ניט עזרא און ניט נעמה דערציילן עפּעס וועגן זייער טאָכטער.

מיט איר באַווייזן זיך ווערט אַ מאָדנע שטימונג ביי עזראן אין שטוב. די טאָכטער קושט דער מוטער אין די פאַרוועלקטע באַקן און רעדט אין איר עפּעס אַריין, ווי זי וואָלט איר געהאַט אַ סוד אַנצופאַרטרויען, דערביי שמייכלט זי אין פאַרלעגנהייט. חנטשע קאָן בשום אופן ניט אויפכאַפּן דורכן שליסל־לאָך, וואָס זי רעדט דאָרט מיט נעמהן. זי זעט נאָר ווי נעמה ווישט מיטן עק קלייד דאָס פּנים, ווי זי וואָלט וועלן אַראָפּרייבן די צייכנס פון דער טאָכטערס שמינקע. ענדלעך זעצט זיך די טאָכטער צום טיש. אויך דער באַגלייטער טוט דאָס זעלבע. ער זיצט אַביסל שטייפלעך און אַביסל פרעמדלעך. נעמה דערלאַנגט קאַווע. מען טרינקט שוויַיגנדיק, בלויז עזרא ציט און זופּט צו הויך די קאַווע פונעם גלאָז. דער קלײנער

יחיא איז צופרידן מיט דער שוועסטערס באַזוך. ער רירט אָן די ווייסע פּערל אויפן שיינעם, ברוינעם האַלדז פון דער שוועסטער, שפּילט זיך מיט דעם בלישטשענדיקן שלאָס פונעם לעדערנעם האַנט־בײַטל און קײַט דערבײַ די זיסיקייטן, וואָס ער האָט באַקומען פונעם באַגלייטער, וועלכער זיצט אַלץ שטײַפלעך און וואַרפט יעדע ווײַלע אַ באַהאַלטענעם בליק צום האַנט־זייגערל. צום סוף שטייט מען אויף. חנטשע טראָגט זיך פלינק אָפּ. מען לאָזט זיך אַראָפּגיין. אויפן הייפל פאַרהאַלט זיך די טאָכטער, בייגט זיך איבער איבערן אַלטיטשקן און שרייט אים אַריין אין פויגל־פּנים:

— סבא, סבא!

דער אַלטער צעעפנט דעם מויל־לאָך און דאָס געוויין־געלעכטער צעשניידט די הויף־שטילקייט. ווערט אַלעמען קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן און די טאָכטער מיט איר באַגלייטער אײַלן זיך געשווינד אַוועק. אין עזראס שטוב בלײַבן נאָך לאַנג איבער די ריחות פון דער טאָכטערס קליידער. די ריחות מישן זיך אויס מיטן טרויער, וואָס אַזאַ באַזוך לאָזט נאָך זיך איבער. נעמה שטייט בײַם פענצטער און קוקט נאָך דער טאָכטער, וואָס דערווײַטערט זיך איבער די גאַסן־טרעפּ אַראָפּ, ביז זי פאַרשווינדט אינגאַנצן.

**
*

אין הויף ליגן די שטיינער נאַקעט פאַר דער זון. דער בשותפות־דיקער קראַן, וואָס געפינט זיך בײַ איינער פון די ווענט, איז צעבראָכן און דאָס וואַסער קאַפּעט מיט קורצע פויזעס. אַרום דעם קראַן זענען די שטיינער פאַרצויגן מיט אַ גרינעם, פעטן שליים. לעבן קראַן שטייט אַ האַלב אָפּגעדאַרט מאַנדל־ביימל, וואָס שפּאַרט זיך אָן בײַ אַ הויז־ווינקל. זײַנע שיטערע גרינלעכע שפּיצן קלעטערן אַריבער דער בלינדער וואַנט.

בײַטאָג איז דער הויף גרוי פון היץ און פון שטויב. דער אַלטער תימנער אין זײַן פאַסן־העמד אָטעמט אײַן זיך אַרײַן די שטומקייט פון די שטיינער און די גרויקייטן פון די ווענט און ווען ס'דוכט זיך אים,

אז ער הערט אַ שאַרך, אַ געררודער — לאָזט ער פון זיך אַרויס זיין שלוכץ־געלעכטער. דער איינציקער צייכן אַז ער לעבט, אַז ער איז ניט איינער פון די אַלטע שטיינער, וואָס ליגן דאָ אין דעם שמאָלן יפוער טרעפּן־געסל.

אין דעם לעצטן לײדיקן צימער האָט זיך אַריינגעקליבן אַן אַלמנה. אַ באַשײדענע, מיט ווינציק זאַכן איז זי געקומען אין דעם ענגן הויף. פאַר חנטשען איז דאָס אַליין שוין געווען גענוג, אַז זי זאָל זי קאָנען באַרעדן פאַר דער „רומענקע״. די אַלמנה איז אַ גאַנצן טאָג ניט געווען אין דער היים, געאַרבעט ערגעץ אויסער דער שטאָט און חנטשע האָט זיך געפילט געקרענקט, וואָס זי קאָן ניט דערגיין ווו דער „ערגעץ״ ליגט.

— וואָס גייט דיר אָן ווו די פרוי קאַפּלאַן אַרבעט ? — מישט זיך יאָסל אַריין, אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פון איבערן שוך, וועלכן ער האָט פאַריכט.

— זע נאָר ווי ער נעמט זיך דאָס אָן יענעמס קריוודע ! „פרוי ק־אַ־אַ־פּלאַן״. — שפעט זי אים נאָך, אומישנע צעציענדיק די ווערטער. — כ׳האָב גאָרניט געוווּסט וואָס פאַראַ איידעלן מאַן איך האָב. ס׳פּאַסט דיר גאָרניט צו זיין אַ שוסטער, כ׳לעבן !

יאָסל האָט איר דאָסמאָל ניט אָפּגעענטפערט. טיפער דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און מיטן העמערל די פלעקלעך אין שוך אַריינגעקלאַפּט. עס האָט אויסגעזען, אַז ניט בלויז קיין פלעקלעך שלעפּט ער פון צווישן די ציינער אַרויס, נאָר אויך די ווערטער, וואָס ער האָט חנטשען ניט געקאָנט אָפּענטפערן. שלעפּט ער זיי איינציקווייז פון צווישן די ליפּן אַרויס און שלאָגט זיי אַריין אינעם שוך.

פאַרנאַכט, ווען די זון טוט זיך אָפּ פונעם הייפל, קומט די אַלמנה צוריק פון דער אַרבעט. חנטשע האָט אַ סימן : דער זקן צעשיט איבערן הייפל זיין געלעכטער־ניט־געלעכטער. די אַלמנה קומט, זאָגט יעדערן שלום, שטעלט זיך אַפילו אָפּ ביי דעם גריַיז, שטופּט אים אַריין אין זיין אַנמעכטיקער האַנט אַ קאָסטקע צוקער און גייט אַרויף אין איר צימער. באַלד נאָך איר, שטעלן זיך אַריין עזרא מיטן ווייב. דאָס ווייב האָט גע־ ברענגט אַ קויש מיט ירקות און זי נעמט זיך טאַקע גלייך גרייטן וועטשערע.

יאָסל לייגט אוועק זיין אַרבעט און קומט אַרויס מיט אַ קליין בענקעלע. אויך די אַלמנה באַווייזט זיך. חנטשע איז נאָך פּאַרטאָן אין די צימערן, נאָר קיין זאַך גייט ניט פאַרלוירן פאַר איר בליק און געהער. יאָסל וואָלט זיך גערן אַביסל דורכגעשמועסט מיט דער אַלמנה. אַ שטילע אַזאַ איז זי און איר פּנים אָטעמט מיט גוטסקייט, נאָר ער האָט עס מורא צו טאָן, ווייל ניט זעענדיק זיין ווייב, פילט ער איר לעבן זיך און אַרום זיך. ס׳קומען אָן צו לויפן יאָסלס בנים. מען הערט זיי שוין שפּרינגען איבער די גאַסן־טרעפּ, וואָס זענען פול מיט גריבלעך און מיט שפּאַלטן. אַז די בנים קומען אין הייפל אַריין, ווערט דער הויף ענגער און טומלדיקער. אויך די לופט ווערט געדיכטער פון די תימנישע שאַרפע מאכלים און פון חנטשעס צוגערייטע גריץ. פון איבער דער בלינדער וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם הויף פון דער גאַס, לויפט אָן אַ ווינטל און קילט די הויף־שטיינער און פאַרטשעפּעט זיך אַפילו צווישן די שיטערע צווייגלעך פון דעם ביימל, וואָס שטאַרצט דאָ און ניט עס בליט און ניט עס וועלקט. ס׳שטייט.

ווטשערע עסט מען אויפן הייפל. ס׳איז לעבעדיק און טומלדיק. נאָכן עסן זיצט מען נאָך לאַנג אינדרויסן. עזראס ווייב, נעמה, פאַרציילט וועגן די קונים וואָס קומען צו איר קויפן גרינס. זי מאַכט זיי נאָך ווי זיי טאָפּן אויס די פּאָמידאָרן, ווי זיי וועגן אין דער האַנט אַ הייפּטל קרויט. חנטשע ברומט אומצופרידן, ווייל זי פאַרשטייט קנאַפּ אירע כאַרכלענדיקע ווערטער און רעדט אויס פאַר דער אַלמנה אויף דער „רומענקע״, וואָס איז אַזוי פאַרטאָן מיט איר מאַן, אַז זי האָט גאַרניט קיין צייט אין הייפל אַרויסצוקומען און זיך אויך צוזעצן אַביסל. יאָסל זיצט אַ שווייגנדיקער, ווי מחוץ דעם געזעמל. אַז חנטשע רעדט האָט ער פיינט זיך אַריינצומישן. נאָר אַז מען גיט אים עפּעס אַ פרעג, ענטפערט ער אָפּ און זינקט ווייטער אַראָפּ אין זיין שווייגן. ווען ניט זיינע אויגן, קאָן זיך אויסדוכטן אַז ער דרעמלט, אָדער ער איז אַוועקגעגאַנגען און נאָר על־פּי־טעות איבערגעלאָזט דאָ זיין גוף. זיינע אויגן זענען וואַך, אָבער מען זעט ניט אין זיי קיין פונק פון חשק אָנטייל צו נעמען אין זיין ווייבס שמועסן, וואָס זי פירט מיט די שכנים. פון צייט צו צייט וואַרפט ער יאַ אַריין אַ

וואָרט, כדי צו דערווייזן, אַז ער איז וואַך, נאָר סתם האָט ער ניט וואָס צו זאָגן.

ווען ס׳ווערט שוין גאָר, גאָר פינצטער, צעגייט מען זיך איבער די שטיבער. אויך דער אַלטער אויף זיין שטול ווערט נעלם. פאַרלירט דער הויף אַ טייל פון זיין לאַנדשאַפט. ווען דער הויף וויקלט זיך איין אין שלאָף קומט די אַלמנה צוריק אַראָפּ. זי האָט ליב דעם הויף אין די נאַכט־שעהן. ביינאַכט זענען אַפילו די מויערן ניט אַזוי שטום ווי ביי־טאָג. מען זעט ניט זייער הוילע נאַקעטקייט און זייער שימל. דער קראַן ביי דער וואַנט קאַפּעט ביינאַכט שאַרפער, אָבער דאָס שטערט איר שוין ניט, זיך צוגעוווינט. אַפּטמאָל דוכט זיך איר, אַז אַזוי טריפן פון איר אין דער נאַכט אַריין אירע מחשבות. אַז די אַלמנה איז אַראָפּגעקומען און זיך צוגעזעצט, האָט זי ערשט דערפילט, אַז זי איז ניט אַליין. אויף אַ נידעריק בענקעלע איז נאָך עמעצער געזעסן.

— וואָס טוט איר נאָך אינדרויסן, עס שלאָפט זיך ניט?

פון דער זייט פון בענקעלע קומט ניט קיין ענטפער.

— און איך האָב אַלץ געמיינט, אַז איר האַלט זיך אָן אין דער ווייבס קלייד, — גיט זי, אַביסל שפּאַטיש און אַביסל ערנסט אַ זאָג, און דערביי צעלאַכט זי זיך שטיל. קיינער ענטפערט איר ניט אָפּ מיט אַ וואָרט.

— איר ווייסט, ס׳געפעלט מיר אייער געוואַגטקייט. איר זייט ביי מיר צוריק אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן. נאָר ניט לאָזן זיך קריכן אויפן קאָפּ, נאָר ניט לאָזן! איר זייט אַ פיינער מענטש און כ׳בין צופרידן וואָס כ׳האָב אייך דאָ איצטער באַגעגנט.

דער קראַן מישט זיך שאַרף אַריין. טוט אַ קאַפּע, מאַכט אַ פויזע און ווידער אַ קאַפּע.

— רוקט אייך צו נעענטער מיט אייער בענקעלע, כ׳קאָן דאָך ניט שרייען איבערן גאַנצן הויף, אייער חנטשע וועט נאָך דערהערן! איר ווילט ניט, איז ניט!

אַן אָנגעברוגזטע שטייט זי אויף און גייט פאַרביי דעם קליינעם

בענקעלע. ערשט איצט באַמערקט זי, אַז דאָס איז אַ זעקל מיט אַלטע שיך, וואָס יאָסל האָט אויף ביינאַכט אַרויסגעשטעלט אין דרויסן.

צומאָרגנס האָט חנטשע פאַר דער „רומענקע" דערציילט, אַז די אַלמנה איז ניט מיט אַלעמען. אַז זי שלייכט זיך אַרום גאַנצע נעכט איבערן הויף און רעדט מיט זיך און לאַכט צו זיך. יאָסל אָבער טראַכט אַנדערש וועגן דער אַלמנה. בחוש פילט ער, אַז ס'איז ניט אַזוי ווי חנטשע מיינט. ער ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר ער פילט, אַז מיט אָט דער פרוי קאָן ער אָפּזיצן שעהן גאַנצע און איר אויסהאָרכן. ער אַליין וואָלט קיין סך ניט גערעדט, ווייל וואָס איז דאָ אַזויפיל צו רעדן? אָבער איר, איר וואָלט ער יאָ געלאָזט זיך אויסרעדן.

וואָס שטאַרקער חנטשע באַרעדט די אַלמנה, האָט יאָסל איר מער גערן און שעצט זי מער. יאָסל ווייזט עס מיט גאָרניט אַרויס, אָבער די אַלמנה פילט יאָ. זי כאַפּט עס אָפּטמאָל אַרויס פון זיין בליק, ווען דער בליק פאַרהאַלט זיך לענגער אויף איר פּנים.

ביינאַכט האָט יאָסל געהערט ווי די אַלמנה איז ווידער אַראָפּגעקומען אין הויף אַריין. אויך אים האָט עפּעס גענומען אַרויסציען. האָט אים אָבער דער ווילן ניט געסטאַיעט. לעבן אים איז חנטשע געלעגן און אַפילו אַ שלאָפנדיקע איז זי אויך געווען אַ באַלעבאָס איבער זיינע טואונגען.

איינמאָל אָבער האָט ער זיך יאָ אָנגענומען מיט מוט און איז אַרויסגעגאַנגען. אָן חשבונות און אָן לאַנגע טראַכטענישן האָט ער עס געטאָן, ס'איז געשען אַזוי פּשוט. דער פאַרלאַנג איז צו אים געקומען אַ פאַרטיקער, אַ רייפער.

איז ער אויפגעשטאַנען און זיך באַמיט צו פאַרהאַלטן זיך ווי אַמשטילסטן, אָבער ווי שטענדיק, ווען דאָס באַוווסטזיין און דער ווילן זענען צו עפּעס אָנגעשטרענגט, דווקא דעמלט גיט מען אַ שטויס אַ בענקל. יאָסל בלייבט א פאַרציטערטער שטיין, נאָר חנטשע האָט זיך פון דעם רעש ניט איבערגעוועקט. אַרויסקומענדיק האָט ער אָבער קיינעם ניט געטראָפן. דער הויף איז געווען פּוסט און שוואַרץ, נאָר דער קראַן האָט געציילט זיינע טראָפּן איבער די גליטשיקע שטיינער און אויפן ביימל.

האָט עפּעס אַ נאַכט־פֿויגל געפּאַטשט מיט די פֿליגלען. יאָסל האָט זיינע בליקן אָנגעהאָנגען אויף דער אַלמנהס פּענצטער אָבער אויך זיי, ווי די נאַכט, זענען געווען שוואַרץ. איז ער צוריק אַריין און אין דרויסן פֿאַר דער שוועל האָט אַ דינע בענקעניש נאָך לאַנג זיך אַרומגעבלאָנקעט.

שפּעטער, אַז די אַלמנה פֿלעגט זיך אַמאָל צוזעצן אין אַ פֿאַרנאַכט לעבן חנטשעס טיר, האָט יאָסל די אויגן אָפּגעקערט, ניט געקאָנט זיך אָנטרעפֿן מיט איר בליק, אָבער אַז אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט זיך די אַלמנה פּלוצעם פֿונעם הויף אַרויסגעצויגן, האָט עס קיינער ניט אַזוי אָפּגעפֿילט ווי יאָסל. ערשט איצט האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט עפּעס פֿאַרלוירן, אַז ער איז מיט עפּעס אָרעמער געוואָרן. די נאַקעטע שויבן פֿון דער אלמנהס צימער האָבן שטיל אַראָפּגעקוקט אין הייפֿל אַריין, און דאָס הייפֿל האָט זיך זיין לעבן געלעבט.

ווו דער ים מיטן הימל...

פון אַרומרייסן זיך מיט די קונים ביים פיש־געשטעל, וואָס זי האָט געהאַלטן ניט ווייט פונעם אַלטן טורעם־זייגער, האָט קיילע באַקומען אַ רויע שטים. פון אירע קליידער האָט זיך געטראָגן אַ פאַרדעמפּטער ריח פון פיש און פון וואַסער־געוויקסן. אין די ניט צעקעמטע האָר, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אונטערן אויסגעבליאַקעוועטן קאָפּ־טיכל, האָט מען שטענדיק אָנגעזען פיש־שופּן.

אַ שווער לעבן האָט קיילע געהאַט. זי האָט געשלעפּט דעם עול פון פּרנסה, ווייל דער מאַן איז געווען אַ קאָרטן־שפּילער — ניט געדאגהט פאַר דער שטוב און ניט פאַר די קינדער — פּערעלע און דעם קליינעם מענדעלע.

מענדעלע איז געוואַקסן ווי אַ ווילד געוויקס. ער איז געווען שטיל און אַריינגעטאָן אין זיך. מען האָט אים אין שטוב, ווי ניט אָנגעזען. אויך אין געסל אַזוי. ער איז ניט אַרומגעלאָפן, ניט אָנטייל גענומען אין טומלענ־דיקע שפּילערייען, וואָס די קינדער פונעם געסל, האָבן צוגעטראַכט. געשפּילט האָט ער זיך כמעט אַליין מיט די גרויסע לאָדקעס, וואָס זענען פאַרבליבן פון די אַראַבישע פישער, וועלכע האָבן אַמאָל באַוווינט דאָס געסל. די לאָדקעס האָבן זיך געוואַלגערט אויף א שטיינערדיק פּלעצל, ניט ווייט פון ים־ברעג. פון טייל לאָדקעס איז פאַרבליבן בלויז דער אייזערנער, זשאַווערנדיקער סקעלעט און ביי אַנדערע האָט מען נאָך אָנגעזען די הילצערנע ווענטלעך.

ניט איינמאָל האָט מענדעלע ביי זיך געטראַכט, אַז ווען ער וועט גרעסער ווערן, וועט ער נעמען איינע פון די לאָדקעס און אַרויסלאָזן זיך איבערן ים. די קינדער פון געסל וועלן שטיין ביים ברעג און פול מיט

התפעלות קוקן ווי ער רודערט אָוועק און דערוויטערט זיך געשווינד. ער וועט צו זיי פּאַכען מיט א האַנט און זיי וועלן אים אָפּענטפערן.

דערנאָך, ווען ער וועט זיך אומקערן צום ברעג און די קינדער וועלן אים אַרומרינגלען, וועט ער זיי דערציילן, אַז ער איז געווען מיט זיין שיפל דאָרט ווו דער ים מיטן הימל גייען זיך צונויף.

***

דאָס הויז, אין וועלכן מענדעלע מיט זיינע עלטערן האָבן געוווינט, איז ווי אַלע הייזער פון דעם אַלטן יפוער געסל, געשטאַנען האַרט ביים ברעג פון ים. אין אונטערשטן טייל פונעם הויז האָבן זיך כסדר אַנגעשלאָגן די ים־כוואַליעס. דעריבער איז צו דער הינטער־וואַנט געווען צוגעבויט א משופּעדיקע בייוואַנט פון גרויסע שטיינער, כדי דאָס הויז זאָל אויסהאַלטן דעם כוואַליע־דרוק און זאָל ניט צעפרעסן ווערן פון דער נעץ. די שטיינער, באַדעקטע מיט אַ לאַנג־יעריקן גרינעם שימל־פּלוש, האָבן אויס־געזען מעכטיק און צוגעגעבן דעם הויז אַן אויסזען פון א פאַרצייטיקער פעסטונג. פון פאָרנט איז עס געווען א געוויינטלעכע אַראַבישע געביידע, וואָס איז מיט די געשפּאָלטענע ווענט, מיט די חושכדיקע, האַלב־געוועלבטע קאָרידאָרן, ענלעך געווען צו א פאַרלאָזענער חורבה. מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז אָט־אָט צעפאַלט זיך עס. אָבער אויך דאָס איז געווען אַן אויסדאַכטונג.

זייער וווינונג איז באַשטאַנען פון איין גרויס און לענגלעך צימער מיט א פאַרקיילעכדיקטן, הויכן סופיט און מיט א פּאָדלאָגע פון גרין־רויטע באַלאַטן, וואָס לרוב זענען זיי געווען געשפּאָלטן און געהאַט אויסריסן.

דאָס צימער — פאַרטונקען אין גרויקייט, האָט דערמאָנט אין ערב־טאָג־ליכט, ווייל דאָס גרויסע פענצטער איז ניט דירעקט אַרויסגע־גאַנגען צום דרויסן, נאָר אין קאָרידאָר אַריין — און צום לענגלעכן קאָרידאָר איז דאָס ביסל טאָג־ליכט אויך ניט אַזוי גרינג צוגעקומען. דאָס צווייטע — אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט, איז געווען א קליין,

קיילעכדיק פּענצטערל און האָט אַרויסגעקוקט, ווי אַן אויג אַן אַ ברעם, צום ים. אויך אין דעם פּענצטערל איז מער אַריינגעדרונגען דער רעש פון די כוואַליעס, ווי דער אָפּגלאַנץ פונעם טאָג. דעריבער האָט סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט געברענט אַן עלעקטריש לעמפּל און אַז מען איז געזעסן אַ לאַנגע צייט אין צימער, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אויף דער וועלט האָט זיך געשטעלט אײן צייט, וואָס איז ניט טאָג און ניט נאַכט.

די האַלב־טונקלקייט איז געווען ווי אַ דריט וועזן, וועלכעס מען קאָן ניט אָנטאַפּן, ניט אַרויסרעדן צו דעם אַ וואָרט, אָבער מען איז געצוווּנגען דערמיט צו געפינען זיך אונטער איין דאַך. די מוטנע גרויקייט האָט זיך אַרום אַלץ און אַלעמען אַרומגעוועבט, צו אַלץ זיך צוגעקלעפּט און אַלץ אַדורכגעדרונגען. אַז פּערעלען פלעגט אויסקומען צו גיין אין מכלת איינצוקויפן, האָט זי זיך געוווּנדערט וואָס אין דרויסן איז דאָ אַזויפיל זון־ליכט, אַזויפיל בלויקייט.

אין דעם זעלבן בנין, פון פאָרנט, האָט זיך געפונען אַ „קאַפע־הויז" איבער וועלכן ס'איז געהאַנגען אַ שילדל מיט צוויי בלויע מגן־דודן און מיט אַן אויפשריפט אין העברעיש און אַראַביש: „קפה מולדת". דאָס „קאַפע־הויז" האָט זיך געפונען אין אַ טונקעלער נישע, וואָס האָט פריער געדינט פאַר אַ סקלאַד פון אַלטע, אָפּגענוצטע פישער־נעצן, ברעטער, שרויפן און פון פעסער סמאָלע. דאָס „קאַפע־הויז" האָט נאָך געהאַט אַ „גערטנדל", אַן אַרומגעצוימט שטיקל פלאַץ, מיט אַ דעכל פון ראָגאָזשעס. אין „גערטנדל" זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אַ צענדליק נידעריקע און שטאַרק אָפּגעקראַכענע טישלעך, מיט נאָך נידעריקערע בענקעלעך, מיט געזעסן פון געפלאָכטענע שטריק און זענען שטענדיק געווען באַזעצט מיט פאָרט־אַרבעטער, טרעגערס, בעל־מלאכהס און סתם ליידיקגייער, וואָס מ'האָט ניט געוווּסט מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך. מען האָט דאָרט אַ סך געררויכערט, אַ סך געליאַרעמט ביים שפּילן „שעשבעש" און אין קאָרטן. מען האָט געזופּט קאַווע פון קליינע שעלעכלעך און זיך געשאָלטן אויף קולי־קולות מיט יידישע און אַראַבישע קללות און אין דעם גאַנצן גערודער האָט אַ ראַדיאָ־קעסטל אַריינגעבויערט זיינע צעצויגענע טענער.

דאָרט ביי די טישלעך, איז אויך געזעסן מענדעלעס פּאָטער — גאָדל.

מענדעלען איז ניט איינמאָל אויסגעקומען אַריינצוגיין אין דעם „גערטנדל״ פון „קפה מולדת״, כדי צו זאָגן דעם טאַטן, אַז די מאַמע רופט אים, אַז די מאַמע באַדאַרפט אים. אויך דאָסמאָל איז ער געגאַנגען. אָבער צוקומענדיק צום פּאָטער, האָט מענדעלע פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז דאָ אַהערגעקומען. גאָדל האָט דעם קליינעם ניט באַמערקט, ער איז געווען אַריינגעטאָן אין דער שפּיל. איז מענדעלע געשטאַנען און אויסגעוואַרט. ער האָט געקוקט מיט פאַרדראָס און מיט קנאה אויף די מיטשפּילער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דאָס טישל, פונקט ווי זיי וואָלטן שולדיק געווען, וואָס דער טאַטע זיינער זעט אים ניט, וואָס דער טאַטע קומט אַזוי זעלטן אַהיים און גייט ניט אַרויסהעלפן דער מאַמען אין מאַרק אַריין. וואַרטנדיק אַזוי, האָט זיך אים פאַרוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל אַוועקוואַרפן די קאָרטן, אים אָננעמען פאַר א האַנט און אַרויסלאָזן זיך אויף א שפּאַציר, לענגאויס דעם ים־בערג, אָדער אין צענטער שטאָט, דאָרט ווו עס איז אַזוי ליכטיק ביינאַכט, ווו עס טראָגן זיך פאַרביי אויטאָס, אויטאָבוסן און ווו עס איז א געדראַנג פון מענטשן אויף די טראָטואַרן, און ער זאָל ביי איינעם פון די קיאָסקן פאַר אים קויפן א צוקערל אויף א שטעקל, ווי ער האָט עס אַמאָל געטאָן. מענדעלע דערמאָנט זיך ווי ניט איינמאָל האָט אים דער טאַטע אַרויפגעזעצט אויף דער פּלייצע און מיט אים אַרומגעקראָכן איבערן געסל. אַן אַנדערש מאָל האָט דער טאַטע אים אַריינגענומען צו זיך אין בעט און זיך מיט אים אַרומגעשפּילט, ביז די מאַמע האָט זיי ניט אַרויסגעטריבן צו גיין עסן. אַמבעסטן האָט מענדעלע ליב געהאַט דאָס שבתדיקע אַרומקאַמאַנדעווען אין טאַטנס בעט. ניט צו וויסן פאַרוואָס האָט דאָס אַלץ אויפגעהערט. אַנשטאָט אין שטוב, זיצט דער טאַטע אין „גערטנדל״ און וואַרפט מיט די קאָרטן, רויכערט אין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן און זופּט קאַווע פון קליינע טעפּעלעך. אָן אים, מענדעלען, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן, אַפילו צווישן זיינע קניען נעמט ער אים ניט אַריין. אָט שטייט ער שוין א לאַנגע צייט און וואַרט און ער ווייסט ניט צי זאָל ער דעם טאַטן א צי טאָן פאַר אַן אַרבל, אָדער אים פּשוט

א רוף טאָן. אָבער מענדעלע טוט ניט דאָס און ניט יענץ. אַז גאָדל דערזעעט אים ענדלעך, פרעגט ער נאָר אויס, וואָס ער האָט צו זאָגן און שיקט אים באַלד אָפּ צוריק אין שטוב און שויך, און מער גאָרניט. ווידער די קאָרטן, ווידער איז דער טאַטע פּאַרטאָן אין שפּיל.

***

די ווירטשאַפט אין שטוב האָט געפירט פּערעלע. פּערעלע האָט געהאַט א שוואַכלעכן אויסזען. מאָגער, ווי איר מאַמע איז עס געווען מיידלוויז, אָבער ענלעך איז זי גיכער געווען צום פאָטער. געהאַט גאָדלס ברוינע אויגן מיט זיין ווייסער הויט, אויך דעם תאוותדיקן אויסשניט פון די ליפּן — ווי ביי גאָדלען, און טאַקע: זי איז ביי אירע זעכצן יאָר שוין ניט איינגעזעסן אין שטוב, געלאָפן צו די טאַנץ־פּלעצער, וואָס האָבן זיך געמערט אין שטאָט און שטילערהייט, אויסער דער שטוב אַפילו זיך געפאַרבט די ליפּן.

אַממערסטן האָט זיך מיט מענדעלען פאַרנומען פּערעלע. זי האָט אים געוואַשן, עסן געגעבן, מיטגענומען איינצוקויפן און ניט זעלטן פלעגט זי אָפּרייסן עטלעכע פּיאַסטער און אים מכבד געווען מיט א פאַלאַפעל, אָדער גלידה. פאַר אים האָט זי זיך אָנפאַרטרויט, וועלכער בחור עס געפעלט איר און טיילמאָל אים אויסגענוצט, ער זאָל אָוועקטראָגן א בריוול צו דעם, אָדער צו יענעם יינגל. אַז ער פלעגט צוריקברענגען אַן ענטפער און אויב דער ענטפער איז איר געפעלן געוואָרן, פלעגט זי אים אַרומכאַפּן און אויסקושן זיינע באַקן.

***

אַז מ׳האָט מענדעלען געטריבן אין בעט אַריין, איז ער ניט גלייך איינגעשלאָפן, נאָר אָפּגעוואַרט דעם טאַטנס אָנקום פון גאַס. אויך קיילע און פּערעלע האָבן אויף אים אויסגעקוקט, כאָטש קיינס פון זיי האָט דאָס

ניט אַרויסגעוויזן. קיילע האָט ווי פֿאַרגעסן די טיר צו פֿאַרריגלען, פּערעלע האָט דאָס ליכט געלאָזט ברענען. האָט עס אויסגעזען, ווי אויך דאָס עלעקטרישע לעמפּל וואָלט עמעצן אָפּגעוואַרט. אַפילו ווען פּערעלע האָט שוין יאָ פֿאַרלאָשן דאָס לעמפּל, איז די טיר ווייטער געבליבן ניט געשלאָסן. די פֿינצטערניש האָט מיט איר גאַנצער קראַפֿט זיך צעלייגט איבער אַלעם, אַזוי אַז די שטוב האָט באַקומען אין מענדעלעס אויגן אַן אויסזען פֿון יענער באַרג־אויסהוילונג, אין וועלכער די קינדער פֿונעם געסל האָבן אים געהאַט מיטגעשלעפּט, און אין וועלכער עס האָבן זיך געוואַלגערט שאַרבנס און ביינער...

ס׳רוב איז אויך מענדעלע איינגעשלאָפֿן ניט דערוואַרטנדיק זיך אויפֿן פֿאָטער. נאָר טיילמאָל האָט ער אים יאָ געזען ווי ער גנבעט זיך אַריין אין דער שטוב, ווי ער זוכט אין די טעפּ און ווי ניט אַלע מאָל געפֿינט ער דאָרט עפּעס צום עסן. אַז ער געפֿינט ניט, קריכט ער אַ ברוגזער אַריין אין בעט און דרייט ויך לאַנג ביז ער ווערט אַנטשלאָפֿן.

עס האָט זיך אָבער געטראָפֿן, אַז גאָדל איז בכלל ניט געקומען אַהיים. אין איינער אַזאַ נאַכט האָט זיך דער קליינער איבערגעוועקט. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די שטוב וועט באַלד אונטערגיין, אַז די כוואַליעס, וואָס זייער גערויש איז צו אים דערגאַנגען דורכן קליינעם פֿענצטערל, וועלן זיך אין שטוב אַריינרייסן און אַלץ פֿאַרפֿלייצן, פֿון אַלץ אַ תּל מאַכן. ער האָט געוואָלט שרייען, רופֿן צו הילף און ניט געקאָנט קיין קלאַנג אַרויסברענגען. דער חושך פֿון דער נאַכט האָט אים געהאַלטן פֿעסט אַרומגעקלעמט. ער האָט זיך געפֿילט ווי מען וואָלט אים אַריינגעזעצט אין אַ טונקל פֿעסל, אין וועלכן ניט נאָר וואָס מען קאָן זיך ניט פֿריי באַוועגן, נאָר דאָס עטעמען קומט אויך אָן שווער. פֿאַר זיינע אויגן האָבן גענומען אַדורכשוועבן בילדער. זיי זענען געקומען אָפּגעריסן, אָבער זיי האָבן אין אים ביסלעכווייז די שרעק איינגעשטילט: אָט זעט ער דאָס שילדל פֿון „קפה מולדת״, און אָט — די לאָדקעס אויפֿן פּלעצל און דאָ ווידער דער מאַמעס מאַרק־געשטעל מיט לעבעדיקע פֿיש אין די בעקן. איין פֿיש האָט אין פּיסקל געהאַלטן פּערעלעס אַ בריוול, וואָס זי האָט אים,

מענדעלען, געגעבן ער זאָל עס אָפּטראָגן צו אַ בחור. די אַנדערע פּיש זענען נאָכגעשווומען און געוואָלט דאָס בריוול אַרויסכאַפּן, נאָר דער פּיש האָט זיך געוועקט. מענדעלען האָט עס אַזוי געוויילט, אַז ער האָט אַריינגעשמייכלט אין דער נאַכט. צום סוף איז געקומען די מידקייט, אַלע פאַנטאַזיעס און בילדער אָפּגעמעקט און פאַרפרושעט זיינע אויגן מיט שלאָף.

אַן אַנדערש מאָל, אויך ביינאַכט איז עס געווען, האָט זיך דורכן אָפענעם פענצטערל דערטראָגן פון ים־ברעג אַ געיאָמער, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיטן כוואַליע־פּליעסק. מענדעלע האָט צוערשט געמיינט, אַז דאָס פּייפט אַזוי אַ שיף פונדערווייטן, איידער זי דערנענטערט זיך צום פּאָרט. דאָס יאָמערן, וואָס ער האָט געהערט, איז דערוויל געוואָרן שוואַכער און איז געקומען מיט לענגערע איבעררייסן. מענדעלע האָט צוגעשטעלט צום פענצטערל אַ בענקל און זיך צוגעהערט. קיילע איז שוין, ווי געווינטלעך, געשלאָפן און פּערעלע איז נאָרוואָס געהאַט צוריקגעקומען פון דער שטאָט. זי האָט מיטגעבראַכט אַ ראָזלעך ניילאָן־שאַליקל און זיך עס צוגעמאָסטן צום האַלדז, צו די האָר, צו דער טאַליע און צוגעברומט אַ שטילן ניגון. מענדעלע, וועלכער איז די גאַנצע צייט ניט אָפּגעטרעטן פון פענצטערל, איז אַראָפּ פון בענקל, צו צו דער שוועסטער און זי אָנגעכאַפּט ביי אַ האַנט:

— פּערעלע, הערסט ?!

דער קליינער האָט זי געשלעפּט צום פענצטערל. צוערשט האָט פּערעלע אויסער דעם ים־גערויש גאָרניט ניט געהערט, אָבער צווישן איין כוואַליע־אָנלויף און אַ צווייטן, האָט זי גענומען אונטערשיידן אַ מין געוויין. האָט זי זיך שטיל פאַנאַנדערגעלאַכט, כדי קיילען ניט איבערצוּוועקן:

— וואָס זאָל איך הערן? אַ קאַץ מיאַוקעט און מער גאָרניט.

ווען פּערעלע האָט זיך שוין געהאַט אויסגעטאָן און אַרויף אויף איר געלעגער, איז מענדעלע באָרוועס, בלויז אין העמדל אַרויס פון שטוב און אַוועק צום ים־ברעג. ער האָט דאָס קעצל לייכט אָפּגעפונען. עס איז געלעגן אָן כוחות, אויסגעשמירט מיט נאַסן זאַמד. מענדעלע האָט עס אויפגעהויבן און אָפּגעשווענקט אין ים־וואַסער. אַ שטיקל לבנה איז

אַרויסגעקומען פון אונטער א לייכט, זומערדיק וואָלקנדל. דער הימל האָט זיך צעהעלט, אויך דער ים איז העלער געוואָרן, אָבער נאָך מערער פון אַלץ האָט געלויכטן די פייכטע, ווייסע פעל פונעם קעצל. מענדעלע האָט דאָס קעצל צוגעדריקט צו זיך. זיין העמדל איז אים געוואָרן פייכט. דאָס קעצל האָט אויפגעהערט צו ציטערן.

**
*

אַז גאָדל האָט זיך איינמאָל דריי טעג און דריי נעכט ניט באַוויזן אין שטוב, האָט קיילע באַשלאָסן, אַז ס'איז שוין די העכסטע צייט זי זאָל צו דעם מאַכן א סוף. לאָזן עס זאָל זיך ווייטער אַזוי ציען איז זי ניט מסוגל געווען צוליב זיך אַליין, צוליב די קינדער און צוליב דער „וועלט". אָבער זי האָט ביי זיך בשום אופן ניט געקאָנט פועלן, אַז זי זאָל אַריבער־טרעטן די שוועל פון דער „טומאה", ווי עס האָט ביי איר געהייסן דאָס „גערטנדל" פון „קפה מולדת". אין „גערטנדל" אַריין האָט זי שטענדיק געשיקט מענדעלען און אויך דאָסמאָל, ווען זי איז אויפגעשטאַנען און געזען, אַז דאָס בעט פון איר מאַן שטייט ווידער ניט באַרירט, האָט זי אויפגעוועקט דעם קליינעם און אים געזאָגט:

— כאַפּ זיך אַריין צום טאַטן און זאָג אים, אַז ער זאָל זיך מער ניט וואַגן צו באַווייזן. ער זאָל גיין ווו ער וויל, נאָר מער אין שטוב ניט קומען. איך וועל מער פאַר אים ניט האָרעווען, גענוג!

קיילעס רייד, וועלכע זי האָט זיך געסטאַרעט אַרויסצוזאָגן ווי ווייט מעגלעך מיט א געמאַכטער רואיקייט, זענען אין מענדעלען אַריינגע־דרונגען און אים וואָך געמאַכט. ער האָט אינגאַנצן קלאָר נאָך ניט פאַרשטאַנען וואָס די מאַמע מיינט, אַז דער טאַטע זאָל אין שטוב ניט קומען און אַז זי וועט פאַר אים ניט האָרעווען, אָבער מענדעלע האָט געפילט, אַז עפּעס גרייט זיך א שלעכטע זאַך פאַרן פאָטער. ער האָט זיך גענומען אָנטאָן. די קאַץ, וועלכע איז געלעגן אונטער זיין בעטל, איז — דערפילנדיק א באַוועגונג — אַפּערגעקומען, זיך אויסגעצויגן און גענומען רייבן די פעל

אָן ד׳ינע נאַקעטע פיס. מענדעלע האָט זיך ניט געאײלט. עפּעס האָט זיך אײַן אים אַנטקעגנגעשטעלט און אים צוריקגעהאַלטן פון צו גײן אין „גערטנדל״ און זאָגן דעם טאַטן וואָס די מאַמע האָט באַפוילן. אָבער דווקא איצט האָט ער מער, ווי ווען ניט איז אַן אַנדערש מאָל, געוואָלט זען דעם טאַטן, שטײן אין זײַן מחיצה, צוקוקן זיך ווי ער ציט אַרײַן דעם רויך פון א פּאַפּיראָס און ווי ער לאָזט אים פּאַמעלעך אַרויס, ווי ער טײלט א קאָרט און נעמט א קאָרט, ווי ער הייבט אויף צו אים א פּאָר רויטע, ניט אויסגעשלאָפענע אויגן. איז ער אַוועק אויספירן די שליחות.

קײלעס באַקן האָבן זיך פאַרפלאַמט, ווי זי וואָלט נאָרוואָס אַוועק פון דער בראָט־פאַן. גרײטנדיק זיך אין מאַרק אַרײַן, האָט זי אויף זיך אַרויפגעצויגן דעם פאַרטוך און אַרומגענומען די האָר מיטן טיכל, דערבײַ האָבן זיך אירע ליפּן באַוויגן, ווי זי וואָלט זיך מיט עמעצן דורכגעווערטלט.

פּערעלע, האָט הערנדיק וואָס עס קומט פאָר, זיך ניט געאײלט מיטן אַרויסקריכן פון בעט. אירע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער די בילדער־אויסשניטן פון די קינאָ־זשורנאַלן, וועלכע זענען געווען פאַנאַנדער־געקלעפּט אויף דער וואַנט נעבן איר בעט. זיי זענען איצט געווען אין א צו גרויסער סתירה צו דעם אַלעם וואָס האָט זי אַרומגערינגלט, צו דעם אַלעם וואָס זי האָט געפילט. זי האָט צו זיי געקוקט און ווי ניט געזען.

מענדעלע האָט זיך לאַנג ניט געזוימט. צוריקגעקומען איז ער מיט גאָרניט.

— מען האָט דאָרט דעם טאַטן שוין ניט געזען עטלעכע טעג.

קײלע האָט די ידיעה אַראָפּגעשלונגען אָן ווערטער. ווען זי האָט שוין געהאַלטן בײַם אַרויסגײן אין גאַס אַרײַן, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו די קינדער און א זאָג געטאָן:

— איר וועט זען, קינדער, וואָס פאַר א שוואַרץ יאָר „ער״ וועט דאָס בײַ מיר האָבן. זאָל ער זיך נאָר באַווייזן!

אָבער גאָדל האָט זיך ניט באַוויזן. ניט אין דעם טאָג און ניט אין א וואָך אַרום.

גאָדלס נעלם ווערן האָט זיך אין שטוב אויבערפלעכלעך ווי ניט

אַנגעזען. קיילע האָט דאָס אויפגענומען ווי אַן אומפאַרמיידלעכע שטראָף פון גאָט, א שטראָף וואָס איז איר געקומען ניט צו וויסן פאַר וועלכע זינד. קיילע האָט איר בראָך איינגעוויקלט אין א שוויגן.

***

אין געסל האָט זיך פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז מענדעלעס טאַטע, גאָדל, איז אַוועק, יורד געווען. פונוואַנען דער קלאַנג האָט זיך גענומען, איז ניט געווען צו וויסן, ווייל קיילע האָט וועגן דעם מיט קיינעם ניט גערעדט, אָבער אַלע אין געסל האָבן דאָס געוווּסט צו דערציילן.

גאָדלס בעט, איז געוואָרן פאַראַמאָל בולט. מען האָט עס געמוזט, צי מען האָט געוואָלט, צי ניט, זען, פילן: ביים אויפשטיין און ביים לייגן זיך, אין א שבת און אין א געוויינטלעכן טאָג. ס׳איז געשטאַנען זייטיק און דאָך איז די שטוב מיט דעם פול געווען.

ביי מענדעלען האָט דעם טאַטנס בעט מיט א פייף פון א שיף־סירענע געהאַט עפּעס גאָר א נאָענטע שייכות. וויפל מאָל זיין אויער האָט אַזאַ דורכנעמענדיקן פייף אויפגעכאַפּט, דורכן קליינעם פענצטערל, האָבן זיינע בליקן זיך געצויגן צום ווינקל, ווו דאָס בעט איז געשטאַנען. און אַז איינמאָל האָט ער געטראָפן ליגן די קאַץ א צונויפגעדרייטע און שלאָפנדיקע אויפן טאַטנס בעט, האָט עס אים אַזאַ ברי געטאָן, אַז ער האָט זי מיט רציחה אַראָפּגעשליידערט. די קאַץ איז פון גרויס אַנגסט געבליבן שטיין און אים אָנגעקוקט, ווי זיך ניט צוגעגלויבט, אַז דאָס האָט ער, מענדעלע, זי אַזוי געשלאָגן און פאַרטריבן. מענדעלע האָט אָבער ניט געזען איר בליק, ער האָט זיך גענומען אויסגלייכן די דעק: ווען דער טאַטע וועט צוריק־קומען, זאָל ער זען, אַז קיינער האָט זיין געלעגער ניט אָנגערירט. און אַז דער טאַטע וועט צוריקקומען, וועט ער אים ווידער אין די שבתדיקע פרימאָרגנס אַריינגעמען אין בעט און זיך מיט אים לאַנג, לאַנג אַרומשפּילן. פערעלע וועט אַזש מקנא זיין. אַז די מאַמע וועט רופן צו גיין עסן, וועט מען זיך ניט וויסנדיק מאַכן און ווייטער אַרומקאַמאַנדעווען... און פאַרנאַכט,

נאָכן שבתדיקן אָפּרו, וועט מען זיך אַרויסלאָזן, צוזאַמען מיט די אַנדערע שכנים פון געסל אויף א שפּאַציר, וועט ער ווידער זיצן הויך, הויך אויף דעם טאַטנס אַקסלען און די מאַמע וועט לאַכן און זיך אָנרופן צום טאַטן:

— גאָדל, גיב אַכטונג, ס׳קינד קאָן נאָך אַראָפּפאַלן!

און פּערעלע וועט זיך אַריינמישן:

— אַזאַ גרויסן ייִנג דאַרף מען נאָך טראָגן אויף די אַקסלען? שוין זאָלסטו אַראָפּגיין פון טאַטנס פּלייצעס!

אַז דער טאַטע וועט קומען...

***

די שטימונג אין שטוב האָט זיך גענומען אַביסל אויסלייטערן ווען פּערעלע האָט קיילען אָנגעזאָגט, אַז זי גרייט זיך חתונה האָבן און אין איינעם פון די שבת־פאַרנאַכטן געבראַכט איר בחור אין שטוב אַריין. דער בחור איז ניט געווען קיין אַנדערער ווי נחום דער פריזירער, מיט וועלכן מענדעלע האָט געהאַט געטראָפן זיין שוועסטער זיך אַרומהאַלדזן אינעם פינצטערן קאָרידאָר.

נחום איז געווען א נידעריק־געוואַקסענער, א דאַרער און א שטאַרק באַהאָרטער. אַפילו פון די נאָז־לעכער און פון די אויערן זענען ביי אים אַרויסגעראַכן בינטלעך האָר און אַלעמאָל איז ער געווען שלעכט אויס־ראַזירט. ביים רעדן איז אים דער האַלדז־קנאָפּ גיך, גיך אַרויף און אַראָפּ געלאָפן, כאָטש רעדן האָט ער דווקא גערעדט פּאַוואָליע, א וואָרט צו א וואָרט געלייגט. אויך זיינע באַוועגונגען זענען געווען סטאַטעטשנע. ער איז קיילען געפעלן. מען האָט אָפּגעשמועסט א חתונה. קיילע האָט געוואָלט א שטילע חופּה. פּערעלע און נחום אָבער האָבן דווקא געוואָלט א חתונה מיטן פולן קנאַק: אין א זאַל, מיט בלומען, מיט א וועלאָן. נחום איז באַשטאַנען אויף זיינס:

— איינמאָל האָט מען חתונה, וויל איך, אַז עס זאָל זיין וואָס

צו געדענקען. איך ווייס — האָט ער צוגעגעבן — אַז קיילע האָט ניט קיין געלט, איז איכל שוין וועגן אַלץ זאָרגן. זאָל זיך קיילע ניט איבערנעמען!

האָט ער אין איר אַריינגעטענהט, רעדנדיק צו איר אין דער דריטער פּערזאָן, וואָס עס איז קיילען גאָר געפעלן.

מענדעלע איז גראָד ביי דער באַגעגעניש אין שטוב ניט געווען. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער שוין נחומען ניט געטראָפן. אויפן טיש זענען נאָך געשטאַנען די קעלישקעס און רעשטן פון פאַרבייסעכץ. פּערעלע האָט אים געגומען טוליען צו זיך און דערביי דערציילט, אַז זי האָט חתונה, אַז זי וועט טראָגן א ווייס קלייד מיט א וועלאָן און ווייסע פּאַנטאָפל אויף הויכע קנאַפּל. מענדעלע האָט זיך צעטומלט און זיך געריסן פון דער שוועסטערס הענט.

***

אויפגעוועקט האָט זיך מענדעלע צוליב דער קאָך, וואָס איז צו אים אין בעטל אַריינגעקראָכן. קיילע איז שוין אין שטוב ניט געווען. דאָס ערשטע וואָס מענדעלען האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין, איז געווען א ווייס ליילעך, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון א שנור און די שטוב ווי אין צווייען צעטיילט. ער איז אַראָפּ פון בעטל, אָביסל פאַרשאַרצט דאָס ליילעך און דערזען ווי אין טאַטנס בעט זענען געלעגן פּערעלע מיט איר מאַן. זיי זענען געשלאָפן. נחום האָט געהאַט א פאַנאַנדערגעשפּרייטן אָרעם און אויף אים, נאָענט צו זיין האַריקער ברוסט, האָט גערוט פּערעלעס קאָפּ. אירע האָר זענען געווען צעוואָרפן. א טייל פון זיי האָבן אָנגערירט נחומס נאָז און מויל. פונעם אָטעם האָבן זיך די האָר אונטערגעהויבן. נחומס אָטעם איז געווען שאַרף און רעגלמעסיק און זיך אַריינגעשניטן אין דער שטוב־שטילקייט. פּערעלעס אָטעם האָט מען כמעט ווי ניט אָנגעהערט.

מענדעלע האָט זיך דערפילט אָפּגענאַרט. ער האָט זיך ניט געקאָנט שענקען וואָס מען האָט דעם טאַטנס בעט פאַרכאַפּט. ער האָט זיך געשעמט מיט דער שוועסטערס האַלב־נאַקעטקייט. ער האָט זי קיינמאָל פריער אַזוי

ניט געזען און ס'איז אים געווען דערווידער צו קוקן אויף איר. אָבער נאָכמער דערווידער איז אים אויסגעקומען נחום, וועלכער האָט זיך אַזוי ברייט צעשפּרייט, ווי דאָס בעט וואָלט געווען זיין אייגנס.

מענדעלע האָט דאָס פאַרבויגענע ליילעך אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט און געבליבן שטיין, ניט ווּיסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך. דאָס קעצל האָט זיך שטיל צו אים צוגעשאַרט. מענדעלע האָט זיך דערפרייט. ער האָט עס אונטערגעהויבן. דאָס קעצל האָט זיך מיט ווייכער נאָכגיביקייט איבערגעגעבן אין זיין רשות. מענדעלע איז מיטן קעצל אַרויס צום ים־ברעג. די כוואַליעס האָבן מיט פרימאָרגנדיקער קילקייט געשווענקט זיינע באָרוועסע פיס. א טשאַטע מעווס האָבן זיך אָנגעטראָגן, אַראָפּגעלאָזט זיך נידעריק צום ים, געפּאַטשט מיט די ווייסע פליגל איבערן וואַסער, זיך אויפגעהויבן מיט רעש, געשריי, פליגל־פלאַטער און אַוועקגעפלויגן. מענדעלע האָט זיי נאָכגעקוקט און מקנא געווען:

— זאָל ער נאָר גרעסער ווערן, וועט ער נעמען איינע פון יענע לאָדקעס, וואָס וואַלגערן זיך אויפן שטיינערנעם פלעצל און זיך אַוועקלאָזן צום טאַטן, זאָל ער נאָר אונטערוואַקסן!

די לופט איז געווען לויטער. זיינע בליקן האָבן זיך אַוועקגעצויגן דאָרט ווו דער ים מיטן הימל גייען זיך צונויף. ביסלעכווייז האָט זיך גענומען פאַרווייז דאָס וואָס ער האָט פריער געהאַט געזען אין שטוב אונטערן ווייסן ליילעך.

— זאָל ער נאָר אונטערוואַקסן!

די באַשערטע

משה־לייב איז ניט פון די מענטשן וואָס לאָזן זיך לייכט אַריינציען אין א שמועס. ער איז בכלל ניט אויפגעלייגט צו פטרן די צייט אויף אַרומשלעפן זיך אין גאַס, אָדער זיך אַוועקזעצן ביי א שכן. קיין סך פרייע צייט האָט ער ניט — ער איז א טרעגער אין חיפער פּאַרט. ס׳רוב קומט ער אַהיים א מידער און זיין בעסטער אָפּרו איז צו זיצן ביים אָפענעם פענצטער און אַרויסקוקן. אָבער אויך דאָס באַקומט אים ניט.

זיין ווייב טענהט שטענדיק, אַז אַזעלכע מענטשן ווי ער דאַרפן ניט התונה האָבן, אַז צום זיצן ביים פענצטער ביז די נאַכט קומט אָן און אַראָפּקוקן צום מאַרקגעסל, וואָס ציט זיך נידעריקער פון זייער טרעפּנגאַס, דאַרף מען ניט קיין ווייב.

אפשר איז זי גערעכט? אָבער צי קאָן איר משה־לייב געבן צו פאַרשטיין וואָס עס ציט אים צום פענצטער? ער אַרבעט שווער, שלעפּט משאות, האַקט זיך אָפּ די זייטן אינעם געדראַנג און טומל פון מענטשן און וועגעלעך, וואָס פירן די באַגאַזשן. דערנאָך העלפט ער איר אַרויס אין קיאָסק ביים פאַרקויפן סאָדע־וואַסער און קיכלעך. איז וואָס וויל זי נאָך פון אים? פאַרוואָס פאַרגינט זי אים ניט דאָס אַראָפּקוקן צום מאַרק, צו די געשטעלן, וואָס דריקן זיך אין ענגשאַפט? צו די רעשנדיקע קונים און צו די אויסרוף־געשרייען פון די פאַרקויפערס, וואָס לויבן זייער סחורה?

ניט די קונים, ניט די סוחרים, ניט זייער געפּילדער און אוודאי ניט די געשטעלן גייען אים אָן, דער שלל קאָלירן פונעם גרינצייג און פרוכטן פאַרכאַפּן זיין אויג און זיין געמיט: רויט און גרין, סעלעדרין

און גראַנאַט, געל, אָראַנזש און באָרדאָ. איין קאָליר וויל איבערשטייגן דעם צווייטן, פאַלט אַריין אין דעם צווייטן, טיילט זיך אָפּ און מישט זיך ווידער צונויף.

משה־לייבן דוכט זיך, אַז די קאָלירן זענען ניט קיין ערדישע, נאָר שטאַמען גאָר פונעם הימל. אַז דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ, ווען קיינער זעט ניט, איבער דעם מאַרקגעסל, עפנט זיינע טיפקייטן און צום טאָג־אָנקום לאָזט ער ליגן אויף די געשטעלן דעם זעלטענעם געשאַנק פון פאַרבן־שפע, דאָס מענטשלעכע אויג צו דערפרייען. קומען אָבער שפּעטער די מענטשן מיט שטופּעניש און ליאַרעם, באַטאַפּן און פאַרשווענכן אַט די שיינקייטן.

זאָל ער דאָס זיין ווייב דערציילן? וואָס וועט שוין זיין, אַז זי וועט עס וויסן, וועט זי אים דען ווינציקער זידלען און זיך ניט קלאָגן אויף איר דאָליע, אַז זי האָט זיך איינגעהאַנדלט אַ מאַן, אַ תם?

בלויז דאָס פאַרבאָרגט ער פון איר? און וואָס וואָלט זי געזאָגט ווען ער דערציילט איר, אַז ער וואַרט נאָך אַלץ אויף זיין זיווג, האַ? אַז ער איז געגאַנגען אַרבעטן אין פּאָרט, ווייל זיין באַשערטע דאַרף מיט אַ שיף אָנקומען און אַז דאָס חתונה האָבן מיט איר איז געווען אַ מקח־טעות, אַ פּועל־יוצא פון אַ שוואַכער מינוט, אַז עס בינדט אים גאָרניט מיט איר, נאָר זיין אויסזען, זיין געשניטן און געניייט פּנים האָט אים געשטויסן דאָס צו טאָן?

***

ניט פון שטענדיק אָן האָט משה־לייב געהאַט אַזאַ צעקאָליעטשעט און פאַרנייט פּנים. אַז איר ווילט, איז ער אייך גרייט צו באַווייזן אַ שטאַרק שוין אויסגעבליאַקירטע פאָטאָגראַפיע, אַן איין־און־איינציקע, וואָס האָט זיך ביי אים אויפגעהיט פון פאַר דער מלחמה, וועט איר זיך איבערצייגן וואָס פאַראַ שיין, קלאָר פּנים און וואָס פאַראַ לעבעדיקן בליק ער האָט אַמאָל געהאַט. אַמאָל. ווען איז דאָס געווען דער „אַמאָל״?

וואָס עס געדענקט זיך אים גוט — דאָס זענען די טעג און וואָכן

אין שפיטאָל, ווען מען האָט אים, צוזאַמען מיט אַנדערע פאַרוואונדיקטע פאַרטיזאַנער, מיט אַן אַעראָפּלאַן איבערגעפירט אין טיף רוסלאַנד, ווייט פון פראָנט און נאָך ווייטער פון די ווייסרוסישע וועלדער, ווו יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פונעם דייטש.

אין שפיטאָל האָט מען אים דאָס פּנים אָפּערירט און ביים נייען, אַריינפאַרנייט אַזאַ אומעט אַז...

...ווען ס'איז אים בעסער געוואָרן און ער איז שוין אַרומגעגאַנגען איבערן גאָרטן פון שפיטאָל, האָט ער זיך אָנגעשטויסן ביים טויער אויף א בלינדער, אַלטער פרוי — א קאָרטן־לייגערין. אַרום איר האָט זיך צונויפגעדריקט א געזעמל געזונט־ווערנדיקע סאָלדאַטן. טייל מיט פאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ, פאַרגיפּסטע הענט און טייל אָנגעשפּאַרטע אויף קוליעס. יעדער פון זיי האָט זיך געריסן צו דער „גוטער" קאָרט, געוואָלט וויסן וואָס עס דערוואַרט אים...

אויך אים, משה־לייבן, האָט זי, די בלינדע פרוי, פאַר א פּאָר רובל געוואָראַזשעט. און געוואָראָזשעט האָט זי, אַז עס וועט אים אויסקומען א סך צו וואַנדערן ביז ער וועט דערגיין צו אַן אייגענער נחלה, אָבער נאָך מער וועט אים אויסקומען צו וואַרטן אויף זיין באַשערטער און די באַשערטע, אַז ס'וועט קומען די צייט זי זאָל זיך צו אים באַווייזן, וועט מיט א שיף אָנקומען. דעריבער זאָל ער געדענקען און אויפּפּאַסן גוט, גוט, ווייל אַפילו אַנגעצייכנט גליק קאָן אויסגעמיטן ווערן, ווען דער מענטש זוכט עס ניט מיט אַן אמתער, ריינער כוונה.

האָט משה־לייב איר שטיל געענטפערט, אַז ווען זי וואָלט ניט געהאַט קיין אויסגעלאָשענעם בליק, וואָלט זי אַזוי ניט גערעדט, ווייל זיין אויסזען...

— עס מאַכט ניט, זונעלע — האָט זי אים באַרואיקט, אָננעמענדיק פאַר א האַנט — דאָס אויסזען פון א מענטש איז ניט שטאַנדהאַפטיק און עס איז אַזוי פאַרפירעריש ווי א פלעמל אין א ווינטער־נאַכט צווישן ביימער. אָט מיינסטו, אַז דו זעסט עס אַרויסשיינען פון אונטער איין בוים און דאָ שוין פון אונטער א צווייטן. ערשט ביים צענטן צי הונדערטסטן

בוים איבערצייגסטו זיך, אַז ניט קיין פאַרבאָרגענער אוצר האָט צו דיר געוווּנקען, נאָר דאָס איז א בליק פון אַן אויסגעהונגערטן וואָלף...

אָט די ווערטער פון דער קאָרטן־לייגערין געדענקט משה־לייב ביז היינט צו טאָג. ער רעדט ניט דערפון. ער טראָגט זיי אַרום מיט זיך, ווי אַן אָנפאַרטרויטן סוד, וואָס נאָר צו אים געהערט עס און וואָס נאָר ער, משה־לייב, קאָן צו דעם געפינען א באַשייד. איז ער טאַקע אָנגעלאָדן מיט א שטייגנדיקן נייגער און דערוואַרטונג. די דערוואַרטונג איז אַן אינערלעכע, קומט ניט צום אויסדרוק, ניט אויפן פּנים און ניט אין זיין פּירעכץ. יעדן טאָג אָבער גרייט ער זיך צו עפּעס, יעדן טאָג דוכט זיך אים אַז היינט, אַז באַלד...

איינמאָל האָט זיך אַפילו אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט זי שוין באַגעגנט. א פּרוי האָט צו אים פון אַן אייבערשטן דעק געפּאָכעט מיט א האַנט און געשמייכלט. ער האָט צו איר צוריקגעשמייכלט און צוריק־געפּאָכעט. אָבער שפּעטער, ווען די מענטשן זענען אויסגעשטיגן פון דער שיף, האָט ער זי ניט געקאָנט אָפּגעפינען...

אָפטמאָל, ביים טראָגן פון שיף אַראָפּ א קופערט, צי א וואַליזע, באַפאַלט אים א פּחד, אַז זי וועט ניט קומען, אָדער — אַז זי וועט יאָ קומען, נאָר זיך ניט לאָזן דערקענען צו אים. אַזעלכע געדאַנקען זענען אים אַזוי ווייטאָקדיק, אַז תּמיד ווען זיי באַפאַלן אים, מוז ער זיך אָפּשטעלן און זיך אָפּרוען א ווייל. אָבער, ביים פענצטער פון זיין קליינער דירה, אַראָפּקוקנדיק צו די שטענדערס פון מאַרקגעסל, פאַרשווינדן אַלע ספקות, אַלע ערגערנישן. די קאָלירן פונעם גרינצייג און פון די פּרוכטן נעמען זיך לייכטן, לייכט אַרויפהייבן צו זיין פענצטער. זיי שווימען אָן, צעכוואַליען זיך און שווימען אויף: א כוואַליע גרין, א כוואַליע בלוי, א כוואַליע גרין און ערגעץ דאָרט פון געסל אַרויס, פון פאַרנאַכטיקער שטילקייט, דוכט זיך אים, אַז ער זעט עמעצן אַרויסשמייכלען און א ווייס טיכעלע צעפּאָכעט זיך...

„ נקמה"

— רבקה, די וואַרעמפלאַש איז מיר אַראָפּגעפאַלן! — האָט דער אַלטער נתן אַריינגעקרעכצט אינעם חלל פונעם צימער, וואָס האָט זיך געוויקט און געטונקען אין די נאַכט־פינצטערנישן. — רבקה!

רבקה איז ביים ערשטן רוף אויפגעקומען, אָבער יאָגן זיך, האָט זי זיך עפּעס ניט געיאָגט. זי איז זיך ווייטער געלעגן און זיך צוגעהאָרכט ווי איר מאַן שאַרט מיט די הענט, זוכט די וואַרעמפלאַש און געפינט זי ניט.

— רבקה!

דער רוף איז אין איר ניט אַריינגעדרונגען. דער רוף האָט אַרומגעזשומעט איבערן צימער און אַז ער איז צוגעקומען צו אירע אויערן, האָט זי געפילט, ווי ער וואָלט ביי איר אויפגעשטאָכן אַ לאַנג פאַרבאַהאַלטענע גלוסטונג.

— זאָל ער שרייען, זאָל ער וויסן וואָט דאָס הייסט צו זיין אומבאַהאָלפן! „רבקה, די וואַרעמפלאַש"! — האָט זי אים נאָכגעשפּעט אין זיך, אין דער מחשבה.

אין שטוב איז שטיל, אָבער דער דרויסן איז שוין גאָרניט געווען אַזוי שטיל. און אפשר האָט זיך איר אַזוי אויסגעדוכט, אַז דער הונט בילט היינט העכער ווי אַן אַנדערש מאָל? אַן אַנדערש מאָל הערט זי אים גאָרניט. אַן אַנדערש מאָל, אין דער צייט, שלאָפט זי איר מידן, איר שווערן שלאָף. איז פון וואַנען זאָל זי וויסן ווי עס בילט אַ הונט און ווי אַזוי אַ טויב וואָרקעט אין שלאָף און ווי אַזוי עס הירזשען זאַטע פערד ביינאַכט? אַלץ קומט איר איצט אויס אַזוי אויסטערליש. בייטאָג, אין איר אַרבעטס־יאָגעניש איז ניטאָ ווען זיך צוצוהאָרכן צו די אַלע קולות וואָס רינגלען זי אַרום. נאָר איצט, אויפן בעט ליגנדיק, האָט זי

צייט די שטימען אויפצונעמען. יאָרן ווי זי פֿאָדעט אַרום די שטוב־באַשעפֿענישן און ווי ווינציק זי קלערט וועגן זיי. וווּנדערט זיך רבקה און דערבײַ הערט זי ניט אויף צו טראַכטן וועגן נתן און וועגן זײַן אַראָפּגעפֿאַלענער וואָרעמפּלאַש. דאָס וואָס זי האָט ניט געקאָנט באַשליסן מיט אַ סך יאָרן צוריק, איז אין דער נאַכט־שעה מקוים געוואָרן: זי האָט געפֿונען דעם כוח איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל זיך אַנטקעגנצושטעלן זײַן ווילן.

— איצט דאַרף ער מיך. איצט קאָן ער אָן מיר זיך מער ניט באַגיין. כ׳וועל ניט אויפֿשטיין. כ׳וועל ניט דערלאַנגען די וואָרעמפּלאַש. ליג אַזוי! פֿולכנע אָרעמס האָט זיך דיר פֿאַרגלוסט, טאָ ליג, רוף מיך ניט! —

אַזוי, האָט זיך רבקהן אויסגעדוכט, שרייט זי צו אים. אין דער אמתן אָבער האָט עס אין איר געשריען און געצויגן האָט זיך דער בונט אין איר שוין יאָרן מיט יאָרן, פֿון זינט איר שוועסטער איז צו זיי אין מושב אַראָפּגעקומען צו גאַסט פֿון דער גרויסשטאָט. געקומען איז זי מיט קליידער, מיט הוטן, מיט סטענגעס און מיט שמעקעדיקע זייפֿן. צו די ריחות פֿון קו־מיסט, פֿון הינער־שטייג און פֿון שעפּסן־קאַריטעס איז צוגעקומען אַ נייער ריח, אַן אַנדערשדיקער, וואָס האָט געזוכט אַ וועג אויסצומישן זיך מיט די איבעריקע ריחות, אָבער קיין וועג ניט געפֿונען.

רבקהן איז דאָס אַלץ ניט איינגעגאַנגען, ווײַל די שטוב איז איר פּלוצעם ענג געוואָרן. זי האָט שוין אויסגעקוקט, אַז די שוועסטער זאָל צוריקפֿאָרן. אָבער די שוועסטער האָט זיך עפּעס גאָרניט געיאָגט.

נתן איז אויך געוואָרן אַן אַנדערער. אַזוי האָט זיך רבקהן גענומען אויסדאַכטן. עס איז ניט געווען זײַן געוווינהייט אין מיטן טאָג פֿון פֿעלד אַהיימצוקומען. אויף חשבונות צו מאַכן האָט ער קיינעם ניט צוגעלאָזט. אָבער ווען רבקה האָט אים געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז שוין עטלעכע טעג ווי ער פֿאַרשרײַבט ניט די אָנוועקגעפֿירטע מילך און ירקות, האָט ער זי דאָס געבעטן טאָן.

קיין סך צייט אויף צו פֿאַרטראַכטן זיך האָט רבקה ניט געהאַט. אין איר מוח איז דער אַרבעטס־טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן,

געלעגן אויסגעסדרט און איינגעטיילט צווישן שטאַל און לול, צווישן גאָרטן־אַרבעט און שטוב־באַלעבאַטישקייט. אָבער אַז שכנים האָבן אויף איר געגומען מאָדנע קוקן און איינע א שכנה האָט איר אַפילו געפרעגט פאַרוואָס די שוועסטער געפינט זיך ביי איר אַזוי לאַנג, האָט זיך די פראַגע אין איר מחשבה פאַרקריצט און איר די רו פאַרטריבן.

איינמאָל האָט רבקה איבערגעריסן דאָס מעלקן. עפעס האָט זי דעם פרימאָרגן ניט געקאָנט רואיק איינזיצן און פאַרענדיקן דאָס געמעלק. א בלינד געפיל האָט זי ווי ביי דער האַנט גענומען און אַרויסגעשלעפט פונעם שטאַל. רבקה איז געגאַנגען ווי קעגן דעם אייגענעם ווילן. זי איז אַריין אין שטוב, אַפילו ניט אַראָפּוואַרפנדיק, ווי איר געוווינהייט איז געווען, די גרויסע מענער־שיך צו וועלכע עס האָבן זיך געקלעפּט שטיקער קו־מיסט. זי איז אַריינגעקומען און גלייך אַוועק צו דער שוועסטערס צימער. דורך א טיר־שפּאַלט האָט זי דערזען ווי נתן העלפט איר שוועסטער צו פאַרשפּיליען א קלייד און דערביי קושט ער איר און די נאַקעטע אַקסלען.

רבקה האָט געוואָלט אַריינלויפן — אויפפּראַלן די טיר און אַריינלויפן, זיי זאָלן זי זען — און ניט געקאָנט. זי האָט געוואָלט אָפּרייסן זיך פון דער טיר־שפּאַלט און אין הויף אַרויסלויפן, אויך דאָס האָט רבקה ניט געקאָנט.

שפּעטער, אַז זי האָט זיך אָנגעטראָפן מיט נתנען האָט זי אים אַריינגעשוויגן אין פּנים אַריין. דאָס איז געווען דאָס ערשטע גרויסע שווייגן וואָס האָט דערנאָך אָנגעהאַלטן יאָרן לאַנג. איין זאַך האָט רבקה יאָ גלייך געטאָן: צוגעזען אַז איר שוועסטער זאָל וואָס שנעלער צוריקפאָרן פון וואַנען זי איז געקומען.

רבקה האָט די פּאַסירונג ניט געקאָנט פאַרגעסן. דאָס בילד האָט זיך פאַרשטאָכן אין איר מוח, ווי א שטיק האָלץ אונטער א נאָגל, און געגויעט. וואָס מער חדשים און אַפילו יאָרן עס זענען פאַרביי, איז דאָס בילד אין איר געדעכעניש געוואָרן אַלץ בולטער און שאַרפער. אַזוי שאַרף, אַז איר שלאָף איז ניט איינמאָל דורכגעלעכערט געוואָרן. עס איז נאָך צו דעם

צוגעקומען דעטאַלן וואָס רבקה האָט גאָרניט געהאַט געזען, נאָר דער דמיון אירער האָט אין משך פון די יאָרן צוגעגעבן און אַרומגעבויט און שפּעטער האָט זי אַליין אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז אַזוי איז טאַקע געשען.

רבקה האָט זיך געמאַטערט און אין געדאַנק געאַמפּערט מיט זיך, געמאַכט זיך פאָרוווּרפן: גוט דיר אַזוי, רבקה, וואָס האָסטו געמיינט, אַז דו וועסט נאָך א שעה, און נאָך א שעה אָפּגעבן דער שטאָל און די בייטן פונעם גאָרטן, וועט עס דיר אַדורכגיין אַזוי גלאַטיק? נאַרישע! האָסט אַפילו אין א שבת־טאָג אָפטמאָל פאַרגעסן צו בייטן דיין אַרבעטס־קלייד, און דיין אַרבעטס־קלייד האָט מיט שטאָל געשמעקט. א זויערקייט האָסטו אַרום זיך געשפּרייט. ניט נתן איז שולדיק, דו, דו ביסט די שולדיקע! און אַז איך וואָלט אָנגעטאָן, איך ווייס ניט וואָס פאַר א קלייד, וואָלט ער עס באַמערקט, נתן? און ווי נעמט מען עפּעס אין אַרבעטס־לויפעניש און מען פּוצט זיך דאָס אויס?!

רבקה האָט זיך געפילט געקרענקט און באַליידיקט. עס איז געווען אַזאַ באַליידיקונג, צו וועלכער מען האָט ניט געקאָנט אויסגעפינען קיין תרופה. אַפילו ווען נתן בעט זי טויזנט מאָל איבער, וואָלט זי זיך פון דער אויפגערייצטקייט ניט געקאָנט באַפרייען. רבקה האָט געזוכט וועגן ווי צו אַנטלויפן פון די בייזע מחשבות. אָפטמאָל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי האָט זיך שוין פון זיי באַפרייט. אָבער עס איז גענוג געווען, אַז נתן זאָל זאָגן: זע נאָר וואָס פאַראַ שיינע פאָרהאַנגען אונדזער שכנה האָט פאַרצויגן איבער די פענצטער — אַז אַלץ זאָל אויפסניי אויפטויכן און אָנהייבן צו פרעסן איר די נעכט.

און נתן?

ווי אַזוי האָט נתן געקאָנט זיך דערגרונטעווען צו רבקהס שוויגעניש? נתן איז געווען א פּשוטער, האָרעפּאַשנער ייד און אַפילו קיין צייט ניט געהאַט צוצוקוקן זיך נענטער צו רבקהן. ער האָט ניט געאַנט, אַז רבקה האָט זיינס א קוש, וואָס ער האָט אַמאָל געגעבן אינעם אַקסל פון זיין גרויסשטאָטישער שוועגערין, אויפגעכאַפּט און אים אויסבאַהאַלטן אונטערן דיקן שווייגן. ביי אים אין געדאַנק איז פון יענעם קוש קיין זכר ניט

פאַרבליבן און ביי רבקהן פלאַקערט ער אויף יעדעס מאָל מיט א גרעסערן פלאַם.

רבקה האָט נתנען געהאַסט און ליב געהאַט. אַז נתן איז צו איר אין בעט געקומען האָט זי אים שווייגנדיק אויפגענומען. דאָס שווייגן איז געווען געדיכטער ווי די טונקלקייט וואָס די נאַכט האָט איבער דער שטוב פאַרשפּרייט. רבקה האָט גאָרניט געוואָלט שווייגן, פאַרקערט, שרייען האָט זי געוואָלט, זידלען האָט זי אים געוואָלט, זאָגן אים, אַז זי געדענקט אַלץ און זי מיאוסט זיך פון זיין ליפּן־באַריר, אַז פון זיינע פינגער טראָגט זיך נאָך יענער זייפן־ריח. אָבער איר כוח האָט נאָר געסטייעט אויף א גרויס שוויגעניש. אויף אַלע ליבעס־שעפּטשערייען האָט נתן קיין ענטפער ניט באַקומען. האָט זיך נתן געוווּנדערט — וואָס איז מיט דער אישה געשען? — און אויף דעם פלעגט זיך עס ענדיקן. אָבער ניט ביי רבקהן. ביי איר איז דער שטומער פּראָטעסט געווען שוין צו ווינציק, נאָר אויף מער האָט איר דרייסטקייט אויסגעפעלט. זי האָט זיך געפּייניקט פאַרוואָס זי נעמט אים אַזוי הכנעהדיק אויף, פאַרוואָס זי שרייט אים ניט דעם גאַנצן אמת אין פּנים אַריין.

אַזוי איז געווען אין די נעכט. בייטאָג איז געווען אַלץ אַזוי ווי פריער: רבקה האָט געמאָלקן די קי, אַנגעקאָרמעט די הינער און געביטן דאָס וואַסער אין די שעפּסן־קאָריטעס. נתן האָט געבראַכט פון פעלד גרינס פאַר די בהמות, גערייניקט די שטאַלן און אַוועקגעפירט די קאַנען מילך אין דער „תנובה״. אויך ביים עסן איז גאָרניט געווען צו דערקענען וואָס מיט רבקה טוט זיך. נתן איז געזעסן ביים טיש, א האַלב אויסגעטוועטער, דאָס האַריקע לייב זיינס האָט געגלאַנצט מיט פייכטקייט פון שוויס. יעדע ווײַלע האָט ער מיט אַן אומגעדולדיקן האַנטבאַוועג אַראָפּגעווישט די שוויס־טראָפּן וועלכע זענען אים אַראָפּגערונען פונעם שטערן, אַראָפּגערונען און אַריינגעקאַפּעט אינעם ערדענעם שיסעלע מיטן קאַלטן זויערמילך. דאָס זויערמילך האָט ער געשלונגען מיט אָפּגעהאַקטע אָבער פעסטע שלונגען. רבקה איז געזעסן אין דעם אַלטן, אָפּגעבליאַקעוועטן קליידל. פון אונטערן קאָפּ־טיכל זענען אַרויסגעקראָכן בינטלעך האָר און זיך

געקלעפּט צום פֿאַרשוויצטן שטערן. אירע אָפּגעדעקטע הענט זענען געווען פֿעסט און אויסגעאַרבעט און האָבן ווינציק אויסגעזען פּרויאיש. אָבער די פּרויאישקייט איז געלעגן אין דעם אונטעררוקן, אין דעם דערלאַנגען נתנען דאָס עסן.

נאָכן עסן האָט אים רבקה דערמאָנט צוצולייגן זיך אַביסל און נתן האָט זיך ניט אויפגעהערט צו חידושן ווי אַנדערש רבקה קאָן זיין צו אים אין פֿאַרשידענע צייטן.

אין דעם אומוויסן און ניט אָנען פֿון נתנען וואָס עס קומט פֿאָר מיט זיין רבקהן און אין רבקהס נשמה־ראַנגלענישן האָבן זיי זיך ביידע געעלטערט. ערשט איצט ווען זי האָט דערהערט נתנס רוף, געפֿילט זיין אומבאַהאָלפֿנקייט, ערשט איצט האָט זי דעם כוח געפֿונען נקמה צו נעמען:

— ניין, ניין, רוף מיך ניט. איך וועל דיר די וואַרעמפּלאַש ניט געבן, רוף מיך ניט!

אָט גייט זי אַראָפּ פֿון בעט און זי וועט עס אים אַריינשרייען אין פּנים. און אַז ער וועט זי פֿרעגן פֿאַרוואָס קומט אים דאָס, וועט זי אים זאָגן, זאָל ער וויסן.

אַז רבקה איז אַראָפּ פֿון בעט און מיט בריענדיקע פֿינגער פֿון אומגעדולד אַדורכגעבערעט דעם חושך, וואָס האָט זיך געזאַמלט אַרום איר, זוכנדיק דעם וועג צום אַנדערן צימער, דאָרט ווו נתן איז געלעגן און ביז זי האָט דערגרייכט זיין בעט און אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, איז דערוויל נתן איינגעשלאָפֿן. ער איז געשלאָפֿן מיט אַן אָפֿן מויל.

רבקה איז געשטאַנען איבער אים און די ווערטער וואָס זי האָט אַזויפֿיל יאָרן געשליפֿן און געגרייט אים צו זאָגן, זענען ניט־געזאָגטע געלעגן אויף אירע אַלטע ליפּן און די טרערן, וואָס האָבן א פּלייץ געטאָן פֿון אירע אויגן האָבן זיי פֿון די ליפּן אַרונטערגעשווענקט.

רבקה האָט אין איר מויל דערפֿילט א זאַלציק־ביטערן טעם.

„מענטשעלעך"

נאַכט.

אביגדור איז געזעסן אין שטוב. ווייל ווו זאָל ער גיין, אַז צו חברים אין די צימערן קומט ער ניט, קיין געזעלשאַפטלעכן אַמט אין קיבוץ פאַרנעמט ער ניט, קיין פאַמיליע־לעבן פירט ער ניט? איז קומט טאַקע אויס נאָך דער אַרבעט צו זיצן אין שטוב. גייט ער שוין אַמאָל צו אַן אסיפה, שלאָפט ער איין.

דאָ אַנומלט איז געווען א גאַר וויכטיקע פאַרזאַמלונג, איז ער געגאַנגען. לאַנג זיצן אָבער און זיך צוהערכן האָט ער ניט געקאָנט. די רייד האָבן אים גיך מיד געמאַכט. מיד און שלעפעריק. וואָס לענגער די אסיפה האָט זיך פאַרצויגן, אַלץ מער איז זיין מידקייט געוואָקסן. חברים האָבן גערעדט, חברים האָבן זיך געאַמפּערט אָבער ער, אביגדור, איז געזעסן איינגעזונקען אין זיין בענקל און זיך קוים, קוים אַרויסגעזען. די אויגן האָבן זיך ביי אים צונויפגעצויגן. פון צייט צו צייט נאָר האָט ער זיי אויפגעמאַכט, אַרומגעקוקט זיך מיט א פאַרגלאָזטן, מוטנע געוואָרענעם בליק און ווידער זיי געשלאָסן. גוט וואָס עמעצער האָט אים באַמערקט, אים אויפגעוועקט און ער איז צוזאַמען מיט אַלעמען נאָך דער פאַרזאַמלונג אַהיימגעגאַנגען.

אַן אַנדער מאָל אָבער האָט ער ביי אַן אסיפה איינגעדרימלט. אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין דער גרויסער עסזאַל געווען אויס־געליידיקט, די גרויסע ליכטער — אויסגעלאָשן. עס איז אים מאָדנע ווילד אויסגעקומען צו געפינען זיך איינער אַליין אין אַזאַ לאַנגן זאַל, צווישן אַזויפיל ליידיקע שטולן און פוסטע טישן. בלויז צוויי זייטיקע לעמפלעך

האָבן נאָך געברענט. אָבער אין אָנבליק פון דעם ליכט, האָבן זיך די נאַכט־שאָטנס בולטער אָנגעזען. דער קיילעכדיקער ציפּערבלאַט פונעם וואַנט־זייגער, אין דער האַלב־פינצטערניש פונעם זאַל, איז אין אביגדורס אויגן אויסגעקומען ווי א קאָפּ, וואָס שווימט אַרום צווישן טונקעלע שלייערן; די רייען טישן מיט די צונויפגערוקטע שטולן — ווי פּלאַטפאָרמע־וואַגאָנען, וועלכע מען האָט איבערגעשטעלט אויף זייטיקע רעלסן. פון יענעם אָוונט גייט ער ניט מער צו קיין אסיפה. ער בלייבט ליבערשט ביי זיך אין צימער.

איז ער זיך אַזוי געזעסן ביים טיש. ס'איז שוין געווען גענוג שפּעט. אין דרויסן האָט גערעגנט. דער רעגן איז געגאַנגען אָן אויפהער. אביגדור האָט זיך צוגעהאָרכט, סתם אַזוי, צו דעם קלאַנג פון די רעגן־טראָפּנס אויף די שויבן און צום רויש פון די ביימער אינעם ווינט. אויף א פּאָליצע זענען געשטאַנען געשניצטע מענטשעלעך.

מיט שניצן מענטשעלעך האָט אביגדור זיך שוין יאָרן לאַנג פאַרנומען. ער פלעגט אַרומבלאָנקען צווישן די ביימער פון סאָד, ווו ער האָט געאַרבעט און אָפּגעזוכט צווייגן, וואָס האָבן געהאַט ענלעכקייטן צו פייגל, חיות און מענטשן, אָדער אַזעלכע צווייגן פלעגט ער אויסגעפינען, ביי וועלכע מען האָט געקאָנט מיט עטלעכע מעסער־שניט אָט די געשטאַלטן אַרויסברענגען. די פייגל, ווי די פייגל, אָבער די פיגורלעך זענען ביי אים אַרויסגעקומען מיט צעקנייטשטע שטערנס, מיט לאַנגע נעז, פאַרדאגהטע אויגן און מיט ליפּן אָן פרייד. אביגדור האָט זיך דווקא געפלייסט אויסצופורעמען זיינע מענטשעלעך מיט שיינע, איידעלע שטריכן, נאָר שטענדיק זענען זייערע פנימער אַרויסגעקומען אַזוי וואָכעדיק, אַזוי אָפּגעבליאַקעוועט און דערצו נאָך מיט אַזעלכע לאַנגע און קאָמישע נעזער. דורך די יאָרן איז זייער צאָל געוואָקסן און זיין פּאָליצע האָט שוין געהאַט א גאַנצע גאַלעריי מיט אַזעלכע שניצערייען. איצט, זיצנדיק אַזוי, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אויך די מענטשעלעך הערן זיך איין צוזאַמען מיט אים צום רעגן וואָס פּלייצט איבער די שויבן.

דאָס זענען געווען די ערשטע ווינטער־רעגנס אָבער די ערד איז

גיך זאַט געוואָרן און די בלאַטעס האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך שוין פון ווי לאַנג געזאַמלט. די אַרבעט אין די סעדער איז איבערגעריסן געוואָרן און אביגדור האָט דערווייל געאַרבעט אין די שטאַלן. די סעדער, די פעלדער, דורך וועלכע ער פלעגט אַהיימשפּרייזן, האָבן אים איצט אויסגעפעלט. אין פעלד האָט זיך אביגדור געפילט אויסגעטאָן פון אַלע ענגשאַפטן. אין פעלד איז אַלץ געווען אַזוי נאַטירלעך: דער דאָרן ביים וועג, דער בוים אויפן בערגל, די שטיינערדיק־געדרייטע וואָדי. אַלץ האָט זיך געהאַט זיין אָרט, אַלץ — זיין קאָליר. דער גרינער בוים האָט זיך ניט באַדאַרפן צו פאַרענטפערן פאַרן דאָרן מיט זיין גרינקייט און דער דאָרן האָט ניט געהאַט קיין תרעומות צום פייגעלע וואָס מיידט אים אויס. אַזוי האָט עס זיך שוין געפירט פון קדמונים. אויך ער, אביגדור, האָט זיך געהאַט זיין פּלאַץ. ער האָט זיך ניט באַדאַרפן פאַר גאָרניט שעמען און קיין זאַך האָט זיך ניט געשעמט פאַר אים.

אין פעלד, אָדער אין סאַד, צווישן די צוויַיגן־געפלעכטן, האָט ער פון מאָל צו מאָל געוואַגט צו טראַכטן וועגן פרויען. די בענקעניש צו א פרוי פלעגט צו אים קומען איינגאַנצן אומגעריכט. עס איז גענוג געווען, אַז אַן אייזל זאָל זיך ערגעץ אין דער וויַיט צעשרייען, אַז א וואָלקנדל זאָל אויפהאַלטן א ראָזלעכן פלעק פון דער פאַרגאַנגענער זון, אָדער זיין בליק זאָל זיך אָנגעגענען מיט א שעפסן־אייטער, אַז דאָס געפיל זאָל צו אים קומען און ס'זאָל אים באַפאַלן אַזאַ בענקעניש, אַזאַ באַגער, אַז ער וואָלט זיך אַזש צו א בוים געטוליעט — — —

אין פעלד פלעגט אביגדור אויך טראַכטן וועגן זיין מאַמען. די מאַמע האָט ער אָפט געזען אין חלום. אין חלום האָט זי אָבער שטענדיק אויסגעזען אַזוי, ווי אין די לעצטע רגעס פאַרן אָפּפאָרן פון דער היים, איידער די באַן האָט געריַירט מיטן געזעמל חלוצים, וואָס זענען געפאָרן קיין ארץ־ישראל. זי האָט געהאַט רויטע, פאַרוויינטע אויגן און איין באַק האָט איר אונטערגעציטערט. אין איינעם פון די חלומות האָט זי אים גערופן שפּאַצירן גיין און אַז זיי זענען אָנגעקומען אין א גרויסן וואַלד, איז זי אַנטרונען און ער איז אַרומגעלאָפן צווישן די ביימער, ניט געפונען

דעם וועג אויף צוריק. אַזעלכע חלומות האָבן אים אויסגעמאַטערט און א סך טעג נאָכדעם האָט ער ניט געקאָנט זיך פון זיי באַפרייען. ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אָן א ציל. לינדערן אַזעלכע שטימונגען און מאַכן אים אַביסל פאַרגעסן, האָבן געקאָנט זיינע שניצערייען.

איצט אָבער איז ער ווייט געווען פון פעלד. נאַכט און רעגן האָבן אים פון דאָרטן אָפּגעטיילט און נאָר מיטן געדאַנק האָט ער געקאָנט אַהין גרייכן. אָבער דער געדאַנק איז ביי אים אין דער שפּעטער נאַכט־שעה געווען פאַרטאָן מיט עפּעס אַנדערש. אביגדור האָט אין זיינע הענט געקנייטשט א פּאַפּירל און פון צייט צו צייט האָט ער אין דעם אַריינגעבליקט, ס׳איז געווען אַן איינלאַדונג צו א הזכרה פון זיין שטעטל. נאָך יעדן איבערלייענען די פּאָר שורות האָט ער זיך ווידער צוגעהאָרכט צום דרויסן, פּונקט ווי דאָס געשריבענע וואָלט געהאַט עפּעס א שייכות צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער שפּעטער נאַכט־שעה. קיינמאָל האָט מען צו אים אַזאַ איינלאַדונג ניט געשיקט. מיט זיינע שטעטישע האָט ער ניט געהאַט קיין פאַרבינדונג און דאָס איז ניט געווען דערפאַר, ווייל ער האָט זיי אויסגעמיטן, נאָר ווייל זיי אַלע האָבן געוווינט אין שטאָט און ער איז געווען אין קיבוץ און אין שטאָט איז אים אויסגעקומען זעלטן צו זיין. אַז ער פלעגט שוין אַמאָל, אַמאָל יאָ פאָרן, האָט ער שטאַרק רחמנות געהאַט מיט יעדעס ביימל, יעדן קוסט וואָס מוז נעבעך שטיין צווישן אַזויפיל אַספאַלט, ציגל, בלאָקן און אייזערנע קאָנסטרוקציעס. ווען ער קאָן זיי די אַלע געוויקסן מיטנעמען און אַרויסלאָזן צו די פעלדער, צו די לאָנקעס אַרויס, וואָלט ער עס גערן געטאָן.

די איינלאַדונג האָט אין אביגדורן אויפגערויעט א סך געדאַנקען און דערמאָנונגען. עס איז אים פלוצעם קלאָר געוואָרן, אַז ער איז נאָך אַלץ אָנגעהעריק צו א וועלט, וואָס ער האָט זיך פון איר שוין פון לאַנג געהאַט אויסגעטאָן. איצט אין דער שפּעטער נאַכט־שעה, האָט אביגדור געפילט שאַרפער, ווי ווען ניט איז אַן אַנדערש מאָל, די אָנגעהעריקייט צו אָט דער ניטאָאיקער וועלט און אַז זיין בליק איז געפאַלן אויף דער פּאָליצע האָט עס אים אויפגעשווידערט:

אין זיינע אַלע מענטשעלעך, אָט די מענטשעלעך, וואָס ער האָט יאָרן לאַנג געשניצט, האָט ער דערקענט באַקאַנטע פּנימער. איטלעכן פון זיי האָט ער געקענט אַפילו ביים נאָמען אָנרופן. ס'האָט באַדאַרפן נעמען אַזויפיל יאָרן ביז עס זאָל אָנקומען צו אים אַזאַ שטיקל פּאַפּיר, מיט אַזעלכע שורות און דאָס זאָל אים עפענען די אויגן, אַז זיינע מענטשעלעך זענען אייגענע גאָר און ער דערקענט זיי.

עס האָט זיך אים געוואָלט זיי אַנטקעגן גיין און זיי פאַרבעטן צום טיש. עס האָט זיך אים געוואָלט זיי עפּעס זאָגן, פרעגן, פרעגן אָן א סוף. אָבער זיינע ליפּן האָבן זיך ניט געוואַגט צו באַוועגן. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ווי נאָר ער עפנט אויף דאָס מויל, וועלן זיי אַלע נעלם ווערן און זיך אויסמישן מיטן ווינט און מיטן רעגן און זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל, קיינמאָל מער ניט אומקערן. זיי זענען אָבער ניט אַנטרונען געוואָרן. להיפך — ס'האָט זיך ביסלעכווייז פון זיי אָפּגעטאָן דער גליוער. די געזיכטער זענען פריילעכער געוואָרן און די ליפּן האָבן זיך אָנגעקליידט אין א שמייכל. זייערע צו לאַנגע נעז האָבן פון דעם שמייכל אָנגעוואָרן דעם גראָטעסקן שטריך. יעדע פון די נעז האָט באַקומען זיין באַשערטע פאָרם און איז געוואָרן דער קען־צייכן פון יעדן פּנים באַזונדער.

אביגדור האָט געקוקט אויף זייערע פריילעכע מינעס און די קנייטשן אויף זיין שטערן האָבן זיך גענומען אויסגלייכן. דאָס פּנים ביי אים האָט זיך אויפגעשלאָסן און א העלער שמייכל האָט עס אויסגעלייטערט.

זיצנדיק אַזוי ביים טיש און קוקנדיק צו זיינע מענטשעלעך איז אביגדור איינגעשלאָפן. ווען דאָס טאָג־ליכט האָט א ציטער געטאָן אויף די פייכטע שויבן, איז נאָך דער שמייכל אַלץ געלעגן אויף זיינע ליפּן.

דער מלך

דער מלך איז טויט, זאָל לעבן דער מלך!

דער נייער קעניג, קוים צוואַנציק יאָר אַלט, איז געווען קליין, דאַר און דערצו מיט א הויקער. אַן אַנזעעוודיקן הויקער אויף די קליינע פּלייצעס, וואָס אַפילו די פּורפּור־סאַמעטענע קאָראָנאַציע־קליידער האָבן אים ניט געקאָנט פאַרשטעלן. און אויב דער צערעמאָניע־מייסטער, די הויף־לייט, מיניסטאָרן, פאַרבעטענע געסט און דאָס פאָלק, צו וועלכן ער האָט געפּאָכעט פונעם באַלקאָן, האָבן זיך געמאַכט ניט זען, האָט דער קעניג אויף קיין איין מינוט וועגן דעם ניט פאַרגעסן, אַז אונטער די פּורפּורן הויקערט זיך זיין פּלייצע. ער איז געווען דערשלאָגן און צעטומלט.

ווען די לאַנגע און אויסשעפּנדיקע צערעמאָניע האָט זיך שוין געהאַט פאַרענדיקט און דער קעניג איז פאַרבליבן אַליין אינעם גערוימען גאַרדעראָב־צימער, האָט ער זיך דערלויבט אַראָפּצוואַרפן דעם אומזיניקן שמייכל פון זיינע ליפּן, וואָס ער האָט אַזוי פאַרשווענדעריש געטיילט פאַר יעדן איינעם, וואָס איז צו אים צוגעקומען, כדי א קוש צו טאָן זיין דאַר קינדעריש הענטל מיט די גרויסע, צעפינקלטע סיגנעטן. פאַר יעדן איינעם, כאָטש אַלע זענען אים אויסגעקומען ווייט־און־שלעכט־מיינענדיק, ווי זיי וואָלטן זיך דאָ, אין זיין פאָטערס הויז, פאַרזאַמלט אויף אויסצולאַכן אים: א שפּיל אַזאַ פון „מאַכן" אים פאַר א קעניג, אַז ער, דער הויקער, זאָל „געוועלטיקן" איבער זיי מיט א „שטאַרקער האַנט" (ווי עס זאָגט זיך אין דעם קאָראָנאַציע־אַקט).

דער קאַמערדינער האָט אים געהאָלפן אויפשפּיליען דאָס פּורפּור־קלייד און פאַנאַנדערלאָזן די פאָלעס. פאַנאַנדערלאָזן, ווייל דאָס קלייד

איז אויפן קעניג געווען צו לאַנג, און ווייל קיין אַנדער קלייד צו אַזאַ געשעעניש האָט מען ניט געטאָרט באַנוצן, האָט מען דעם זוים פאַרבויגן. ס'איז געווען א שווערער און גאָר אַלטער מלבוש, וואָס אין אים האָט מען צענדליקער קעניגן פון דער איצטיקער דינאַסטיע און פון דער פריערדיקער נאָך געקרוינט. נאָר צו דעם צוועק האָט עס געדינט, און דערנאָך האָט עס צוזאַמען מיט דער קרוין און דעם סצעפּטער געדולדיק געוואַרט אין א ספּעציעל קעסטל, אין א באַזונדערן קאַמער, אויף דער געלעגנהייט צו באַווייזן זיך. טיילמאָל איז אויסגעקומען א סך, א סך יאָרן אַזוי אַפּצוליגן. איצט האָט דער קאַמערדינער די זוימען צוריק אויסגעגלייכט און מען האָט געזען, אַז ער טוט עס מיט יראת־הכבוד און מיט גרויס דרך־ארץ.

דער קעניג איז געשטאַנען אין די אונטערוועש און זיך צוגעקוקט צו דעם קאַמערדינערס אַרבעט, וואָס איז, אייגנטלעך, אויך געווען א שטיק ריטואַל: דאָס פאַמעלעכע צולייגן אַרבל צו אַרבל, דאָס פאַמעלעכע אויסגלעטן די ערטער, ווו עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז ס'זענען דאָ פאַלדן, איידער ער האָט דאָס קלייד אַריינגעלייגט אין דעם העלפאַנטביין־קעסטל.

דער קעניג האָט מער געקוקט אויפן קאַמערדינער ווי אויפן מלבוש: דער קאַמערדינער איז געווען ברייט און הויך, מיט וואַרעמע, קלאָרע אויגן און מיט א ניט־געצוווּנגענעם שמייכל. האָט דער קעניג זיך אַנגערופן:

— העי דו, פאַרהאַלט זיך א ווייל, טו אָן דאָס קלייד, זעץ אַרויף די קרוין אויפן קאָפּ און שטעל זיך אַוועק אַנטקעגן דעם גרויסן שפּיגל!

דער קאַמערדינער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין פאַרוווּנדערונג. מ'האָט בכלל ניט אַנגעזען אויפן פּנים די מחשבות זיינע, נאָר די ליפּן האָבן ביי אים אויפגעהערט צו שמייכלען, און דאָס איז געווען אַלץ וואָס האָט זיך אויפן אויבערפלאַך פון זיין פּנים געביטן. ער האָט זיך פאַמעלעך, ווי צו געווינען צייט, אַנגעטאָן און ווען ער איז שוין פאַרטיק געוואָרן, איז ער אַנטקעגנגעקומען דעם גרויסן שפּיגל. ס'האָט אויסגעזען ווי צוויי קעניגן האָבן זיך אין מיטן פון דעם גרויסן צימער באַגעגנט, באַגעגנט, אָפּגעשטעלט, און געקוקט איינער אויפן צווייטן.

דער קעניג האָט געפּאָרשט מיט זיין בליק דעם קאַמערדינער אין

די מלכותדיקע קליידער און ער האָט זיך צעשמייכלט. אָבער דער שמייכל איז שוין מיט גאָרניט ענלעך געווען צו יענעם שמייכל, וואָס ער האָט געהאַט צוגעקלעפּט אין קאָראַנאַציע־זאַל. און דער קעניג האָט ביי זיך געטראַכט:

— אָט דאָס איז ע ר דאָך, אַזוי דאַרף ע ר אויסזען. ווען ער האָט שכל, גיט ער מיך א יאָג כ׳זאָל אים ווײַן אַרײַנברענגען, כ׳זאָל אים צוגרייטן דאָס בעט, כ׳זאָל אים באַדינען. אַזוי דאַרף אויסזען דער קעניג, טאַקע אַזוי!

אָבער דער קאַמערדינער מיט דער קרוין אויפן קאָפּ האָט ניט פאַרנומען וואָס פאַר א טראַכטענישן עס קייקלען זיך אַלץ אַדורך אינעם קאָפּ פונעם געזאַלבטן. איז ער געשטאַנען און רואיק געוואַרט אויף ווייטערדיקע באַפעלן.

דער קעניג האָט זיך גאָרניט געיאָגט אים צו באַפרייען. ער האָט ווי אויפגעהערט צו פילן זיין אייגענע עקזיסטענץ. ער איז ווי פאַרשוווּנדן. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז דער שטאַרקער, הויכער מאַן איז ניט קיין אַנדערער נאָר ער אַליין, און דאָס וואָס איז געווען פריער, איז עס נאָר א שפּיצל, א מין להכעיס. אין דער אמתן זעט דער קעניג אויס אַזוי. אַזעלכן — האָט דאָס פאָלק ליב, אַזעלכן שעצן הויפּלייט, נאָך אַזעלכן בענקען יונגע פּירשטינס און אַזאַ איז ווערט אַנצופירן מיט דער מלוכה.

ווי אין הינערפלעט האָט זיך דער קעניג גענומען שאַרן פאַרויס, אָבער ער האָט עס ניט געפילט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גייט יענער אים אַנטקעגן. יענער, דער אמתדיקער הערשער און אַז ער, אַפילו ניט דער שאָטן פון יענעם, שטייט אויף אָן אָרט.

אַז ער האָט זיך פּלוצעם דערזען אין שפּיגל אין די אונטערוועש אויף די צוויי קרימלעכע פיס, האָט ער זיך ניט דערקענט, ווייל אין זיין געדאַנק האָט זיך זיין גוף געהאַט אויפגעלייזט אין דער געשטאַלט פונעם קאַמערדינער. דעריבער האָט ער אויך ניט געפילט, אַז ער שרייט מיט א באַנומענער שטים:

— ווער איז ער, ווער, און וואָס וויל ער דאָ?!

דער קאַמערדינער אין די קעניגלעכע קליידער האָט זיך אויף אַן

אמת דערשראָקן. די קרוין האָט אים אָנגעהויבן אַראָפּצושווערן און דער סצעפּטער האָט ממש געבריט אין זיינע הענט. ער האָט געוואָרפן בעטנדיקע בליקן אויף דער טיר, אפשר וועט ווער פאַרנעמען די געשרייען און וועט אַנלויפן, אָבער קיינער האָט דעם קעניגס קולות ניט געהערט און די טיר איז ווייטער געבליבן שטום ווי פריער. דער קעניג האָט זיך דערווייל גאָר נאָענט צו אים צוגערוקט, אַזוי נאָענט אַז דער קאָמערדינער האָט דערפילט זיין הייסן און פאַרשנעלערטן אָטעם אויף זיך. איצט האָט דער קעניג מער שוין ניט געשריען, ער האָט בלויז געקוקט מיט א צערודערטן בליק דאָ אויף אים און דאָ צום שפּיגל, אין וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן זייערע געשטאַלטן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, וועלכע פון די צוויי זענען דאָס די ריכטיקע און וועלכע זייער אָפּבילד. אומגעריכט האָט ער אַרויסגעריסן דעם סצעפּטער פון קאָמערדינערס הענט און א שליידער געטאָן אין שפּיגל אַריין. פונעם זעץ איז דער שפּיגל צעשפּרונגען און דער טעפּיך האָט זיך באַדעקט מיט צענדליקער און צענדליקער גרעסערע, קלענערע און גאָר קליינע צעפּינקלטע בראָך־טיילן. דער קעניג האָט זיך מיט אומווילן אויסגעדרייט פונעם קאָמערדינער און אויף זיינע נאַקעטע, קרימלעכע פיס זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, איבערלאָזנדיק דעם קאָמערדינער א פאַרהילטן אין די קעניג־לעכע פורפּורן אַנטקעגן דער באַגילדעטער ראַם פון דעם פוסטן שפּיגל...

אויסגעברענטע קנויטן

וואַל

מיין שכנה פון יענער זייט באַלקאָן וווינט דאָ ניט לאַנג. אַלע מאָל ווען כ׳פלעג אַרויסקומען אויף מיין באַלקאָן, האָט זי צו מיר גוטמוטיק געשמייכלט ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, כאָטש מיר האָבן זיך פריער קיינמאָל ניט געהאַט געזען.

איר שמייכל האָט מיך מחייב געווען אָפּצוענטפערן מיט א שמייכל. געפילט האָב איך אָבער, אַז מיט א צוריקשמייכל בין איך ניט יוצא. האָב איך זי אָנגעהויבן צו באַגריסן.

זי איז געווען פון מיטלוווקס. דאָס פּנים ניט אַזוי שיין ווי איינדרוקספול, און אויגן האָט זי געהאַט קלאָרע — כמעט א קינדערשן בליק.

איינמאָל האָב איך זי געטראָפן, בעת זי איז געזעסן און געהעקלט מיט צוויי שפּיזלעך. אַז זי האָט באַמערקט מיין בליק, וואָס האָט נאָכגעפּאָלגט אירע פלינקע באַוועגונגען, האָט זי זיך אָנגערופן, אין פאַרלעגנהייט, מיט א טאָן ווי זי וואָלט זיך פאַר מיר געוואָלט פאַרענטפערן:

— איר שטוינט אוודאי וואָס אין אַזעלכע היצן פאַרגרייט איך ווינטערזאַכן? דאָס מאַך איך א מענטעלע פאַר מיין קאַץ. יענעם ווינטער, ווען ס׳זענען דאָ געווען אַזעלכע קעלטן און רעגנס, האָט זיך מיין קעצל — בערנאַרד רופט מען עס — געהאַט צוויי מאָל פאַרקילט. דאָס יאָר וועט שוין זיין אַנדערש. אָ, כ׳האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז איר קענט נאָך ניט מיין קאַץ. זי איז געפאָרן קיין ווין מיט מיין רודין. דאָ האָט זי געמאַכט א פּויזע און נאָכדעם שטילער צוגעגעבן — רודי דאָס איז מיין מאַן. ער הייסט

רודאָלף, נאָר איך רוף אים רודי, זיך צוגעוווינט אַזוי. זיי זענען געפאָרן אָפּנעמען אונדזער פאַרמעגן, וואָס די דייטשן האָבן געהאַט ביי אונדז צוגערויבט. איך גרייט אויך פאַר רודין א סופּריז...

די פרוי האָט זיך אָפּגעשטעלט, א ווייל זיך אין עפּעס אַריינגעטראַכט און ווידער זיך אָנגערופן:

— וואָס האָב איך געהאַלטן אייך אין דערציילן? יאָ, כ'געדענק שוין. רודי האָלט אַז כ'ווייז אַרויס מער ליבשאַפט צו דער קאַץ, ווי צו אים. ער איז ניט גערעכט. כ'בעט אייך, זאָגט מיר, צי וועט מען מיין רודי מיט בערנאַרדן מער ניט פאַרשלעפּן אין קרעמאַטאָריע?... אַז רודי וועט ברענגען פון ווין אונדזער פאַרמעגן, פאַרבעט איך אייך מיט אונדז מיטצופאָרן אין די בערג... נאָך גוט וואָס כ'האָב איך באַצייטנס דערקענט. איר זענט דאָך דער, וואָס איז געקומען מיט דער פאַראָרדענונג, אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן די וווינונג. איר מיינט אַז כ'האָב פאַרגעסן?! אַפילו אַביסעלע מילך אין פלעשל פאַרן קעצל, האָט איר ניט געלאָזט מיטנעמען...

זי האָט אָפּגעהאַקט און גענומען נאָך געשווינדער אַרבעטן מיט די הענט. א שפּיזל אַרויף, א שפּיזל אַראָפּ. פאַרהאַלטן זיך, געציילט די „אויגן" און ווידער א שפּיזל אַרויף, א שפּיזל אַראָפּ. זי האָט מיך מער ניט געזען, אָבער איך בין ניט אַוועקגעגאַנגען, בין נאָך אַלץ געשטאַנען און זיך צו איר צוגעקוקט. ערשט איצט האָב איך באַמערקט, אַז זי שטריקט אָן וואָל, ס'איז ניט געווען קיין סימן פון א קניילעכל. צווישן שפּיזל און שפּיזל איז געווען א פּוסטקייט...

**
*

שפּעטער, האָב איך די פרוי ווידער געזען. זי האָט, זיצנדיק אויף איר ליגשטול, געהעקלט און איך בין געווען א קניילעכל, וואָס איז געלעגן לעבן אירע פיס. זי האָט פון מיר דעם פאָדעם געצויגן און איך בין וואָס אַמאָל קלענער געוואָרן.

ווען כ'האָב, אין מיין אַנגסט, געזען אַז באַלד ווער איך אויס, אַז

נאָך א קייקל, נאָך א קייקל ווער איך פאַרשוווּנדן צווישן אירע פלינקע פינגער און די צוויי בלאַנקענדיקע, קאַלטע שפּיזלעך, האָב איך זיך געוואָלט אָנרופן...

די פרוי האָט עס דערפילט, ווייל זי האָט פאַרהאַלטן איר שטריקן, א קוק אַראָפּ־געטאָן צו אירע פיס, ביי וועלכע איך בין געלעגן פאַרוואָליקט און זי האָט אַזוי געזאָגט:

— בלייבט רואיק, קייקלט זיך ניט און הערט מיך אויס. איך וויל פאַרריכטן וואָס דער הער־גאָט האָט קאַליע געמאַכט. מען דאַרף די וועלט מיט אַלץ וואָס עס איז דאָ אויף איר איבעראַנדערשן, און איך וויל דאָס טאָן. אָבער איך בין א שוואַכע פרוי, ווען איך פון אַלץ און אַלעמען מאַכן וואָל. כ׳וועל איבערהעקלען די וועלט. אָט דאָ אויף דעם באַלקאָן. איר דאַרפט זיין צופרידן, איר דאַרפט זיך פרייען, וואָס כ׳האָב דווקא אייך אויסגעקליבן פאַר מיין אדם הראשון. אַז כ׳וועל דאָס לעצטע פעדעמל פון אייער קניילעכל אויף מיינע שפּיזלעך אַרויפנעמען, וועט דער פחד, וואָס איר האָט, פאַרשווינדן. אין אייער נייער באַשערטקייט וועט אייך דאָס געפיל זיין פרעמד, ווייל מורא דאָס איז אַן איבערבלייב פון דער אַלטער וועלט!

איך אָבער האָב זיך ניט געוואָלט שיידן ניט מיט דער אַלטער וועלט און ניט מיטן פחד, האָב איך זיך געקייקלט פון זייט צו זייט. זי האָט פאַרלוירן ס׳געדולד און מיין פעדעמל א שטאַרקערן צי געטאָן. דאָס פעדעמל אָבער האָט זיך אין א קניפּל פאַרעקשנט. האָט די פרוי דאָס פעדעמל געצויגן און געצויגן, נאָר דאָס קניפּל האָט ניט נאָכגעגעבן...

דאָס העמד

זי האָט זיך גענומען אויסטאָן. דאָס באָד־צימער איז געווען ליידיק. איינער פון די טוש־שפריצערס איז געווען שוואַך פאַרמאַכט און אַ שטילער, אומאויפהערלעכער וואַסער־שטראָם איז געפלאָסן. ס׳האָט איר הנאה געטאָן וואָס זי איז אַליין. נאָכן אויסטאָן זיך, ווען זי האָט שוין געוואָלט אַרונטער אונטערן שפריץ, האָט זי באַמערקט, אַז זי איז נאָך ניט אינגאַנצן נאַקעט. עס האָט איר געוווּנדערט וואָס זי האָט דאָס פאַרזען. זייפנדיק זיך אונטערן וואַסער האָט זי ווידער דערפילט, אַז איר גוף איז באַדעקט מיט עפּעס אַ לאַנג געוואַנט, אַ העמד מיט גראָבע שטעך געניית. דאָס העמד איז שוין געווען דורכגענעצט און ניט אַנגענעם זיך געקלעפּט צום לייב. זי האָט עס געשלעפּט פון זיך, אָבער דער שטאָף איז געווען ווי צונויפגעוואַקסן מיט דער הויט. זי איז גרייט געווען צו רייסן די הויט צוזאַמען מיטן שטאָף, אַבי זיך צו באַפרייען וואָס גיכער פון דער פריקרער גליטשיקייט.

פּלוצעם זענען אַריינגעקומען פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענער. די מענער האָבן עפּעס געזוכט. זיי האָבן אויף איר קיין אַכט ניט געלייגט. זיי האָבן זי ווי ניט באַמערקט. זי האָט געשריען צו זיי, זיי זאָלן גלייך פאַרלאָזן דאָס באָד־צימער, אָבער אויך איר געשריי האָבן זיי ניט געהערט.

אומגעריכט האָבן די שפּריצן פון זיך אַליין אַ שפּאַר געטאָן און דורך די ניקלנע קעפּלעך האָט אַ פלייץ געטאָן וואַסער מיט אַזאַ קראַפט און רעש, אַז איר שטים איז פאַרטויבט געוואָרן פון דעם וואַסער־גערויש. דאָס גרויסע באָד־צימער מיט די ווייסע קאַפּליע־ווענט האָט זיך גיך אָנגעפילט מיט וואַסער און פּאַרע, ווייל די אָפּפלוס־לעכער אויפן שטיינער־נעם דיל זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן. די מענער זענען פאַרשוווּנדן. זי איז גיך צוגעלאָפן צום אַרויסגאַנג, די טיר איז אָבער געווען פאַרשפּאַרט. איז זי

געלאָפן צו די פענצטער. אויך אַלע פענצטער זענען געווען הערמעטיש פאַרקלאַפּט. האָט זי מיט די פויסטן אין די שויבן געשלאָגן, געוואָלט זיי צעברעכן, נאָר דאָס גלאָז איז געווען אַזוי דיק, אַז עס האָט ניט נאָכגעגעבן. דערווייל האָט זיך דאָס וואַסער און דער פאַרע־נעפּל געמערט. עס האָט זיך געהויבן און געהויבן ביז עס איז דערגאַנגען צו אירע אַקסלען, צום האַלדז, צו איר קאָפּ און אים צוגעדעקט. די שפּריצערס האָבן זיך פאַראייינמאָל איינגעשטילט. די פאַרע האָט זיך געזעצט. דער וואַסער־פלאַך איז געוואָרן גלאַטיק. דאָס לאַנגע העמד איז קאַפּויער־געקומען און געבליבן ליגן אויפן וואַסער־שפּיגל מיט צעשפּרייטע אַרבל — — —

יעל האָט זיך אויפגעכאַפּט. געוויינטלעך געדענקט זי ניט קיין חלומות. אין בעסטן פאַל ברוכטיילן פון א חלום. ד ע ר חלום אָבער האָט זיך איר אַזוי פאַרקריצט אין זכרון, אַז זי האָט שוין זייענדיק אינגאַנצן וואַך, געפאָרשט מיטן בליק, געזוכט ביי דער וואַנט די שפּריצערס און צי אויף איר לייב טראָגט זי ניט יענץ לאַנג, פרעמד העמד. ווען אָסף וואָלט נאָך געלעגן אין בעט, וואָלט זי אים אויפגעוועקט און גלייך דערציילט דעם מאָדנעם חלום, אָבער אָסף איז שוין פון לאַנג ניט געווען אין שטוב. ער איז מיטן דזשיפּ אַוועקגעפאָרן אין ראַיאָן פון די נאַפט־רערן. פון דעם אַנדערן צימער האָט זיך דערטראָגן דאָס עטעמען פון דער פיר יעריקער תמרל. וואָלט דערנעבן געוווינט אַ שכנה, וואָלט יעל זיך ניט געפוילט אַריבערגיין און דערציילן דעם חלום. זי האָט געפילט אַ באַדער־פעניש מיט עמעצן זיך דורכצושמועסן, אָבער זייער שטיינערן הויז איז געשטאַנען אַליין אין דער וויסטעניש און אַרום נאָר שטיינער־מאַסיוון, רויער אָנוואָרף פון בערג, ווילדער געשלענגל פון וואַדיס, שמאָל־דורכגענג־לעכע קעניאָנען, זאַמד־דיונעס מיט שיטער צעוואָרפענע, פאַרקאָלטנטע מדבר־געוויקסן. א שמאָל שטויב־וועגל האָט געפירט פון זייער הויז צום נאָענטסטן ישוב, צו דער זיך בויענדיקער און וואַקסנדיקער שטאָט, וואָס האָט די בערג־שפּועים מיט הייזער באַדעקט און מיט גאַסן פאַרשנורעוועט. דאָס אַלץ איז דאָרט, מיט פינף קילאָמעטער ווייטער, ווו די נייע שטאָט בויט זיך. דאָ, נעבן זייער הויז איז פוסט און הויל. הפקרדיק שטאַרצט

דער גראַניט פון די זאַמדן. די שטיין־ברילעס גליען אין די לאַנגע מדבר־טעג און שפּרייטן אַרום זיך געל־גרויען שטויבן־אַש. די ווינטן צעטראָגן אים. דער שטויב באַוועגט זיך אין צעפּלאָמטן שגעון.

יעל קוקט אָפּט אויף דעם שטיין־כאָאָס. פאַרשיידענע פאָרמען האָבן זיי, די שטיינער. טייל דערמאָנען אין מענטשן־געשטאַלטן און אַנדערע כאַפּן דעם אָנבליק פון חיות. ניט איינמאָל טראַכט יעל, אַז אפשר זענען דאָס טאַקע מענטשן און חיות וועלכע האָבן אין די אוראַלטע צייטן אין דער מדבר געבלאָנקעט און ווי אַלץ אין מדבר — פאַרגליווערט געוואָרן, פאַרשטיינערט געוואָרן.

צוויי יאָר שוין ווי זיי וווינען דאָ מיטן קינד אין דער וויסטעניש אין געצוווּנגענער איינזאַמקייט. צוויי יאָר ווי אָסף האָט אָנגענומען דעם פּאָסטן פון אַ מעכאַניקער און קאָנטראָלער פון די ניי־פאַרלייגטע נאַפט־רערן. פריער האָט ער געאַרבעט אויף אַ האַנדלס־שיף. וואָכן־לאַנג ניט געווען אין דער היים. ניט לייכט איז איר אָנגעקומען ביז זי האָט געפּועלט ביי אים ער זאָל אויסזוכן אַ באַשעפטיקונג אויף דער יבשה. אָבער צו וווינען אַזוי אָפּגעזונדערט איז גאָרניט פּשוט. זייער הויז איז איינגעאָרדנט און באַזאָרגט מיט אַלע איינריכטונגען און באַקוועמלעכקייטן, נאָר דאָס געפיל איז פון אַן אָנסופיקע אַליינקייט. אַ ליאַדע טאָג קאָנען די מדבר־ווינטן זייער שטוב פאַרשיטן מיט זאַמד ס׳זאָל קיין שפּור ניט בלייבן, און קיינער וועט ניט וויסן ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. ביינאַכט איז נאָך ערגער. ביינאַכט איז מען איינזאַמער. די באַלויכטענע פענצטער טאַפּן אין דער פינצטערניש, זוכן ערגעץ אַ צייכן, אַ קלאַנג, אַן אָפּשיין. שטיל איז אין מדבר, פאַרטייעט איז דער מדבר. די בערג שטייען צונויפּ־געררוקט, אַרומגעדעקט מיט טומאַנען און דאָס הויז שווימט, שווימט אין חושך און קאָן צו קיין ברעג ניט דערגרייכן.

יעל איז אַרויס פון בעט, אונטערגעהויבן די לאָדן, אַרויסגעטראָגן דאָס בעט־געצייג צום לופטערן. עס איז נאָך געווען גענוג פרי. די לופט איז געווען לויטער און דורכזיכטיק. יעל האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער וועראַנדע. אָט פליט אַן אַ גרויסער רויב־פויגל. דער פויגל קרייזט לאַנג

אַרום איבערן בלויען, מיט זון פֿאַרגאָסענעם הימל. ער פֿליט אַוועק, קומט צוריק, נידערט אַראָפּ און אָט איז ער שוין ווידער אינדערהויך. פּלוצעם בלייבט ער הענגען אומבאַוועגלעך, ווי די פֿליגלען וואָלטן אים אויפֿגעהערט דינען. עס געדויערט ניט לאַנג און באַלד גיט ער זיך האַסטיק און שפּיציק אַ לאָז אַראָפּ צווישן אַ שטיין־שפּאַלט. עס קומט פֿאַר אַ קורץ געראַנגל, אַן אַרומרייסעניש, א פֿאָכען פֿון פֿליגל. ווען דער רויב־פֿויגל גיט זיך אַ הייב פֿון דער סקאַלע און פֿליט אַוועק, צאַפּלט זיך נאָך אין זיין קרומען שנאָבל דער קרבן. יעל קוקט אים נאָך ביז ער פֿאַרשווינדט. אויך דער הונט וואָס ליגט אין אַ ווינקל פֿון דער ווערענדע באַגלייט מיטן בליק דעם רויב־פֿויגל. דורך זיין בויך לויפֿט אַדורך א ציטער און ער ברומט בייזלעך. יעל איז צעטראָגן אָבער ניט פֿון דער קורצער דראַמע וואָס איז נאָרוואָס פֿאַרלאָפֿן פֿאַר אירע אויגן, נאָר פֿון דעם חלום וואָס האָט זיך איר געחלומט. זי פֿילט ווי מען וואָלט אויף איר אַרויפֿגעצוווּנגען אַ שווערע לאַסט. זי טוט איר געוויינטלעכע שטוב־אַרבעט, פֿאַרנעמט זיך מיטן קינד, וואָס איז דערווייל אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף, שפּילט זיך מיט איר, העלפֿט איר קנעטן מענטשעלעך פֿון פּלאַסטעלין, אָבער דער נאַכט־קאָשמאַר גייט איר נאָך. זי עפֿנט דעם ראַדיאָ. זי הערט זיך צו צו די פֿרימאָרגן־נייעסן: אַריינדרינגלערס האָבן געגנבעט וואַסער־רערן אין אַ קיבוץ אויף דרום, אַ דזשיפּ פֿון אַ מיליטערישן פּאַטראָל איז אַרויף אויף אַ מינע. צוויי זעלנער דערהרגעט, דריי פֿאַרוווּנדעט. מען איז געווויינט צו אַזעלכע נייעסן, מען הערט זיי אָפּט, נאָר היינט האָט עס יעל אויפֿגענומען אַנדערש, ווי עס וואָלט זי פּערזענלעך אָנגערירט, ווי צווישן די דערהרגעטע וואָלט געווען אירס אַ קרוב. יעל טראַכט וועגן אָספֿן. זי וואָלט אים איצט אַזוי געדאַרפֿט לעבן זיך. ער וואָלט זי באַרואיקט, געהאָלפֿן צוריק געפֿינען דעם גלייכגע־וויכט. יעל ווייסט אָבער, אַז אָסף איז איצט ווייט. ער וועט ערשט קומען פֿאַרנאַכט אַ מידער, אַ פֿאַרשטויבטער, אַ דורכגעזומענער פֿון בענזין־ריחות און פֿון שווייס. יעל קלערט און באַשליסט ניט צו דערציילן אים וועגן חלום. וואָס וועט זי אים דרייען דעם קאָפּ מיט ווייבערישע נאַרישקייטן. זי וועט אים נאָר בעטן ער זאָל בייטן די אַרבעט און זיי זאָלן זיך אַריבערקלייבן צווישן

מענטשן. זײ דאַרפֿן עס טאָן צוליב דער קלײנער. תּמרל װאַקסט, דאַרף באַלד גײן אין קינדער־גאָרטן. מען קאָן ניט אַזױ מפֿקיר זײַן אַ קינד. צװײ יאָר איז איבערגעגנוג. ס׳האָט זיך איר געחלומט — — — זי האָט דאָך אָפּגעמאַכט אים ניט צו דערצײלן. איז װאָס װידער מיטן זעלבן פּזמון? ער װעט דאָך מײנען, אַז זי איז חסר־דעה. װאָס פֿאַר אַ שײכות האָט דער חלום צו דעם גאַנצן ענין פֿון געפֿינען זיך אין דער װיסטעניש? אָסף װעט זי אױסלאַכן, מאַכן פֿון דעם אַ װיץ. ער װעט זי מיטן קינד אָפּפֿירן צו אירע עלטערן קײן רמת־גן אױף אַ װאָך־צװײ כּדי זי צו באַרואיקן און מיט דעם װעט עס זיך ענדיקן. נײן, דאָסמאָל װעט עס ניט העלפֿן. ער מוז איבעררײסן דעם קאָנטראַקט און אַװעק פֿון דאַנען.

אַרײַנגעטאָן אַזױ אין די מחשבות, איז איר דורכגעלאָפֿן אַ זײטיקער געדאַנק. זי האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם געדאַנק, געװוּסט, אַז ס׳איז אָן אומזין אַזױ צו טראַכטן, נאָר זי האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן. זי איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפֿע, איבערגעװאָרפֿן אַלע װעש און געזוכט צי זי האָט ניט אַזאַ העמד מיט לאַנגע אַרבל פֿון רױען, גרױען לײַן. זי האָט זיך פֿאַרשעמט, װאָס זי האָט זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון סתּם אױסדאַכטענישן. דאָס איז זיכער אַ פּועל יוצא פֿון זײַן אַ לאַנגע צײַט אָפּגעזונדערט פֿון מענטשן. האָט זי זיך געפּרוּװט אין דער מחשבה צו פֿאַרטײדיקן. אָבער דער געדאַנק װעגן העמד איז געװען אײַנגעשפּאַרט, געשטעקט אין איר װי אַן אַרײַנגעקלאַפּטער נאָגל. יעל איז זיכער געװען, אַז זי האָט ערגעץ־װוּ יאָ געזען אַזאַ העמד. און אפֿשר האָט זי עס גאָר געהערט דערצײלן?

יעל האָט אָפּגעקאָכט מיטאָג. אָנגעקאָרמעט דאָס קינד. זי אַלײן האָט קײן חשק ניט געהאַט צום עסן. האָט זי אַרױסגעטראָגן אַן עמער פֿריש װאַסער פֿאַר די פֿאַר הינער און קראָליקעס, װאָס האָבן זיך געהאָדעװעט לעבן דער שטוב. דערנאָך האָט זי תּמרלען געלײגט שלאָפֿן צו איר מיטאָג־אָפּרו, אַראָפּגעלאָזט די לאָדן, אָנגעשטעלט דעם װענטילאַטאָר און זיך צוגעשפּאַרט מיט אַ בוך אין האַנט אױף דער סאָפֿע. יעל האָט זיך ניט געקאָנט קאָנצענטרירן. האָט זי דאָס בוך אַװעקגעלײגט אין אַ זײַט און געלעגן גלאַט אַזױ. אירע אױגן האָבן נאָכגעפֿאָלגט דעם האַלב־קרײַז,

וואָס דער שטאָלענער פּראָפּעלער פון ווענטילאַטאָר האָט דורכגעמאַכט און זיך צוגעהאָרכט צו זיין שטילן געזשום. עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זי פּאָרט ערגעץ, אַז דער פּראָפּעלער איז גאָר קיין פּראָפּעלער ניט, נאָר אַ ראָד, אַ סך רעדער. די נסיעה דויערט שוין זייער לאַנג. עס הייבט זי, עס טרייסלט זי. איר קערפּער וויגט זיך אין טאַקט פון דעם רעדער־געלויף. דער ווינט צעבלאָזט אירע האָר, קילט די שלייפן. יעל האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט. זי האָט זיך האַסטיק אויפגעזעצט. זי זעט שוין ניט דעם ווענטילאַטאָר, הערט שוין ניט זיין געזשום. דאָס געפיל פון פאָרן האָט זי אָפּגעלאָזט. אַלץ איז פאַר איר קלאָר געוואָרן, אַלץ געדענקט זי איצט:

די מאַמע האָט איר געהאַט דערציילט, אַז אירס אַ שוועסטער, יעלס אַ מומע, וואָס האָט געוווינט אין פּוילן (זי האָט זי אַפילו ניט געקענט, נאָר בלויז געזען אויף אַ פאָטאָגראַפיע), איז מיט אַלע יידן פון שטעטל געפירט געוואָרן דורך די דייטשן צום שיסן.ביים גרוב האָט מען זיי אַלע אויסגעטאָן נאַקעט און ווען מען האָט זיי דערשאָסן, זענען זיי אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין גרוב. די מומע אָבער איז ניט אומגעקומען, נאָר לייכט פאַרווונדעט געוואָרן. ביינאַכט האָט זי אַרויסגעפויזעט פון גרוב און אַוועק איבער די פעלדער. זי האָט זיך דערשלעפּט צו אַ באַקאַנט דאָרף און אָנגעקלאַפּט אין אַ פענצטער פון אַ כאַטע. אַ פּויערטע האָט געעפנט די טיר און דערזען די מומע אַ נאַקעטע, אַ פאַרבלוטיקטע, אַ צעציטערטע. זי האָט רחמנות געקראָגן און איר אַרויסגעטראָגן אַ גראָב פּויעריש העמד און אַ האַלבן לאַבן ראָזעווע ברויט. אין דער כאַטע האָט זי איר ניט אַריינגעלאָזן. עס איז געווען ווינטער צייט. שניי און פראָסט. די מומע האָט געוויינט, זיך געבעטן אָבער די פּויערטע האָט מורא געהאַט איינצושטעלן. זי האָט נאָך דער מומען געגעבן אַ פּאָר אַלטע שקראַבעס אויף די פיס און איר געהייסן גיין. די מומע האָט געוווּסט, אַז אין וואַלד באַהאַלטן זיך אויס שטעטלדיקע יידן, האָט זי זיך געלאָזט זיי זוכן. זי האָט געבלאָנדזשעט, שטיל גערופן, נאָר קיינער האָט איר גערוף ניט דערהערט. דער פראָסט האָט זי מיד געמאַכט, פאַרשלעפּערט.

ווען דער טאָג האָט בוים פון בוים פאַנאַנדערגעטיילט און די

ווייסקייט פון שניי האָט זיך מיטן טאָג־ליכט אויסגעמישט, האָבן זי די אויסבאַהאַלטענע יידן געפונען. זיי האָבן זי דערקענט. די מומע האָט זיי מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער אַלץ דערציילט, אָפּראַטעווען אָבער האָט מען זי שוין ניט געקאָנט. איינער פון זיי איז נאָך דער מלחמה געקומען אין לאַנד אַריין און דאָס איר מאַמען, דער מומעס שוועסטער, דערציילט.

און איצט אין דער נאָכמיטאָג־שטילקייט אויף דער סאָפע, האָט זי געזען דער מומען לויפן צווישן די נאַקעטעביימער פון דעם ווינטערדיקן וואַלד. געזען אַפילו די בלוט־פלעקן אויפן העמד און אויף די הענט, דעם פחד און דעם יאוש אין די זוכנדיקע אויגן און די פיס וואָס זינקען אין טיפן שניי. זי האָט געזען ווי דאָס פנים, די הענט, די פיס ווערן ווייס און ווייסער, ווערן בלוי, ווערן שטייף — — —

אַ גערודער פון צווייטן צימער האָט יעלן צוריקגעבראַכט צו דער ווירקלעכקייט. די שטוב מיט אַלע חפצים, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט, האָבן צוריק באַקומען האַפט. אַלץ האָט מען געקאָנט אָנטאַפּן, נעמען אין די הענט אַריין, אַוועקשטעלן, איבעררוקן. תמרל האָט זיך איבערגעוועקט און גערופן מיט אַ פרישן קולעכל:

— אמאלע, קום אַביסעלע צו מיר!

יעל איז גיך אַריין צום קינד. תמרל האָט מיט פריילעכע אויסגעשרייען פאַרוואָרפן אירע הענטלעך אויף דער מאַמעס האַלדז און צוגעטוליעט דאָס ווייכע בעקעלע צו איר פנים. יעלן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי האָט שוין עפּעס גאָר לאַנג דאָס קינד ניט געזען, אין שטוב ניט געווען, און אַז ניט די מומע, נאָר זי איז אַרומגעלאָפן ביינאַכט אין וואַלד און געזוכט אַ באַהעלטעניש... זאָל זי עס דערציילן אָספן? יאָ, זי וועט עס אים טאַקע דערציילן. וועגן העמד וואָס האָט זיך געקלעפּט צו איר לייב אונטערן שפּריץ און וועגן העמד אין וועלכן איר מומע איז פאַרפרוירן געוואָרן. ער וועט זי ניט אויסלאַכן. אָסף וועט זי אויף זיכער פאַרשטיין. זי איז איבערצייגט — ער וועט זי פאַרשטיין.

הלל

כל הדברים יגעים לא יוכל איש לדבר

קהלת, פרק א, פסוק ח.

הלל איז געקומען אין לאַנד אַריין ערשט נאָך דער מלחמה. זיין ווייב, זיינע טעכטער, איידעמס און אייניקלעך זענען אַלע אומגעקומען. הלל איז געבליבן לעבן, ווייל ער האָט אין דער צייט פון די דייטשן די באָרד אָפּגעגאָלט, די וואָנסן געלאָזט וואַקסן לענגער. אַרויפגעצויגן אויף זיך א העמד פון גראָבע, שאַרסטקע לייוונט, אַן אָפּגעריבענעם קאַמזויל, אַן אויסגעפליקט פּעלצל. די פּיס מיט שמאַטעס פאַרוויקלט און אויף די שמאַטעס לאַפּטשעס אָנגעטאָן. אין אַזאַ הילוך פון א פּאַראַרעמט פּויערל האָט זיך הלל געלאָזט איבער די דערפער.

דאָס אַלץ האָבן מענטשן דערציילט. ער אַליין האָט געשוויגן ווי ער וואָלט גאָרניט געדענקט וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, אָדער מיט כוונה אויסגעמיטן וועגן דעם צו רעדן.

געקומען איז הלל צו זיין זון, א מושבניק אין גליל. מען האָט פאַר אים צוגעבויט א קליין צימערל מיט א ווערענדע פון וועלכער מען האָט געזען די פעלדער, די סעדער וואָס האָבן זיך געצויגן איבער דער ברייטקייט פונעם טאָל און אויף די בערג וואָס האָבן דעם טאָל אַרומגע־רינגלט. הלל אָבער איז מער אין בעט געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען. ער האָט אָפּט ניט געוווּסט ווו ער געפינט זיך. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער איז צוריק אין שטעטל, אין טאַטנס שטוב און דעריבער איז אַלץ וועגן וואָס ער האָט גערעדט געווען געבונדן מיט דער אַלטער היים.

הלל האָט דערמאָנט פעטערס און מומעס, דערמאָנט דעם טאַטן ווי

ער איז מיט אים געגאַנגען שמחת־תורה אין שול אַריין, גערופן די מאַמע זי זאָל אים אויסבאַהאַלטן, ווייל ער שרעקט זיך. ס׳גייט א פּראָצעסיע. גויים טראָגן גרויסע צלמים און יויזלעך. ס׳קלינגען גלעקער. מען קאָן אים נאָך, חלילה, אָפּשמדן.

איינמאָל, אָוונט־צייט, איז יוסף, דער זון, נעבן זיין בעט געזעסן. אין צימער איז געווען שטיל. ערגעץ ווייט האָט מען געהערט א טראַקטאָר אַרבעטן. נאָענטער האָבן זשאַבעס געקוואַקעט. הלל איז געלעגן און זיך אַרומגעשפּילט מיט א קמיע וואָס ער האָט געטראָגן אויפן האַלדז. ער האָט דאָס שטריקל, אויף וועלכן די קמיע איז געהאַנגען, פאַרדרייט אַרום א פינגער, אויפגעוויקלט און ווידער פאַרדרייט. ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דעם, אַז מען האָט געקאָנט מיינען מי־יודע וואָס פאַר א וויכטיקע פּעולה ער פירט אויס.

יוסף האָט שוין געהאַט אויסגעלייענט די צייטונג און געוואַרט דער טאַטע זאָל איינשלאָפן. דורכן אָפענעם פענצטער האָט אַריינגעשפּאַרט א צווייג מיט רויטלעך־געלבע גראַנאַטן־פּירות. א לבנה האָט זיך געטוקט אונטער לייכטע, סוף־זומערדיקע וואָלקנדלעך־ניט־וואָלקנדלעך, רויכלעך אַזעלכע, וועלכע זענען גיך צעגאַנגען. דורכן פענצטער זענען נאַכט־פלאַטערלעך אַנגעפלויגן און אַרומגעקרייזט אַרום דעם אָנגעצונדענעם לעמפל.

יוסף האָט נאָכגעפאָלגט דעם טאַטנס באַוועגונגען. דאָס שפּילן זיך מיט דער קמיע האָט ווי אָפּגעריסן אויף א ווייל דעם אַלטן פון אַוועקלאָזן זיך אין די פאַרנעפּלטע ספערן פון אויסדאַכטונגען.

ניט ווילנדיק האָט יוסף א טראַכט געטאָן וועגן דעם, וואָס עס האָט אים געהאַט געשריבן א לאַנדסמאַן, א ייד וואָס איז צוריקגעקומען פון דער פאַרטיזאַנקע, ווען ער האָט זיך ביי אים נאָכגעפרעגט וועגן טאַטן. דאָס איז געווען אין יענע צייטן ווען עס איז צו אים דערגאַנגען די בשורה, אַז דער טאַטע לעבט. דער לאַנדסמאַן האָט זיך אונטערגענומען דעם טאַטן אָפּצוזוכן. און אָט אין איינעם פון די בריוו האָט ער אים געשריבן, אַז ער האָט הללן געפונען אין א דאָרף, אָנגעטאָן אין פויערישע קליידער (וואָס אין זיי האָט ער זיך געראַטעוועט) און פּאַשעט דאָרט בהמות. עס זענען

שוין אַדורך עטלעכע יאָר זינט דער טאַטע איז ביי אים, אָבער פון טאַטן אַליין איז אים ניט געלונגען וועגן דעם אַלעם קיין וואָרט אַרויסצובאַקומען. ווען נאָר ער פּרווּוט אים פאַרזיכטיק א פרעג צו טאָן וועגן דער היים, דער מאַמען, שוועסטערן, נעמט דער טאַטע ציטערן, פינטלען מיט די אויגן און ענטפערט, אַז ער ווייסט ניט וואָס מען וויל פון אים. ער געדענקט גאָרניט, גאָרניט. יוסף האָט אָבער געהאַפט, אַז דער טאַטע וועט סוף־כל־סוף בייקומען די חולשת־הדעת און יאָ דערציילן וואָס ער, מיט דער גאַנצער משפּחה, זענען אויסגעשטאַנען אין דער צייט פון דער מלחמה. דער טאַטע וועט ניט קאָנען דערשטיקן אין זיך דאָס איבערגעלעבטע. דאָס קאָן זיין אין א וואָך, אָדער אין א יאָר אַרום. אפשר וועט עס געשען היינט? ניין, דער טאַטע שווייגט צופיל דעם גאַנצן אָוונט. דרייט און דרייט דאָס שטריקל מיט דער קמיע אַרום פינגער. פון וואַנען האָט ער די קמיע? וואָס באַדייט זי?

יוסף האָט זיך איינגעקוקט אין ליגנדיקן טאַטן און דער פאָדעם פון געדאַנק האָט זיך געצויגן אויף צוריק צו יענעם טאָטן דעם וואַלד־סוחר וואָס האָט געקאָנט נעמען א האַק און אומוואַלגערן דעם דיקסטן בוים. די דאָרפס־לייט, די געניטע וואַלד־אַרבעטער, וואָס דער טאַטע האָט באַשעפטיקט ביים אויסקאָרטשען דעם וואַלד, פלעגן זיך וווּנדערן פון וואַנען עס נעמט זיך צו א שטעטלדיקן ייד אַזאַ געשיקטקייט און אַזאַ גבורה. ער האָט געקענט זייער פּויעריש לשון, זייערע מנהגים. ווען ניט זיין באָרד און די יידישע בגדים האָט מען אים געקאָט אָננעמען פאַר איינעם פון זיי. אַפילו אין מאַכן א כוסה איז ער פון זיי ניט אָפּגעשטאַנען.

יוסף דערמאָנט זיך איינעם א ווינטער־טאָג. דער טאַטע האָט אים געהאַט דאָס ערשטע מאָל מיטגענומען אין שליטן צו זיינע געשעפטן. ס'איז געווען ערב חנוכה. אין דעם זעלבן אויפדערנאַכט האָט מען באַדאַרפן אָנצינדן דאָס ערשטע ליכטל. ער איז דעמלט אַלט געווען זיבן יאָר און אפשר דאָס אויך ניט. עס איז שוין געווען פאַרנאַכט ווען זיי זענען צוריקגעפאָרן. דער וועג האָט געפירט דורך א וואַלד. עס איז געווען א שניי־זאַווייע. א פראָסט — אַז די ביימער האָבן געטרעשטשעט. א ווינט — אַז מען

האָט קוים געקאָנט די אויגן אויפהאַלטן. א טרוקענער, סיפּקער שניי האָט אַרומגעווירבלט אין דער לופט. מען האָט ניט געזען וואָס עס טוט זיך אויף צוויי שפּאַן פאָרויס. די פערד האָבן זיך קוים באַוועגט. זיי האָבן געפּרייכט מיט די באָקעס און דער שניי אונטער זייערע פיס איז אַלץ טיפער געוואָרן. זיי זענען אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און געבליבן שטיין. ווידער זיך געריקט און אויפסניי זיך פאַרהאַלטן. דער טאַטע האָט זיך געאײַלט. אין שטוב וועט מען איבערקלערן. די מאַמע, די שוועסטער וואַרטן. דער טאַטע דאַרף אָנצינדן דאָס ערשטע חנוכה-ליכטל און דאָ פאַלט צו די נאַכט. עס האָט זיך געדוכט, אַז די פערד האָבן גאָר פאַרבלאָנדזשעט. דער טאַטע האָט לאַנג ניט געקלערט, אַראָפּגענומען פון זיך דאָס פעלצל און אים איינגעדעקט. ער אַליין איז אַראָפּ פון שליטן, גענומען די פערד ביי די ציימלעך און זינקענדיק אין שניי פּאַמעלעך פאָרויסגעגאַנגען.

וויפל די נסיעה האָט געדויערט, געדענקט ניט יוסף, נאָר אַז ער האָט ניט מורא געהאַט ניט פאַר דער קעלט, ניט פאַרן שניי-שטורעם און זיכער געווען, אַז דער טאַטע וועט אַלץ בייקומען, דאָס געדענקט ער יאָ. דער טאַטע האָט די פערד אַרויפגעפירט אויפן ריכטיקן וועג. מען איז בשלום אָנגעקומען אַהיים. דאָס ערשטע חנוכה-ליכטל איז געצונדן געוואָרן און די פרייד פון דער מאַמען און די שוועסטער איז געווען אין לשער.

איצט איז אויך נאַכט. א גלילער נאַכט. א שטיל אָוונט-ווינטל לאַשטשעט דאָס ביימל פאַרן פענצטער. א טראַקטאָר אַרבעט זיין נאַכט-שיכט אין פעלד. ער, יוסף איז שוין אַליין א זיידע. זיינע צוויי טעכטער מיט זייערע משפּחות וווינען בשכנות. האָבן מיט אים בשותּפותדיקע פעלדער און סעדער. ער איז ווידער אַליין מיטן טאַטן, אָבער דער טאַטע ליגט אין בעט איינגעשרומפּן אַזוי, ווייס אַזוי, ווי אין זיינע אָדערן וואָלט שוין מער קיין בלוט ניט געפלאָסן און בלאָנדזשעט אין א וואַלד פון אויסדאַכטונגען.

פון קיך איז אַריינגעדרונגען א ריח פון געפּרעגלטע פיש. דאָס האָט רחל, זיין ווייב, געגרייט וועטשערע. דער אַלטער האָט שוין געהאַט

פון לאַנג אָפּגעגעסן. אים דערלאַנגט רחל דאָס עסן נאָך איידער עס ווערט נאַכט.

די לבנה איז אָפּגעשווומען צו די בערג און דאָרטן פאַרפאַלן געוואָרן. דער רויש פון טראַקטאָר האָט אויפגעהערט. נאָר די זשאַבעס האָבן ווייטער געקוואַקעט. יוסף האָט זיך אונטערגעהויבן. דער ריח פון געפּרעגלטס האָט געקיצלט אין די נאָז־לעכער. ער וועט זיך שוין מסתם ניט דערוואַרטן דער טאַטע זאָל איינשלאָפן, ס׳ווערט שפּעט. מען דאַרף נאָך אַ קוק טאָן אין שטאַל, צומאַכן די ממטרות וואָס באַגיסן די בלומען פאַר דער שטוב, אָפּעסן און סוף־כל־סוף אַרויפקריכן אויפן געלעגער.

מיטאַמאָל האָט הלל איבערגעריסן די שפּיל מיט דער קמיע. ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעזעצט. זיין שטערן האָט זיך גערונצלט. אויף די אָפּגעוועלקטע איינגעפאַלענע באַקן האָבן זיך באַוויזן רויטלעכע פלעקן. מען האָט געזען, אַז ער באַמיט זיך עפּעס צו דערמאָנען. ער האָט אַרונטער־גערוקט די האַנט אונטערן קישן און עפּעס געזוכט. ווען יוסף האָט אים געפּרעגט וואָס ער זוכט, האָט ער אים געענטפערט אַז ער ווייסט ניט ווו ס׳איז אַהינגעקומען דער זייגער מיט דער קייט. דעם זייגער האָט ער באַקומען פונעם מחותן צו זיין חתונה. איצט דאַרף ער אים. ס׳קומט באַלד אָן די באַן און ער פּאַרט זען די כלה צום ערשטן מאָל.

וועגן וואָס אייגנטלעך רעדט דאָ דער טאַטע? אַ זייגער מיט אַ קייט? יוסף וואָלט געשווירן, אַז אויך ער האָט געזען ערגעץ אַ זייגער מיט אַ קייט. ער האָט זיך פאַרטראַכט. אין זכרון האָט עפּעס געגומען אויפוואַכן:

ער איז אַ קינד. ער איז זייער קראַנק. טאַטע־מאַמע און שוועסטערן זיצן אַרום אים. קיין רפואות וויל ער אָבער ניט איינגעמען. עס איז ביטער. פּרוּווט מען אים פאַרשפּילן. די שוועסטער ברענגען פּערלמוטענע, גלאַנציקע קנעפּ. וויל ער ניט קיין קנעפּ. גיט אים די מאַמע אַ קאָלירטן בלייער מיט פּאַפּיר ער זאָל אויסמאָלן אַ הויז מיט אַ זון, מיט אַ בוים. וואַרפט ער אַוועק דעם בלייער מיטן פּאַפּיר. ער וועט ניט מאָלן קיין הויז מיט אַ זון, מיט אַ בוים. וויינט, פאַרקוועטשט דאָס מויל און שטופּט אָפּ דעם לעפל מיט דער רפואה. נעמט דער טאַטע אַרויס פון דער וועסט זיין זייגער, שפּיליעט אָפּ

די קייט און פרעגט אים צי ער וויל דאָס. עס גיבן ביי אים א גלאַנץ די אויגן. ער נעמט דעם זייגער און שלינגט אַראָפּ דעם ביטערן געטראַנק. פאַרקרימט זיך, ס׳גלוסט זיך אים ווידער וויינען, נאָר ער האַלט זיך איין. דער זייגער האָט א זילבערנע קייט און א זילבערן דעקל. ווען מען לייגט צו דעם אויער הערט מען ווי אינעווייניק באַוועגט זיך עפּעס, קלאַפּט עפּעס. שפּעטער קומט דער טאַטע און וויל דעם זייגער צונעמען. וויל ער ניט אָפּגעבן. די מאַמע בעט זיך ביים טאַטן:

— לאָז דאָס קינד זיך שפּילן. ער איז נאָך אַזוי שוואַך — — — —

איז וועגן דעם זייגער האָט זיך דער טאַטע ערשט דערמאָנט? ווי אויסטערליש, ווי אומגלויבלעך דאָס איז! אפשר האָט דער טאַטע היץ? די מראה פון טאַטן געפעלט אים ניט. דאָס פּנים פלאַמט אים אַזוי. זאָל ער אַריינרופן רחלען? ניין, מען דאַרף ניט מאַכן קיין בהלה. ער וועט אים אַליין באַרואיקן.

יוסף האָט זיך אַראָפּגעבויגן, ווי עפּעס אויפגעהויבן. זיך דערנענטערט צום טאַטן און אים געזאָגט, אַז ער האָט געפונען דעם זייגער. הלל האָט מיט חשד אַריינגעקוקט אין זיין האַנט און זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן. ער וועט ניט אונטערשרייבן, האָט הלל אויפגעהויבן די שטים, וואָס איז? אין שטעטל זענען פאַראַן גרעסערע נגידים פון אים. ער האָט שוין געגעבן געלט אויף צו פאַריכטן די אָפּגעברענטע שול. ער האָט דריי טעכטער און מוז פאַר זיי קלייבן נדן!

דאָס אָנשטרענגען זיך האָט הללן גיך אויסגעשעפּט. זיין קאָפּ איז צוריקגעפאַלן אויפן קישן. די אויגן האָבן זיך ביי אים פאַרשמעלערט, פאַרשמעלערט און צום סוף זיך אינגאַנצן געשלאָסן. עס איז ווידער געוואָרן שטיל אָבער אַנדערש שטיל ווי פריער.

יוסף האָט נאָך אויסגעוואַרט א ווייל. דער טאַטע האָט שווער געאָטעמט. ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער איז איינגעשלאָפן. יוסף האָט שוין געוואָלט פאַרלאָזן דאָס צימערל, נאָר דאָ האָט הלל ווידער אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אויפסניי צערעדט. געפרעגט צי די באַן איז שוין אָנגעקומען און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, גענומען זיך אַליין

איינהערן. די אויגן זענען אים פול געוואָרן מיט שרעק. ער האָט דעם קאָפּ אַריינגעצויגן צווישן די אַקסלען. ער האָט געטענהט, אַז די באַן איז שוין דאָ. ער הערט דאָס סאָפּען פונעם לאָקאָמאָטיוו. מען דאַרף זען צי די באַן איז א לאַנגע. צי זענען עס ניט אַמאָל פּי־וואַגאָנען און צי זענען די פענצטערלעך אויבן פאַרצויגן מיט שטעכיקע דראָטן. הלל האָט זיך געבעטן מיט א ציטערנדיקער שטים, אַז יוסף זאָל ניט אויסזאָגן ווו ער געפינט זיך. ער זאָל פאַרמאַכן דאָס פענצטער און צוקייטלען די טיר.

יוסף האָט געפּרוווט דעם טאַטן באַרואיקן. גערעדט צו אים ווייך, געגלעט אים איבערן קאָפּ, איבערן פּנים, געבעטן זיך ער זאָל איינשלאָפן. ס'איז אָבער געווען אומזיסט. דער טאַטע איז אַלץ מער און מער געזונקען אין זיינע דמיונות. ער האָט ווייטער עפּעס גערעדט, אָבער זייער שטיל. יוסף האָט שוין ניט געהערט וואָס, און איז אַרויס אין קיך אַריין.

הלל האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פונעם פענצטער. פּלוצעם האָט ער דערזען זיין ווייב. זי איז געווען איינגעהילט אין א פּאַטשיילע. ער האָט איר א רוף געטאָן. זי האָט זיך אָבער פונעם אָרט ניט גערירט. הלל האָט זיך אונטערגעהויבן, אָנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגנס און מיט א פאַרשטיקט קול געזאָגט:

— שרה־לאה, בנאמנות, ווי כ'בין א ייד, אַז כ'האָב דיך ניט געוואָלט איבערלעבן. כ'האָב זיך פאַרשטעלט פאַר א פויער, געוואָלט דיך גיין זוכן. מ'האָט דערציילט, ביסט מיט די קינדער אין א לאַגער — — —

הלל האָט אָפּגעהאָקט. די רייד זענען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער הערט פייפלעך פייפן, עמעץ שרייט, עמעץ וויינט, מען שפּרינגט פון טרעפּ. ער האָט א געשריי געטאָן צום ווייב זי זאָל אַנטלויפן, זיך אויסבאַהאַלטן. זי אָבער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט און מיט די לעצטע כוחות א שעפּטש געטאָן:

— שרה־לאה, בנאמנות, כ'האָב דיך ניט געוואָלט איבערלעבן...

א באַגעגעניש

ג. האָט פאַרענדיקט זיין רעפעראַט. ער האָט צונויפגענומען די פּאַפּירן פונעם שטענדער און זיך אַראָפּגעלאָזט דורך די געציילטע טרעפּלעך פון דער טריבונע. דער רעש האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט. לעמפּלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרלעשן. נעבן די טרעפּלעך האָט ג. זיך אָנגעטראָפן אויף אַן עלטערן מענטש. ער איז געווען הויך, אַפילו אַביסל צו הויך און געהאַט אַן אָפּגעקילטן בליק.

— דאָס וואָרט איך טאַקע אויף אייך — האָט דער מענטש געמאַכט אַ טראָט פאָרויס. ג. האָט זיך פאַרהאַלטן.

— אַנטשולדיקט, איר האָט היינט אין אייער רעפעראַט דערמאָנט עטלעכע מאָל ריבאַקן. שלום ריבאַקן. האָט איר אים אפשר געקענט פּערזענלעך? שלום איז געווען מיין יוגנט־חבר. פאַרשידן זענען די שמועות וועגן אים. טייל האָבן דערציילט, אַז ער איז משוגע געוואָרן אין אַ טורמע, אַנדערע ווידער — אַז דערשאָסן געוואָרן אין סיביר...

— יאָ, כ'האָב געקענט ריבאַקן — האָט ג. אויסמיידנדיק און ניט גערן אָפּגעענטפערט.

די שעה איז געווען שפּעט און ער איז בכלל ניט געווען אויפגעלייגט, אַזוי שטייענדיק אין דעם פּוסט געוואָרענעם זאַל, פּאַר עפּעס אַ פרעמדן מאַן, אויפצוּוויקלען אַ פּרשה, וואָס איז געווען פאַרבונדן נאָר מיט אים אַליין און מיט זיינע איבערלעבונגען. דער הויכער מאַן האָט עס ווי אַרויסגעפילט און אים וואָרעם אָנגענומען פאַרן אָרעם. דאָס האָט אָפּגעווישט אַביסל די פרעמדקייט און ג. האָט ווייטער פאַרגעזעצט, כאָטש דאָס איז אים אַזוי לייכט ניט אָנגעקומען.

— כ'האָב אים באַגעגנט אין אַ לאַגער. ער איז שוין דאָרט געווען

פון לאַנג און מיר האָבן זיך מיטן עטאַפּ אויף אַ וואָך צייט בלויז פאַר־האַלטן. דאָס איז שוין ניט געווען ריבאַק: אַ ביינערדיק באַשעפעניש מיט אַ פּאָר משונהדיקע אויגן. וואָס עס איז מיט אים שפּעטער געוואָרן איז מיר ניט באַוווּסט.

— הייסט עס אַז ס'איז אמת, אַז ער איז משוגע געוואָרן! — האָט דער הויכער מענטש אויסגערופן מיט אַ ציטערנדיק, אַלט קול — אַלץ וואָס מען האָט דערציילט ווייזט זיך אַרויס איז אמת!...

ער האָט אָפּגעהאַקט ווי ס'וואָלטן אים אויסגעפּעלט ווערטער. אַ ווייל זענען די צוויי מענטשן געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן און וואָס צו רעדן. דער ערשטער איז געקומען צו זיך דער עלטערער מענטש און זיך אָנגערופן:

— כ'זע, אַז איר זענט מיד און מסתם איילט איר זיך. אויך איך דאַרף שוין גיין, איז אפשר קאָנט איר מיך באַזוכן? איך וווין דאָ, אין ירושלים. זאָגט עס מיר ניט אָפּ! — האָט דער מענטש אויסגערופן מיט אַ פאַרשוולדיקט שמייכעלע און געבנדיק דעם אַדרעס האָט ער זיך געזעגנט.

***

ווען ג. האָט אָנגעקלונגען — האָט זיך די טיר גלייך געעפנט, ווי מען וואָלט אים שוין פון לאַנג אָפּגעוואַרט. דער הויכער מאַן איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען.

— אַ, איר זענט געקומען! גוט. כ'בין זייער צופרידן. איך מיט מיין פרוי האָבן שוין איבערגערעדט, וואָס מען זעט אייך נאָך ניט.

דער אַלטער האָט ג־ן אַריינגעפירט אין אַ גרויס צימער מיט ברייטע פענצטער. דאָס צימער איז געווען אַרומגעשטעלט מיט ביכער־שענק און מיט עטלעכע פאָטעלן. אַ רויטלעכער טעפּיך האָט סיי די כמעט ליידיקע ווענט, סיי דעם טיש און פאָטעלן, צוגעגעבן אַ ווייכלעכן שטריך. אין אַ ווינקל האָט געברענט אַ לעמפּעלע. ווען ג־ס בליק האָט זיך לענגער פאַרהאַלטן אויפן לעמפּעלע און אויף דער וואַזע מיט גליאַדיאָלעס, וואָס זענען געשטאַנען דערנעבן אויף אַ קליין, קיילעכדיק טישעלע, האָט דער אַלטער אַ זאָג געטאָן אין פאַרלעגנהייט:

— מיר האָבן היינט יאָרצייט נאָכן זון, געפאַלן ביי לטרון...

די פרוי האָט אַריינגעבראַכט טיי, דער אַלטער האָט זיך געפּאָרעט ביי אַ שופלאָד, פון וועלכן ער האָט אַרויסגעצויגן אַ פּעקל פאָטאָגראַפיעס, וואָס זענען געווען אַרומגעבונדן מיט אַ ווייס לענטעלע. אויסגעזוכט אַ בילד פון צווישן דעם פּעקל און עס צוגערוקט צו ג־ן:

— מע האָט זיינע לידער געלערנט אויף אויסנווייניק — האָט דער מענטש אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן אָפּגעבליאַקעוועטן בילדל — מען האָט זיי רעציטירט גייענדיק אין גאַס. צו אַ טייל האָט מען אַפילו צוגעטראַכט מעלאָדיעס און די לידער געזונגען...

די פרוי, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך:

— און זיינע לעקציעס אין סעמינאַר?

— אַ טאַקע, טאַקע, זיינע ליטעראַטור־לעקציעס. ווער ווי ער האָט אַזוי געקענט די ליטעראַטור און די יידישע שרייבער? גאָר וועגן זיך האָט ער ניט ליב געהאַט צו רעדן...

— און ווען ריבאַק איז אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד? — האָט זיך די פרוי ווידער אַריינגעמישט.

— ווער געדענקט עס ניט? איר זענט אַן ע־לסקער? — האָט דער אַלטער פּלוצעם זיך אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן ג־ן.

— ניין, כ׳בין ניט קיין ע־לסקער.

— טאָ זאָגט־זשע באַלד אַזוי. הייסט עס, אַז איר האָט ריבאַקן פריער קיינמאָל ניט געזען? נו, קאָנט איר ניט וויסן וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ מענטש און וואָס עס איז געווען פאַר ע־לסק ריבאַקס אַוועקפאָרן. רייטער־פּאָליציי האָבן געמוזט מאַכן אַ וועג צום טעאַטער, ווו ער איז אויפגעטראָטן ביים געזעגענען זיך. און דאָס טעאַטער אַליין, פול אָנגעפּאַקט מיט יוגנט. איך געדענק עס ווי היינט. אַ שוואַרצער לאָק האָט אים געטאַנצט איבערן שטערן...

דער אַלטער האָט דערציילט, אָבער פאַר ג־ס אויגן האָט קיין שוואַרצער לאָק ניט אַרומגעשפּרונגען. ג. האָט פון די שטיקלעך דער־

מאַנונגען און בילדער, וואָס האָבן אויפגעטויכט, צוליב דעם אַלטנס רייד, דערזען ניט דייטלעכע שטריכן פון אַן אָפּראַזירטן קאָפּ און די קאָנטורן פון דעם איבערגאַנגס־לאַגער מיט זיינע פּילצאַליקע באַראַקן. זיין זכרון האָט אָנגעהויבן אינטענסיווער צו אַרבעטן. דער לאַגער־אויסזען איז בולטער געוואָרן און מיט אים — יענער מענטש מיטן נאַקעטן שאַרבן: אַ דין, קאַנטיק פּנים, שמוציק־געלבלעכע הויט און אָפּענע, גרויסע אויגן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין קוקן און דעם איינדרוק האָט מען געהאַט, אַז זיי זעען גאָרניט. ג. וואָלט אים אויף זיכער ניט באַמערקט, ווייל אַזעלכע ווי ער האָט מען געזען געננוג זיך אַרומדרייען אין לאַגער־בלאָק: מיט אָפּגעראַזירטע קעפּ, מיט לאַפּטשעס און אָנוצעס אויף די פיס. אויך ביי אַנדערע האָט זיך אויף אַ שטריקל ביי די לענדן אַרומגעבאַמבלט אַ בלעכן פושקעלע מיט אַ הילצערנעם לעפל. געצויגן האָט ער ג־ס אויפמערקזאַם ערשט דאַן, ווען אַלע זענען געלאָפן, נאָכן צוריקקומען פון דער וואַלד־אַרבעט, מיט די בלעכערנע פושקעס צו דער ריי נאָך דעם ביסל הייסן גריץ. אַלע זענען געלאָפן, נאָר דער איינער, מיט די גרויסע אויגן, איז פאַרבליבן אין דער זייט. עס האָט אים ניט געאַרט, וואָס דער ריח פון דער זופּ איז זיך צעגאַנגען איבערן באַראַק. ער איינער איז געבליבן שטיין און נאָר מיט די אויגן געקוקט און געקוקט. ביז ס׳זענען ניט אונטערגעלאָפן עטלעכע מענטשן און אים בגוואַלט אַריינגעשטופּט אין דער ריי. ווען ג. האָט עמעצן אַ פרעג געטאָן ווער עס איז דער מענטש, האָט דער געפרעגטער געהויבן מיט די אַקסלען און ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן. ער זעט אים דאָ זיך פלאָנטערן, אָבער ער ווייס ניט ווער דאָס איז.

ג. האָט ניט אָפּגעלאָזן און ווייטער זיך נאָכגעפרעגט, ביז ער האָט אָנגעטראָפן איינעם, וואָס האָט אים געזאָגט, אַז דער מענטש הייסט ריבאַק און אַז אַרעסטאַנטן פון אַ פריערדיקן עטאַפּ האָבן אים אָנפאַרטרויט, אַז אַט דער ריבאַק זאָל האָבן אַמאָל לידער געשריבן, אַז ער זאָל דאָס האָבן אַמאָל געווען אַ גרויסער דיכטער און ער האָט צוגעגעבן, אַז אַ דאַנק עטלעכע חברהלייט לעבט ער נאָך, ווייל זיי, די עטלעכע יונגען, צווינגען אים, שלעפּן אים צום עסן...

ג. האָט אויסגעזוכט אַ פּאַסיקן מאָמענט און איז צו דעם מענטש צוגעגאַנגען. ער האָט זיין האַנט אויף יענעמס אַקסל אַרויפגעלייגט. דער מענטש האָט אַ ציטער געטאָן, אָבער זיך ניט אומגעקוקט און ווען ג. האָט אים שטיל א פרעג געטאָן:

— איר זענט דאָס שלום ריבאַק?

האָט דער מענטש זיינע ברייט־צעעפנטע אויגן אויף אים אַנגעשטעלט און געקוקט, געקוקט און מער גאָרניט. די אויגן זענען געווען ווי ביי א ליאַלקע — האַרט־גלאַנציק און פאַרגליווערט. אַזוי האָט ער אים במשך פון אַ וואָך, טאָג, נאָך טאָג, געזען שטיין אין זיין ווינקל. קיינער האָט אים ניט געטשעפּעט, קיינער האָט אים גאָרניט געפרעגט און ער האָט אויך קיינעם ניט באַדאַרפן...

און אַז איצט האָט דער אַלטער מאַן יעדע ווײַלע אים אַ צווייטע פּאָטאָגראַפיע פון ריבאַקן געוויזן, האָט צווישן ג־ס בליק און דער פּאָטאָגראַפיע אַן אַפּגעראַזיטער קאָפּ זיך געשטעלט, מיט צוויי אַרויס־געזעצטע אויגן און פאַרשטעלט ג־ן אַלץ, וואָס די פּאָטאָגראַפיע האָט געוויזן.

דער אַלטער האָט ניט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט ג־ן און אים ווייטער דערציילט וועגן ריבאַקן און וועגן ע־לסק. ג. האָט אין דעם אַלטנס רייד געזוכט אַ באַהעלטעניש, אַבי זיך צו באַפרייען פון די דערמאָנונגען, פון יענע סיבירער נעכט, פון יענעם עטאַפּן־גאַנג און פון יענעם לאַגער־באַראַק. אָבער ס׳איז געווען געוווין דער אַלטער זאָל אַ ווייל איבערייסן דאָס רעדן, אַז אַלץ זאָל צוריקקומען נאָך מער שאַרפער. ג־ן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז באַלד וועט זיך עפענען די טיר און ריבאַק מיט זיין נאַקעטן שאַרבן וועט איבערטרעטן די שוועל...

ג. איז פאַרטאָן געווען אין זיין וועלט און דער אַלטער — אין זיינער. ער האָט זיך ווייטער געפּאָרעט ביי די פּאָטאָגראַפיעס און אַ ווייכע פאַרבענקטקייט האָט אַנגערירט זיינע פּנים־פאַלדן. ער האָט שוין ניט קרעמפּירט געלאָזט זיין שמייכל רוען אויף די ליפּן. דאָס האָט ער צו זיך אַליין געשמייכלט. צו זיך, דעם יונגן בחור פונעם בילדל,

אָדער צו דעם מיידל, וואָס האָט געהאַלטן איר האַנט אויף ריבאַקס אַקסל. ג. האָט אַנגעשטעלט זיין בליק אויפן בילדל.

— איר קוקט אויף דעם מיידל? — האָט דער אַלטער א פרעג געטאָן — קוקט, קוקט. אָנגעהויבן האָט עס זיך זייער שיין, נאָר געענדיקט...

זיין שטים איז פּלוצעם אַראָפּגעפאַלן און דער שמייכל האָט זיך פאַרבלאָנקעט ערגעץ צווישן די מויל־ווינקלען.

— זי ווױנט דאָ אין ירושלים. געבליבן אַליין...

ס'איז אַנטשטאַנען אַ שטילשוויַיגעניש. דאָס לעמפּעלע פונעם ווינקל האָט מיט א פאַראומערט אייגל געשטאָכן דאָס שווייגן. דער אַלטער איז אומגעריכט אויפגעשפּרונגען.

— פאַר איר האָט ריבאַק געהאַט געשאַפן אַ באַזונדער ליד, מיט אַן אייגענער מעלאָדיע אַפילו. דאָס איז געווען דוכט זיך מיר פון די סאַמע ערשטע לידער זיינע. באַלד, באַלד, לאָזט מיך, וועל איך זיך דערמאָנען די מעלאָדיע!

און ער האָט גענומען שפּרייזן איבערן צימער.

ג־ן איז אויסגעקומען עפּעס זייער מאָדנע די גאַנצע באַגעגעניש מיט דעם פאָרפאָלק, מיט זייערע דערינערונגען, וואָס האָבן זיך אויף אַן אויסטערלישן אופן צונויפגעטראָפן און געקרייצט מיט זיינע אייגענע זכרונות אין וועלכע עס האָבן זיך פאַרפלאָנטערט און אַרומגעבלאָנקעט שטיקלעך דערמאָנונגען וועגן א יידישן פּאָעט.

ער האָט געקוקט אויפן פאָרפאָלק, אויפן צימער, אויף די פאָטאָגראַפיעס, וואָס זענען געלעגן צעשאָטן איבערן טיש און עס האָט זיך צו אים א געדאַנק פאַרגנבעט, אַז דער טויטער ריבאַק האָט די שטרענג־אויסזעענדיקע און אַביסל פאַרטרויערטע שטוב מיט לעבן אָנגעפילט. „דער אַלטער איז מסתם שוין לאַנג אַזוי הייטער ניט געווען", האָט ג. געטראַכט.

— ער איז נאָך געווען אַזוי יונג!

האָט די פרוי אומדערוואַרטעט א זאָג געטאָן, ווי די רייד וואָלטן געקומען אַלס המשך פון ווערטער וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן און וועלכע זענען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין וועג צו די ליפּן. ג"ן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איר בליק האָט בשעת־מעשה אָנגערירט דעם שוואַכלעכן גלאַנץ פונעם יאָרצייט־לעמפּעלע. „האָט זי געמיינט שלומען, צי איר ייִנגל, וואָס איז געפאַלן״? — איז ג"ן אַדורכגעלאָפן א געדאַנק. כאָטש אין דעם אָוונט האָט מען בלויז גערעדט וועגן שלומען, אָבער ער האָט ניט געקאָנט אונטערדריקן דאָס געפיל, אַז נאָך איין טויטנס אָנדענק שוועבט אַרום איבער דער שטוב.

ג. האָט ווידער אַ קוק געטאָן דער פרוי אין פּנים אַריין, ווי ער וואָלט זוכן א באַשטעטיקונג פאַר זיינע השערות, אָבער די פרוי האָט זיך באַוויזן צו באַהערשן, זי האָט שוין געקוקט אויף איר מאַן וועלכער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— לאָזט מיך, לאָזט מיך!

אַרומגייענדיק אַזוי איבערן צימער, האָט ער עס מער צו זיך גערעדט ווי צו ג"ן. זיינע טריט זענען געוואָרן שנעלער. פּונקט, ווי מיט דעם געאייל וואָלט ער געוואָלט אָניאָגן די מעלאָדיע. שפּרייזנדיק האָט ער גענומען ברומען. אַ שווער און שטיל געברום איז דאָס געווען. האָט עס זיך אָפּטמאָל אָפּגעהאַקט, ווי אָפּגעטעמפּט געוואָרן. אָבער נאָך אַ קורצע פּויזע, האָט דער אַלטער ווידער אָנגעהויבן פונדאָסניי. ער האָט זיך געוואָלט דערקלייבן צו יענעם ניגון. אַז דער ניגון וועט שוין זיין, וועט ער זיך אויך דערמאָנען די ווערטער. די ווערטער, וואָס האָבן זיך דעמלט, אין יענע יאָרן, אַזוי לייכט געזונגען. דאָס ברומען איז אָבער טויבער געוואָרן. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אינמיטן פון טעפּיך. דאָס געברום איז אַראָפּגעזונקען טיף, טיף אין זיין קעל. מען האָט געפילט, אַז ערגעץ־ווו האָט אַן אָדערל פון דערמאָנונג ניט אויסגעהאַלטן. צוריק־געקומען איז שוין א ניגונדל. ניט צו דרייסט, ניט צו שטאַרק און ניט גאַנץ, אָבער פאָרט שוין ניט קיין געברום. נאָך דער מעלאָדיע האָבן ווערטער, ווי פון אונטער אייז־קריעס גענומען צאַפּלען:

צעבויגענע דעכלעך אין שטעטל
מיין ליבינקע שפּילט עטל־בעטל.

מיין ליבינקע פלעכט כריזאַנטעמען
פאַר וועמען, פאַר וועמען, פאַר וועמען?

ליבינקע, ווייס ווי א ליליע
א בריקל פון זילבער צעסיליע!

ביים זינגען האָבן דעם אַלטנס אויגן אינגאַנצן דעם קאָליר געביטן. ג. מיט דער פרוי האָבן אָפּגעאָטעמט מיט פאַרלייכטערונג. אָפּזינגענדיק די עטלעכע שורות איז דער אַלטער ווידער שטיין געבליבן.

— ווי גייט עס ווייטער?!

זיין בליק האָט אַרומגעוואַנדערט פונעם זשיראַנדאָל צו די דיקע רוקנס פון די ביכער און צו עפּעס אויסגעקרימטע טרעפּלעך פון א צפתער געסל, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון דעם איין און איינציקן בילד, וועלכעס איז געהאַנגען אויף דער אַנטקייגנאיבערדיקער וואַנט.

— ווי גייט עס ווייטער?!

האָט דער אַלטער ווי זיך געבעטן ביי עמעצן, וואָס איז אין צימער ניט געווען.

— באַלד, וואַרט א ווייל, באַלד וועלן מיר דאָס וויסן!

האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט עמעצן באַרואיקט. ג. און די פרוי האָבן אים ניט געשטערט. דער אַלטער איז אַרויס אין פאָדער־צימער, אַראָפּגענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל. מיט עטלעכע זיכערע, אָבער אומגעדולדיקע האַנט־באַוועגונגען אָנגעדרייט אַ נומער.

— פּיראַ? שלום פּיראַ! פּירעלע, איך האָב צו דיר א בקשה. פּירעלע, דו געדענקסט דאָך מסתם דאָס לידעלע וואָס שלום פלעגט זינגען? נאָך וואָס איך דאַרף דאָס? נו זאָג, געדענקסט?! גאָט, מיין גאָט, ווי געדענקסטו עס ניט?

ער האָט זיך איינגעהערט מיט גרויס אָנשטרענג. זיין אומרואיקייט

האָט זיך איבערגעגעבן צו דער פרוי און צו ג״ן. ער האָט מיט אַראָפּ־געלאָזטע ווייעס זיך אַלץ נאָך איינגעהערט אין טרייבל. ס׳האָט אויסגעזען ווי ניט ביי קיין טעלעפאָן שטייט ער, נאָר ווי ער וואָלט אומגעריכט אָפּגעפונען אַ טיר, וואָס פירט צו דער יוגנט...

דער אַלטער האָט זיך ווי איבערגעוועקט. די געדיכטע ברעמען האָבן זיך צוריק אויפגעהויבן. די שטים איז ביי אים אויפגערייצטער געוואָרן.

— עס קאָן ניט זיין זאָלסט האָבן דאָס אינגאַנצן פאַרגעסן!...

און ער האָט איבערגעריסן, ווי ער וואָלט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן.

— אָבער פירא, כ׳האָב דאָך דיר ניט געוואָלט ווײ טאָן! פירעלע... אַזויפיל יאָרן... וואָס איז מיט דיר? נו גענוג, כ׳בעט דיך, זינג!

דער אַלטער האָט דאָס טרייבל מיטן אַקסל צוגעשפּאַרט צום קאָפּ און מיט די באַפּרייטע הענט אָפּגעזוכט אַ פעדער מיט פּאַפּיר.

אין צימער איז געוואָרן שטיל, שטיל. ס׳האָט זיך נאָר געהערט דעם אַלטנס שטים, וואָס האָט אַריינגעזונגען דעם ניגון מיט די ווערטער, כדי אַרויסצובאַקומען פון יענער זייט טרייבל די ווייטערדיקע סטראָפן. ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך דערוואַרט, ווייל זיין פּנים איז אים מיטאַמאָל ווייכער געוואָרן. די ליפּן האָבן גענומען נאָכפּרעפּלען שטיל פאַר זיך, צו זיך:

אויף בריקל כ׳וועל קומען צו לויפן
מיט שטערנדלעך קליינע א הויפן.

אויף בריקל כ׳וועל קומען צופליען
מיט טראָפּנדלעך טוי פון פאַרפריען.

פון גאָלד כ׳וועל דיר ברענגען אַ קליידל
און א שיפל פון גאָלד פאַר אונדזביידן.

דער אַלטער האָט מיטגעזונגען און די ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען אין זייל מויל ווי אַן עכאָ. פּלוצעם האָט זיך אַלץ איבערגעריסן. געבליבן איז נאָר א קליין, שוואַרץ טרייבל און דאָס טרייבל האָט געשטומט.

— נו, ווייטער! פּירעטשקע הערסט מיך? דאָס איז דאָך נאָך ניט דער סוף! געדענקסט ניט מער? א שאָד!

אַ לאַנגער איבערייס, אַן אַנגעשטרענגט האָרכן און ווידער דעם אַלטנס שטים.

— גו פּיראַ, זיי מיר געזונט, מאָרגן זעען מיר זיך.

ער איז נאָך אַביסל געשטאַנען. מען האָט געזען, אַז ער וואַקלט זיך, ער וואַרט נאָך אויף עפּעס. ניט דערוואַרטנדיק זיך האָט ער צום סוף אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל און זיך גענומען אויפדאָסניי אַרומקרייזן איבערן צימער בורטשענדיק:

— אַ שאָד, אַ שאָד.

ג. האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ניט דער אַלטער דרייט זיך דאָ אַרום, נאָר — ריבאַק מורמלט דאָס אַזוי:

— אַ שאָד, אַ שאָד.

דער אַלטער האָט זיך באַמיט צו באַהערשן, נאָר מען האָט געזען, אַז ער איז אין גרויס פאַרלעגנהייט. זיין שטערן האָט זיך גערונצלט און די אויגן האָבן געזוכט אַן אויסוועג. ענדלעך איז ער געבליבן שטיין פאַר איינעם פון די פאָטעלן און זיך שווער אויף אים אַראָפּגעלאָזט. זיין גאַנץ אויסזען האָט אויסגעדרוקט מוטלאָזיקייט און רעזיגנאַציע.

ג. האָט דערפילט, אַז ער איז איצט אין דעם הויז געוואָרן איבעריק. ער האָט געזען, אַז סיי דער אַלטער און סיי זיין פרוי שעמען זיך פאַר אים, פונקט ווי ער וואָלט אַנדעקט זייערס א געהיימניש, וואָס א פרעמדער האָט עס ניט געטאָרט וויסן. ער וואָלט זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען, נאָר די ביידע זענען געזעסן אַזוי אַריינגעטאָן אין שווייגן און אין צימער איז געווען אַזוי שטיל, אַז ער האָט מורא געהאַט ניט בלויז אויפצושטעלן זיך, נאָר אַפילו אַרויסצורעדן א וואָרט. אַזוי ווי די שטילקייט וואָלט אויס גלאָז געווען און ער וואָלט געקאָנט מיט אַ וואָרט, ווי מיט א שטיין דאָס גלאָז צעברעכן.

אין ג"ס אויגן האָט דאָס פאַרפאָלק — און אויך ער אַליין, אין זיין געצווונגענער פאַרגליווערטקייט — באַקומען אַן אויסזען פון הילצערנע

מאַריאַנעטקעס. געצויגענע פון עמעצן ביי די שטריקלעך, האָבן זיי, און אויך ער, אויסגעפירט מאָדנע באַוועגונגען אין עפּעס אַן אומרעאַלער שפּיל. ערשט ווען די שטריקלעך האָבן נאָכגעלאָזט, איז יעדער געבליבן אין זיין ווינקל, אין זיין הילצערנער אָנמאַכט.

זיין בליק האָט זיך אָפּגעקערט פון די צוויי מענטשן און זיך פאַר־האַלטן אויפן יאָרצייט־לעמפּעלע, און פון יאָרצייט־לעמפּעלע זיך איבער־געטראָגן צו די קרומע טרעפּלעך פון צפתער געסל, וואָס האָבן זיך געזען אויפן איין און איינציקן בילד, ווי ער וואָלט געזוכט א צוזאַמענהאַנג צווישן אָט דיביידע זאַכן. ער האָט אויף אַ וויל פאַרגעסן צוליב וואָס ער איז דאָ אייגנטלעך געקומען און וואָס טוט ער דאָ אין דער וווינונג.

דאָס זיצן איז אים געוואָרן אומדערטרעגלעך און ער האָט אַליין ניט געפילט ווי זיין מויל האָט אַרויסגעלאָזט א שטאָמל:

— איך וועל שוין גיין!

**
*

ווען ג. האָט זיך געפונען אויף דער שפּעט־נאַכטיקער, אויסגעליידי־קטער גאַס, האָט ער אַלץ נאָך ניט געגלויבט אַז ער איז אַליין און קאָן טאָן וואָס אים געפעלט. די פּאָר צענדליק טרעפּ, וואָס האָבן געפירט פון דעם אַלטנס הויז צו דער גאַס, האָבן אויסגעזען, ווי אַ מהלך רב, ווי ער וואָלט נאָרוואָס צוריקגעקומען פון דער טייגע. פון א וועלט, וואָס לאָזט זיך ניט מעסטן מיט צייט און מיט שכל; וווּ אַלץ איז פאַרקאָוועט אין שניי און פראָסט; וווּ מענטשן טוען זאַכן וועלכע זענען אומזיניק, אַזוי ווי זייער עקזיסטענץ איז עס; ביז צו א צווייטער — אין וועלכער נאַכט איז נאַכט, קלאַנג איז קלאַנג און אַלץ איז אַזוי אַנרירעוודיק, אַזוי ממשותדיק.

ער האָט הנאה געהאט הערנדיק דעם אָפּהילך פון זיינע טריט.

די פאָטאָגראַפיע

דער פּאָסיאָלעק איז באַשטאַנען פון איין גאַס. איין גאַס, צוויי רייען הילצערנע באַראַקן מיט א זאַמדיקן וועג אינמיטן. די באַראַקן זענען געווען לאַנג מיט פאַרסאַדזשעטע, פּירקאַנטיקע קוימענס. דער איינציקער מויער איז געווען דער, וווּ דער נאַטשאַלניק האָט געוווינט, וווּ ס׳האָט זיך געפונען דער קאַנטאָר פון דער „לעסאָרובקע״, די אַמבולאַטאָריע, מיליץ, בעקערײַ און קינדער־שול. אויפן פּאָסיאָלעק האָבן געוווינט שוין יאָרן מיט יאָרן גאַנצע משפחות פון אוקראַינער און ווײַסרוסן, וואָס זענען דאָ פאַרשיקט געוואָרן.

ניט ווײַט פון די באַראַקן, באַרג־אַראָפּ, איז געפלאָסן א שטילער, טיפער טײַך. פון דאָרט האָבן די פרויען געטראָגן סײַ זומער, סײַ ווינטער וואַסער אויף קאַלירטע קאָראָמיסלעס און בײַ זײַנע ברעגעס, האָבן זיי געשווענקט דאָס גרעט. ווײַטער פונעם טײַך און פון די באַראַקן האָבן זיך געצויגן ביימער און ביימער. וועלדער ריזיקע, וואָס מ׳האָט ניט געוווּסט זייער אָנהייב און וווּ זיי ענדיקן זיך. טיף אין די וועלדער זענען געווען זומפּן און זומער־צײַט איז צום פּאָסיאָלעק ניט מעגלעך געווען צוצוקומען, סײַדן מיטן טײַך. ווינטער איז מען געפאָרן מיט שליטנס איבער די פאַרפרוירענע זומפּן און צו א באַן־סטאַציע איז געווען ווײַט, אַזש הונדערט מיט זיבעציק וויאָרסט. זעלטן ווען ס׳איז ווער געקומען צופאָרן אויפן פּאָסיאָלעק און נאָך זעלטענער איז מען פון דאָרטן אַרויסגעפאָרן.

זומער איז נאָך געווען צו דערליידן. דער טאָג — גרויס, די ביימער

— גרין און געדיכט מיט אַן א שיעור פײגל אין דער געדיכטעניש און דער טײך האָט אױך אַרײנגעבראַכט אַביסל הײטערקײט. נאָר די קאָמאַרעס פון די נאָענטע זומפּן, האָבן ניט געלאָזט געניסן אין דער פולער מאָס פון דער זומער־שײנקײט.

װינטער, אָבער, אין די לאַנגע װינטער־נעכט איז געװען אַזאַ אומעט, אַז מיט א מײזל, װאָס האָט געגרײזשעט ערגעץ אונטערן בעט די הילצערנע װאַנט, האָט מען זיך געפרײט. װער רעדט נאָך, אַז דער פּאָסט־טרעגער איז פאַרפאָרן מיט זײן שליטן פון דער לאַנגער רײזע איבער דער טײגע און געבראַכט בריװ (דאָס איז געװען אַזוי זעלטן, אַזוי זעלטן!), צי ס׳האָט א פרעמדער פאַרבלאָנדזשעט און מיט דער דערלױבעניש פון דער מיליץ, פאַרהאַלטן זיך א טאָג, איז עס געװען פאַר אַלעמען א ניט געװײנטלעכע איבערלעבונג.

אַמערגסטן איז געװען װען איבער די װעגן פלעגן זיך צעהוליען שטורעם־װינטן. די װינטן האָבן אָנגעטראָגן טרוקענעם, שטעכיק־דינעם שנײ און אױסגעמעקט אַלע סטעזשקעס, פאַרװײעט אַלע פּלױטן, אַלע דעכער. בײנאַכט פלעגן הױלן פון די אַרומיקע װעלדער אױסגעהונגערטע װעלף. זײער געהײל איז צוגעקומען נאָענט צו די קלײנע באַראַק־פענצטער־לעך און די אײנגעפרױרענע שײבלעך האָבן אָפּגעענטפערט מיט א דריבנעם, אימהדיקן צעציטער.

**
*

װען מוני איז אַראָפּגעקומען אױפן פּאָסיאָלעק, איז עס שױן געװען נאָך צװײ יאָר מינסקער טורמע.

דער קאָפּ איז בײ אים געװען אָפּראַזירט. זײן אָנטאָן איז געװען װי זײן אױסזען — אָפּגעבליאַקעװעט, אױסגעקנאָדערט און װו ניט װו מיט א לאַטע פון עפּעס א צװײטער קאָליר.

די פּױערים האָבן מונין גוט אױפגענומען: דער האָט אים דער־לאַנגט א קאָסטקע צוקער, אַן אַנדערער האָט אים געברענגט א סוכאַרע. מען האָט די אײזערנע בעטלעך צונױפגערוקט און געמאַכט א פּלאַץ פאַר זײן בעטל און פאַר זײן מאָגער זעקל.

די פויערים האָבן אים אויסגעפרעגט וועגן דער מלחמה, וועגן פראָנט, צי די דייטשן טרעטן אָפּ און צי דער קריג וועט לאַנג אָנהאַלטן.

מוני האָט קיין סך ניט געוווּסט, אָבער וואָס ער האָט געוווּסט און וואָס ער האָט געהערט אויף די סטאַציעס פון די באַן־אַרבעטער, פאַרנדיק מיטן עטאַפּ, האָט ער זיי איבערגעגעבן. די פויערים האָבן צו מונין אין די ערשטע צייטן אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד און אויפריכטיקע געפילן. מוני, דאַקעגן, האָט זיי ניט אָפּגעצאָלט מיט דעם זעלבן. איז ער געבליבן צווישן זיי אַ דרויסנדיקער, אַ פרעמדער. ווי אָפּגעלאָזן ער אַליין איז ניט געווען, האָט ער דאָך זיך געהאַלטן פאַר אַ בעסערן פון זיי: ווי קומט ער צו אַזעלכע מאַלאַגראַמאָטנע מוזשיקעס? וואָס האָבן זיי געזען און וואָס ווייסן זיי פון דער ברייטער וועלט?

אָט דאָס אַראָפּקוקן, די באַציונג צו זיי, האָט זיך גיך אין מונין נוקם געווען. די פויערים האָבן אים גענומען אויסמיידן, האָבן זיך פון אים דערווייטערט. כדי אויסצולאַכן, האָבן די פויערים אים באַקרוינט מיט אַ צונאָמען „פאַן דאָקטאָר" און אַזויאַרום אָפּגעצאָלט פאַר זיינע ניט גלייכע גענג.

מונין האָט ווייי געטאָן דער צונאָמען. אין דעם אופן פון אַרויסזאָגן דעם „פאַן דאָקטאָר" איז געלעגן חוזק, פאַראַכטונג, בייזוויליקייט און ער האָט ניט געוואָלט, אַז מען זאָל אים אַזוי אויסלאַכן. יעדער מאָל ווען מען האָט אים אַזוי גערופן, האָט ער אָפּגעענטפערט גראָב און געפירט לאַנגע ברוגזן. ווען ער האָט אָבער געזען, אַז דאָס העלפט ניט, האָט ער זיך געמאַכט ניט הערנדיק. שטיל ביי זיך האָט מוני געהאָפט צוריקצוגעפינען דעם צוטרוי ביי די דאָרפסלייט. נאָר פילנדיק, אַז מיט בלויז ווערטער וועט ער שוין גאָרניט קאָנען אויפטאָן, האָט ער זיך באַמיט צו געווינען אויפסניי זייער צוטרוי מיט מעשים: דעם אַרויסגעהאָלפן ביים איינהייצן דעם אויוון, אַן אַנדערן — געבאָרגט דאָס ראַזירמעסער, עמעצן אַנדערש געשענקט אַ ברעקל זייף אויף איבערצושווענקען אַ העמד. די פויערים האָבן באַמערקט די ענדערונג וואָס איז אין מונין פאָרגעקומען, נאָר זיי האָבן אים ניט געגלויבט און האָבן אים ניט געקאָנט שענקען זיין פריערדיק

גרויסהאַלטן זיך. איז מוני געפאַלן אויף אַן אַנדערן פאַרטל, כדי זיי צו דערנענטערן צו זיך: ער האָט, איינמאָל, אַרויסגעצויגן פון אונטערן שטרויזאַק א צעקנייטשטע פאָטאָגראַפיע און באַוויזן זי צו עטלעכע פויערים. האָט זיך באַלד צונויפגעקליבן א געזעמל נייגעריקע און די פאָטאָגראַפיע איז אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערער פויער פאַרהאַלטן דעם בליק אויף מוניס פנים און מיט חשד געמאַכט א פאַרגלייך מיטן בילדל. מען האָט זיך אַלץ נאָך ניט צוגעגלויבט. מ'האָט געמיינט, אַז ער נאַרט ווידער אָפּ. אָבער מוני האָט ניט אָפּגענאַרט.

אויף דער פאָטאָגראַפיע איז מוני אויסגעקומען העכער. דאָס פנים פאַרקיילעכדיקער און די אויגן האָבן געקוקט פאַר זיך מיט צופרידנקייט. אָנגעטאָן אויפן בילדל איז ער געווען אין א טונקעלן אַנצוג, אין א ווייס העמד מיט א שניפּס און לעבן אים איז געשטאַנען א מיידל מיט א שנור פּערל און אין א לאַנג אָוונט־קלייד. אַז די פויערים האָבן אָפּגעקערט זייערע בליקן פון דער פאָטאָגראַפיע, האָבן זיי געזען פאַר זיך א מענטש, וואָס איז טאַקע ענלעך געווען צו יענעם, אָבער דאָ האָט דער מענטש אויסגעזען ווי איינגעלאָפן. דאָס פנים און די אויגן זענען אויסגעקומען פאַרווישט, ווי געזען דורך א ניט קלאָרער שויב.

***

נאַכט. יעדער איז געזעסן אין זיין ווינקל, יעדער האָט געוואָלט פאַרטאַכלעווען די שעהן ביז צום שלאָפן גיין און ניט געוווּסט ווי אַזוי. אויף איין אָרט האָט א פויער פאַרלאַטעט א העמד, א צווייטער ווידער איז געזעסן נעבן טיש און דיקטירט עמעצן א בריוו. זיינע אויגן זענען געווען פאַרקוקט צום נאַפט־לעמפּל, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער רעדט זיך אַזוי אַראָפּ פונעם האַרצן פאַרן פלעמל און ניט צו דעם וואָס שרייבט פאַר אים דעם בריוו. אויף א בעטל איז זיך איינער געלעגן און געדרויכערט מאַכאָרקע. אין א ווייט ווינקל האָט ווער געקניט, תפילה געטאָן. זיין שטערן האָט ער אָנגעשפּאַרט אויפן אייזערנעם ראַנד פונעם בעטל און געפּרעפּלט.

אויך מוני איז געלעגן אין זיין ווינקל און מען האָט געקאָנט מיינען,

אַז ער דרימלט. זיינע אויגן זענען אָבער געווען אָפן. נאָר זיי האָבן סיווי ניט געזען. עס האָט אים אָנגעהויבן צו דריקן אין גריבל. ער האָט געקענט דאָס געפיל. ס׳איז אים פון צייט צו צייט באַפאַלן, ווען דער אָרום האָט אים פאַריאָגט אין זיין איינזאַמקייט. ס׳איז ביי אים אויסגעקומען, אַז ער געפינט זיך אין ערגעץ ניט. אַז ער איז מיט זיין גוף אַריין אין א וועלט־ניט־וועלט, וואָס גאָרניט האָט אין איר וואָג, אַלץ איז נעפלדיק און אין דער נעפלדיקייט פאַלט מען ניט און מען הייבט זיך ניט אויף.

פלוצעם איז אויסגעוואַקסן אויף דער וואַנט פון מוניס בעטל א שאָטן און דער שאָטן האָט זיך שוין ניט אַוועקגערוקט. מוני איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך. דער שאָטן איז געווען פון דעם נידעריקן וואַסילי מיטן אָספע־פּנים, אויסגעצופּט, געל בערדל און רויטער נאָז. די פויערים האָבן אים ניט געערן געהאַט, ווייל ער פלעגט זיך איינעסן אין די ביינער מיט זיין נייגעריקייט, מיט זיין אַריינמישן זיך צו אַלעמען. ער האָט זיי דאַקוטשעט מיט אָן א שיעור פראַגן. וועגן יעדער קלייניקייט האָט ער געקאָנט הונדערט מאָל איבערפרעגן. צוליב דעם האָט וואַסילי געזוכט פריינטשאַפט אַלע מאָל מיט אַן אַנדערן, נאָר די פריינטשאַפט האָט קיינמאָל ניט געקאָנט לאַנג אָנהאַלטן. דעריבער איז וואַסילי געווען זייער אָפט אַליין און האָט ניט געהאַט מיט וועמען אויסצורעדן א וואָרט. אויך צו מונין וואָלט ער זיך שוין געהאַט פון לאַנג צוגעשאַרט, אָבער מוני איז ניט געווען פון זייעריקע, האָט ער זיך געקווענקלט, ניט געוואַגט. דעם היינטיקן אויפדערנאַכט האָט זיך וואַסילי געפילט אַזוי פאַרלוירן, אַזוי איינער אַליין, האָט ער זיך דערנענטערט צו מוניס בעטל. מוני האָט זיך אומגערן אויפגעזעצט און געגעבן א קורצן און בייזלעכן פרעג:

— וואָס ווילסטו?

— כ׳וויל זאָלסט מיר אַביסל באַווייזן דעם „סנימאַק״. א פּאַסקודנע נאַכט היינט. סקוטשנאָ בראַטאַק, ניטאָ ווו זיך אַהינצוטאָן!

מוני האָט אים שוין געוואָלט אָנזידלען, נאָר וואַסיליס קוק האָט אויסגעדריקט אַזויפיל הכנעה און געבעט און דאָס געזיכט ביי אים האָט אויסגעקוקט אַזוי צעקנייטשט, אַז מונין איז שווער געווען אָפּצוזאָגן.

ווען די פויערים האָבן דערשנאַפּט, אַז מוניס פאָטאָגראַפיע איז ביי וואסילין אין די הענט, האָבן זיי זיך גענומען אַרום אים צונויפזאַמלען. וואַסילי האָט געהאַלטן די פאָטאָגראַפיע און ווער עס איז נאָר צוגעקומען, זי גלייך באַוויזן, פונקט ווי יענער וואָלט די פאָטאָגראַפיע קיינמאָל פריער נאָך ניט געהאָט געזען.

די פאָטאָגראַפיע האָט געהאַט איר ווירקונג. קוים האָט מען זי עמעצן באַוויזן, האָבן שוין די אַנדערע ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון פון דערנענטערן זיך, פון נעמען דאָס בילדל אין דער האַנט אַריין. דאָס בילדל האָט פאַר די פויערים שוין ניט געהאַט צו טאָן מיט מונין. פאַר זיי איז די פאָטאָגראַפיע געווען עפּעס מער; א פרעמדע ניט געאַנטע וועלט האָט זיך פון דאָרט אַנטפּלעקט צו זיי, אַן אַנדער אַרט לעבן האָט געגעבן דורך קליידער און דורך שמייכלען צווישן וועגן זיך. און דאָס מיידל? יעדערער פון זיי האָט איבערגעלעבט אויף אַן אַנדער אופן די מיידל־געשטאַלט מיט די פערל. ס'רוב זענען שוין לאַנג געווען פאַרשיקט פון זייערע היימען. אויפן פּאַסיאָלעק האָבן אויך געלעבט גאַנצע משפחות, מיט ווייב און קינדער, אָבער זיי, אַלס איינצלנע, זענען געווען פון יענע אָפּגעזונדערט. ביי טייל האָט דאָס מיידל פונעם בילדל געררייצט די חושים. ביי אַנדערע האָט זי אַרויסגערופן פאַרבאָרגענע בענקשאַפטן צו אייגענע ווייבער, צו אייגענע טעכטער און ביי נאָך אַנדערע, איז דאָס מיידל פונעם בילד בלויז געווען א דערמאָנונג פון בעסערע צייטן, פון שענערע וועלטן — — —

די פויערים האָבן זיך פאַנאַנדערגעזעצט און יעדערער האָט באַקומען צו עטלעכע מינוטן די פאָטאָגראַפיע.

מוני, אָבער האָט ניט געוווסט, וואָס די פויערים טראַכטן, פאַרוואָס עס ציט זיי אַזוי צום בילדל. אין זייער דערנענטערן זיך צו דער פאָטאָגראַ־פיע, האָט ער געזען א סימן, אַז ביסלעכווייז בעטן זיי זיך איבער און הייבן אים אָן א קאַפּ צו אַכטן. האָט עס אים הנאה געטאָן. און אַז די פויערים האָבן אים געבעטן ער זאָל זיי דערציילן וועגן דעם מיידל אין דעם לאַנגן אונט־קלייד, האָט עס מוני גערן געטאָן. נאָר אָנשטאָט וועגן איר, האָט

ער מער דערציילט וועגן זיך, וועגן זיין שטוב אין וואַרשע מיט די גלאַנציקע פּאַדלאָגעס, דיוואַנען און וואַזאַנען און ניט פאַרפעלט צו דערמאָנען דעם לאַקירטן פאָרטעפּיאַן.

— וואָס ברייעט ער דאָרט, דער „דאָקטאָר״?

האָבן טייל פויערים ביי זיך געקלערט און ניט צוגעגלויבט זיך צו זיינע רייד, אָבער הויך אויפן קול האָבן זיי דאָס ניט אַרויסגעזאָגט, ווייל זיי האָבן פאָרט געוואָלט, אַז מוני זאָל ווייטער דערציילן. ווען מוני האָט נאָך אַלץ גערעדט וועגן זיך און וועגן זיין שטוב, זענען אים אומגעדולדיק עטלעכע פויערים אַריין אין די רייד:

— וועגן איר ווילן מיר וויסן, יעאַי באָגו, וועגן דער באַרישניע דערלאַנג!

האָט מוני ניט געהאַט קיין ברירה און גענומען דערציילן וועגן זיין מיידל, און כדי די שילדערונג זאָל אויסקומען אָנציענדיקער, האָט ער צוגעטראַכט נייע סיטואַציעס און פּאַסירונגען. די פויערים האָבן געשטויגט און זיך צוגעהאָרכט מיט פאַרגעניגן. איינער א פויער האָט זיך גראָב צעלאַכט אויפן קול. וואַסילי האָט געוואָלט וויסן וואָס פאַר א קאָליר האָר זי האָט געהאַט. ווען ער האָט דערהערט אַז — בלאָנדע — האָט ער אַזש פאַר פרייד מיט די הענט א פּאַטש געטאָן:

— אַזוי טאַקע האָב איך זי מיר פאָרגעשטעלט! אַקוראַט אַזוי!

***

פון זינט יענעם אויפדערנאַכט האָט וואַסילי אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, כדי צו דערנענטערן זיך צו מונין. וואַסיליס גרעסט פאַרגעניגן איז געוואָרן מוניס פאָטאָגראַפיע. אָבער דער מוני — ניט שטענדיק וויל ער אים דאָס בילדל באַווייזן. די אַנדערע פויערים, ווען זיי ווילן נאָר, גיט ער. אים, וואַסילין — אַמאָל יאָ, אַמאָל ניט. מען דאַרף אים אָנטרעפן אין א גוטער מינוט. ווען מוני זאָגט אים אָפּ, האָט וואַסילי אים פיינט. זיינע ליפּן קייען און קייען דעמלט א שווערע קללה, וועלכע פאַלט, ווען ער זעט שוין, אַז מוני וועט אים די פאָטאָגראַפיע ניט געבן.

— מען דאַרף װידער פּרובירן — קלערט װאַסילי און שאַרט זיך פּאַרזיכטיק צו צו מונין.

אַז מוני זאָגט אים דאַסמאָל ניט אָפּ, גיט אים די פּאָטאָגראַפיע און קלאַפּט נאָך גוטברודעריש איבער דער פּלײצע, איז װאַסילי גרײט, אין דער מינוט, אין פײער פאַר אים צו שפּרינגען. ער אײלט אַװעק מיטן בילדל אין אַ װינקל, װי ער װאָלט מורא געהאַט, אַז מוני קאָן זיך נאָך באַרעכענען און חרטה האָבן. אַזױ זיצט ער אָפּ אַ לאַנגע צײט מיט אַן אַראָפּגעבױגענעם קאָפּ איבער דעם בילדל און קוקט אויף דעם מײדלס האָר, װאָס פאַלן איר אַראָפּ איבערן קאַרק און שיקלט צו איר בוזעם, װאָס איז פאַרשלײערט מיטן װײסן טיול פונעם אָװנט־קלײד. װאַסילי פאַרשטעלט מיט אײן האַנט די אַנדערע העלפט פונעם בילדל, דאָרט װו מוני געפינט זיך...

אַז אַנדערש מאָל, װען מוני איז צו אים אויפגעלײגט געװען און װאַסילי האָט װידער באַקומען די פאָטאָגראַפיע, האָט ער זי אַרומגעטראָגן צװישן די פּויערים און זײ געפרעגט צי װען ער האָט אויף זיך אַזאַ אַנצוג, װאָלט מען זײן געשטופּלט פּנים ניט אַנגעזען?... צי ס׳טוט װײ דער האַלדז װען מען פאַרציט אַזױ שטײף אַ שניפּס און מיט װאָס װאַשט מען אַ העמד, אַז דאָס העמד זאָל אַזױ װײס זײן?... די פּויערים האָבן געלאַכט פון זײנע קלאָץ־קשיות, האָט זיך װאַסילי אַביסל פאַרלוירן. אָבער ניט אויף לאַנג. גלײך האָט זיך בײ אים באַנײט דער ברען פון רעדן:

— לאַכט, לאַכט, אָבער װען אַזאַ װאַסילי קומט אַראָפּ צוריק אין דאָרף אַרײן אָנגעטאָן אַזױ (און דאָ שטעלט ער זיך אַװעק אין מוניס פּאָזע, װי אויפן בילד, בלאָזט אַביסל אָן די באַקן און הײבט זיך אונטער אויף די שפּיץ־פינגער, כדי אויסצוזען העכער) װאָלט איר שוין געזען דעם דרך־ארץ, װאָס מען װאָלט צו מיר אַרויסגעװיזן. די מײדלעך װאָלטן צו מיר שוין ניט געזאָגט: „װאַסילושקאַ, גאָט איז מיט דיר! אין אַזאַ פּנים הײסטו זיך קושן?!" זײ װאָלטן געקושט, אױ װאָלטן זײ געקושט!

די פּויערים האָבן זיך װידער פאַנאַנדערגעלאַכט, אויך װאַסילי האָט געלאַכט. אָבער מען האָט געזען, אַז ער טוט דאָס אויס יוצא װעגן, װײל אין דער אמתן האָט ער געגלױבט, אַז אַזױ װאָלט געשען.

דאָס פאַרגעניגן פון באַוויזן זיך מיט דער פאָטאָגראַפיע און פון דערציילן איז ביי מונין גיך צוגענומען געוואָרן. די פאָטאָגראַפיע איז פאַרלוירן געגאַנגען. מען האָט ניט געוווּסט ווען און ווי אַזוי, נאָר ער האָט דאָס בילדל מער אונטערן שטרוי־זאַק ניט געפונען. אַלע האָבן באַלד חושד געווען דעם נידעריקן וואַסילי. אָבער אַזוי ווי וואַסילי האָט צוזאַמען מיט אַלעמען די פאָטאָגראַפיע אַרומגעזוכט און צוזאַמען מיט אַלעמען באַדויערט די אבידה, האָט מען גאָרניט געקאָנט טאָן. די פאָטאָגראַפיע איז ניט געווען.

מונין האָט אַרומגענומען א געפיל, אַז צוזאַמען מיטן בילדל איז ביי אים אַוועקגעגזלט געוואָרן א שטיק פון זיין לעבן. די פאָטאָגראַפיע איז געווען ביי אים ווי א יחוס־בריוו, וואָס אָן דעם האָט דער קיום ניט קיין האַפט.

מוני האָט גענומען פאַמעלעך איינגיין, ווי עס גייט איין א קנויט פון א נאַפט־לעמפל. א גלייכגילטיקייט האָט פאַרשלעפערט זיינע חושים. ער האָט גענומען אויסמיידן מענטשן, זיך אויפגעהערט וואַשן און צום סוף ניט אַרויסגעגאַנגען, צוזאַמען מיט אַנדערע, צו דער אַרבעט אין וואַלד אַרייַן.

די פויערים האָבן אויף אים רחמנות באַקומען און אים ניט געטשעפּעט. אַנשטאָט גיין אין וואַלד זעגן ביימער, האָבן זיי אים צוגעטיילט אויסצוקערן דעם באַראַק, ברענגען וואַסער פונעם טייך און צו הייצן דעם אויוון.

זיין קופּייקע איז צעריסן געוואָרן, האָט ער זי געלאָזן צעריסן ביז די וואַטע איז אַרויסגעקראָכן און געבליבן הענגען מיט לאַנגע, שמוציקע צוויטן.

איין זאַך האָט זיך מוני ניט געפוילט צו טאָן — הייצן דעם אויוון. דאָס האָט ער אָפּגעהיטן, צו דעם איז ער פאַרביסן איבערגעגעבן געווען.

אַנצינדן די נאַפט־לעמפּ האָט אויך געהערט צו אים, אָבער מוני האָט זיך ניט געיאָגט, אָדער פאַרגעסן דאָס צו טאָן, פונקט ווי ער האָט ניט איינמאָל פאַרגעסן אויסצוקערן דעם באַראַק.

ווען די פויערים האָבן זיך אומגעקערט פון דער וואַלד־אַרבעט און געזען, אַז אין באַראַק איז פינצטער, האָט זיך שוין געפונען איינער, וואָס האָט גלייך פון דער שוועל, נאָך איידער מען האָט אָפּגעקלאַפּט פון די ווילאָקעס און לאַפּטשעס דעם פּאַרהאַרטעוועטן שניי, אַריינגעשריען אין די אינגעווייַדן פון דער באַראַק־טונקלעניש:

— העי, לעבסט נאָך?!

מוני אָבער איז געשטאַנען אין זיין אויוון־ווינקל און זיך ניט אָפּגערופן, גלייך ווי ניט אים האָט מען דאָס געמיינט. די פויערים האָבן אָנגעפילט דעם באַראַק. מוני האָט אין דער טונקלקייט נאָכגעפּאָלגט זייערע באַוועגונגען. ווי פינצטער עס איז ניט געווען, האָט ער דאָך געזען זייערע אויגן. דאָס מאַטע ליכט פון שטערן און פון שניי, וואָס איז אַריינגעדרונגען פון דרויסן, האָט זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט. דאָס ליכט איז ניט געווען גענוג שטאַרק אויף צו אונטערשיידן זייערע פּנימער, אָבער די אויגן — יאָ.

שפּעטער, אַז די נאָפּט־לעמפּ, וואָס די פויערים האָבן סוף־כל־סוף אָנגעצונדן, האָבן זיך צעבלישטשעט האָט שוין מוני ניט געזוכט זייערע אויגן און ניט זייערע פּנימער. ביז אין דער ווייטער נאַכט איז ער אָפּגעשטאַנען אַן אָנגעשפּאַרטער אינעם אויוון־ווענטל. פון אויוון האָט ער זיך נאָר אָוועקגערירט ווען ער האָט דערפילט, אַז מען דאַרף ברענגען פון קעמערל נייע בינטלעך האָלץ. פון א סך שטיין האָט זיך אָפּגעקוועטשט אויפן ווייסן אויוון־ווענטל אַן אָפּצייכן פון זיין גוף. דער אָפּצייכן האָט זיך אָפּגעשלאָגן טונקל און אַפילו ווען מוני איז אָוועקגעגאַנגען פונעם אויוון, האָט עס אויסגעזען ווי דאָרט וואָלט אַלץ געבליבן שטיין נאָך א מוני, נאָך א מוני וואָס האָט זיך אַליין פאַרמויערט און קאָן פון דער ציגל־געפענגעניש זיך מער ניט באַפרייען...

***

פּאַמעלעך איז אונטערגעקומען דער פרילינג. די וועלט איז ווי ברייטער געוואָרן. דער טאָג — לענגער און האָט זיך העל אויסגעברענט. ביינאַכט אָבער האָט זיך ווידער געשטעלט א פרעסטל. די ערשטע

פרילינגס-לוזשעס האָבן זיך גענומען רינצלען, קאַרבן און זיך פאַרצויגן מיט א דין, קאַלט הייטל.

מוניס אויגן זענען פון ניט דערשלאָפן רויט געוואָרן. בייטאָג, ווען די שייבלעך האָבן אַביסל אויפגעטייעט אונטער די ערשטע שטראַלן, וואָס דער פרילינג האָט געברענגט, האָט ער זיינע בליקן פון פענצטער ניט אָפגעריסן. אין פענצטער האָט מען קיין סך זאַכן ניט אָנגעזען: א צווייגל, א שניי־בערגל, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן צו צעגיין, א קראָ, וואָס האָט זיך פון עפּעס דערשראָקן און איז פונעם צווייגל אַוועקגעפלויגן.

גראָד אין דער צייט איז באַקאַנט געוואָרן, אַז מען שיקט די פויערים איבער אויף אַן אַנדערן פּאָסיאָלעק, אַז דאָ אַהער וועלן קומען נייע און אַז מוני וועט ניט מיטפאָרן מיט זיי, נאָר ער וועט דאָ פאַרבלייבן. מוני האָט ווינציק וואָס רעאַגירט אויף דער נייס, פּונקט ווי אויף אַלץ וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. נאָר אַז ס'איז געקומען די צייט פון צו גרייטן זיך אין וועג אַריין און די דאָרפס־לייט האָבן שוין גענומען בינדן זייערע קלומיקעס, האָט זיך עפּעס אין מונין א ריר געטאָן, אויפגעטייעט געוואָרן און מיט א ניט פאַרויסגעזעענער קראַפט, האָבן זיך ווערטער א שאָט געטאָן פון זיין קעל:

— די פאָטאָגראַפיע! מען האָט מיך געקוילעט! גוטע מענטשן וואָס טוט מען, גיט אַן עצה! מען וועט מיר ניט גלויבן אויפן וואָרט, אַז כ'בין אַמאָל עפּעס געווען. פאָרט ניט אַזוי אַוועק, העלפט מיר!

דער נידעריקער וואַסילי האָט געפינטלט מיט די אויגן, געשנייצט מיט דער נאָז און די איבעריקע פויערים האָבן געשוויגן. געשוויגן א ווייל, באַלד זיך דערמאָנט, אַז די פורן וואַרטן שוין און מען דאַרף זיך צואיילן.

מוני האָט זיי ניט אַרויסבאַגלייט צו די פורן. ער איז פאַרבליבן אינעם באַראַק. פּלוצלונג האָט ער באַמערקט, אַז ער איז אַליין. איינער אַליין אין לאַנגן, לאַנגן באַראַק מיט שורות פּוסט געוואָרענע בעטן. ער איז געשטאַנען אינמיטן באַראַק און ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דער באַראַק האָט זיך אויסגעצויגן און די בעטן האָבן זיך גענומען פאַרדאַפּלען. בעט צו בעט האָט זיך צוגעשטעלט און די ריי איז געוואַקסן. ערשט ווען

מוני איז צוריקגעקומען אין זיין ווינקל נעבן אויוון, האָט אים דאָס געפּיל אָפּגעלאָזט. מוני האָט מיטן לעצטן ביסל כוח צוגעשפּאַרט זיין גוף צום אויוון־ווענטל, צו זיין שאָטן, וואָס האָט זיך אויף דעם ווענטל געטונקלט, ווי ער וואָלט זיך אין אים געוואָלט אויפלייזן. ער האָט אויף עפּעס אויסגעוואַרט, נאָר עס איז גאָרניט געשען. פון דרויסן האָט זיך נאָך געהערט דער גערודער פון די אָוועקפאָרנדיקע. די פויערים האָבן זיך עפּעס געהיצט, עמעץ האָט געזידלט, עמעץ האָט געלאַכט. ס'האָט זיך געהערט א הירזשען פון א פערד און מיטאמאָל האָט זיך אַלץ איינגעשטילט. ס'האָט אָבער געדויערט א סך צייט ביז מוני האָט זיך געכאַפּט, אַז די פויערים זענען שוין אַוועקגעפאָרן, אַז פאַר דער טיר איז שוין אינגאַנצן שטיל.

דערווייל איז פון פרימאָרגן געוואָרן טאָג און דער טאָג איז געווען גרויס, ליכטיק און וואַרעם. א וואַרעמער טאָג נאָך די צעגאַנגענע שנייען, נאָך די אייז־קריעס, וואָס האָבן אַראָפּגענידערט מיטן שטראָמיקן פלוס פונעם טייך. דורכן קליינעם פענצטערל האָט מוני געזען ווי איבערן אויסגעלייטערטן הימל האָבן זיך נידעריק אַרומגעיאָגט מחנות שפּערבלעך און די שפּערבלעך האָבן אין מוני אַרויסגערופן אַזאַ בענקעניש, וואָס פריער האָט ער עס קיינמאָל ניט געפילט. די אויגן־אַפּלען האָבן אַזש ווייי געטאָן.

מוני איז מיד געוואָרן, מיד ווי ער וואָלט אָפּגעטאָן א גאָר שווערע אַרבעט. ער האָט דערפילט א שוואַכקייט אין די פיס, קוים וואָס זיי האָבן אים געפאָלגט. קיין הונגער האָט ער ניט געפילט, כאָטש ער האָט נאָך ניט געהאַט אַפילו איבערגעביסן. האָט ער זיך צוגעשלעפּט צו זיין בעטל און ער איז איינגעשלאָפן. און אפשר איז ער גאָרניט איינגעשלאָפן, ווייל די פייגעלעך זענען אַזוי נידעריק איבער זיין קאָפּ אַרומגעפלויגן — — —

ווען מוני האָט אויפגעמאַכט די אויגן האָבן שוין די שייבלעך געבלייכט מיט פאַרנאַכט. אויפן דיל האָט זיך געוואַלגערט שטרוי, שטיקלעך שמוציקע וואַטע, פאַרזשאַווערטע און געלעכערטע פושקעס און פאַרשידענע שמאַטקעס. צוערשט האָט מוני ניט באַנומען ווו ער געפינט זיך, אָבער

דאָס מיסט אויפן דיל האָט אים דערמאָנט, אַז ער איז אַליין. ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע פּיס פונעם בעט און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם טראָט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן און זיך איינגעהערט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז צוגלייך מיט זיינע טריט הערט ער נאָך עמעצן שפּרייזן. נאָר אַז ער איז געבליבן שטיין איז צו אים ניט דערגאַנגען דער מינדעסטער שאָרך. מוני האָט זיך נאָך ניט געטרויט, ער האָט מיט די אויגן געפּאָרשט יעדעס ווינקעלע, ווי ס'וואָלט מעגלעך געווען, אַז עמעץ זאָל זיך דאָך האָבן אויסבאַהאַלטן. פאַרשטאַרקט דעם חשד, האָבן די אַנוואַקסנדיקע אָוונט־שאָטנס. ס'האָט אים באַהערשט אַן אומרואיקייט, וואָס האָט אים געטריבן פונעם אָרט. לענגער אַזוי שטיין אָן גאָרניט צו טאָן, האָט ער ניט געקאָנט. די שאָטנס זענען געדיכטער געוואָרן און צוזאַמען מיט זיי — דער פּחד. מוני האָט געוואָלט אָנצינדן דאָס נאַפט־לעמפּל, נאָר די שוועבעלעך אויפן שטענדיקן אָרט ניט געפונען. האָט ער זיי געזוכט אַרומזוכן אויפן דיל, ביי די ווענט, צווישן די בעטלעך. זיין געהער האָט באַקומען א חיהשע אָנגעשפּיצטקייט. יעדעס שמאַטקעלע האָט ער אויפגעהויבן, אָדער מיטן פוס א שאַר געטאָן צו זען וואָס דאָס איז. אַז זיינע הענט האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף א צונויפגעלייגטע ציטונג, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט פון צווישן צוויי ווענט־באַלקנס, איז ער שוין פון דאָרט ניט אָפּגעטראָטן. א בלינד געפיל האָט אים דיקטירט די ציטונג ניט אַרויסצולאָזן פון די הענט. ווען מוני האָט ענדלעך געפונען די שוועבעלעך, אָנגעצונדן איינע פון די לעמפּ און צעוויקלט די ציטונג, האָט ער דערזען דאָרט ליגן זיין פאָטאָגראַפיע. פון איבעראַשונג זענען אים די פינגער ווי אָפּגעקילט געוואָרן. ביסלעכווייז איז די שטייפקייט אָפּגעגאַנגען און די פינגער האָבן צוריק באַקומען לעבן. ער האָט געדרייט דאָס בילדל אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט זיך ניט צוגעגלויבט, אַז דאָס איז עס טאַקע, אַז ער האַלט אויף אַן אמת די פאָטאָגראַפיע אין זיינע הענט.

מוני האָט צעפירט זיינע אויגן אַרום און אַרום, ווי ער וואָלט נאָך א לאַנגע אָפּוועזנהייט נאַרוואָס געהאַט צוריקגעקומען אין באַראַק אַריין און באַטראַכט צי אַלץ געפינט זיך נאָך אויפן זעלבן אָרט. זיינע בליקן

זענען געשפּרונגען פון איין קעגנשטאַנד צום אַנדערן: אָט שטייען די צוויי עמערס נעבן טיר אויף צוויי נידעריקע בענקלעך. אויף דעם פאַרזשאַווערטן קייטל הענגט דער פאַרזשאַווערטער שעפּ־לעפל. אַרום די עמערס איז דער דיל נאַסלעך. אויף דער וואַנט הענגען קרומלעך די קאַראַמיסלעס. מוני האָט ניט געפילט ווי זיינע ליפּן נעמען ציילן די נאַקעטע שטרוי־זעק אויף די אייזערנע בעטלעך: איינס און צוויי און דריי — — — און פאַר יעדן בעטל האָט ער געהאַט א באַזונדערן שמייכל. אויף א טשוואָק האָט אַ פויער פאַרגעסן אַן אַלט, אָפּגעקראָכן און צעפליקט רעקל, האָט מוני אויך צום רעקל א שמייכל געטאָן. איבער א בעטל האָט ווער מיט א מעסערל אויסגעקריצט א פרויען־נאָמען, האָבן מוניס ליפּן פּאַמעלעך, מיט שפּאָרעוודיקייט גענומען איבערלייענען אות נאָך אות:

— פּ—ר—אַ—ס—ק—אָ—וו—י—אַ, פּראַ—ס—קאָ—וויאַ!

איבערלייענענדיק, איז מוני מיטן בליק צוריקגעקומען צו דער פאָטאָגראַפיע און אַז די אויגן האָבן שוין גערוט אויף דעם מיידלס פּנים, האָבן נאָך אַלץ זיינע ליפּן געשעפּטשעט:

— פּראַסקאָוויאַ, פּראַסקאָוויאַ...

מוני האָט זיך ווי אין עפּעס דערמאָנט. ער איז מיט דער פאָטאָגראַ־פיע צוגעגאַנגען צום טיש, צוגערוקט צו זיך דעם נאַפט־לאָמפּ און אויף אים אָנגעשפּאַרט די פאָטאָגראַפיע. פון ערגעץ א ווינקל האָט ער אויסגע־קראַצט נאָדל־פאָדעם, אויסגעטאָן די קופייקע, זיך אַוועקגעזעצט און גענומען פאַרנייען די לעכער און ריסן. נייענדיק האָט ער אָבער יעדע ווײַלע געכאַפּט א בליק צום בילדל. דאָס פלעמל האָט זיך גענומען טוקן, צאַנקען. דער נאַפט אין לעמפּל איז געוואָרן ווינציקער און ווינציקער. מוני אָבער האָט ניט אויפגעהערט צו נייען, געאײַלט זיך ווי ער וואָלט געגאַנגען מיט עמעצן אין א געוועט. פון יענער זייט פענצטער האָבן ביימער גערוישט.

די אַנטלאָפּענע

צוויי פּאַרשיקטע אין די אוראַלער וועלדער, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים ספּלאַוו פון געהילץ אויפן ברייטן קאַמע־טייך, איז געלונגען אויף א טראַטווע צו אַנטלויפן. זיי זענען איבערן טייך אויף דער טראַטווע אין די נאַכט־טונקלעניש אַריינגעשווומען און דער חושך איז צו זיי גוט געווען.

זיי האָבן ניט געוווסט ווו זיי שווימען און עס איז זיי ניט געווען קיין נפקא מינא וואוהין. זיי האָבן נאָר געוואָלט זיין וואָס ווייטער פונעם לאַגער, פון די סטרעלקעס, פון די שמעק־הינט און פון די זומפּיקע וועלדער, אָבער וואָס ווייטער זיי זענען אין דער נאַכט אַריינגעשווומען, אַלץ מער האָבן זיי די זיכערקייט פאַרלוירן. דער טייך האָט געשראָקן, די נאַכט האָט געשראָקן און אויך פאַר זיך אַליין האָבן זיי מורא געהאַט.

איינער פון זיי האָט א פּייערל צעלייגט און צוגעשטעלט וואַסער צום קאָכן. דער צווייטער האָט זיך פאַרקלערט, אין דער נאַכט אַריינגעקוקט און געשוויגן. רופט זיך אָן דער, וואָס האָט וואַסער געקאָכט, צו דעם, וואָס האָט אין דער נאַכט אַריינגעקוקט:

— איי א בעט, א ווייך געלעגער...

דער פאַרקלערטער אָבער האָט זיך ווי ניט צוגעהאָרכט צו דעם, וואָס איז נעבן פּייערל געזעסן. פּלוצעם האָט זיך פון יענעמס מויל א קורץ געשריי אַרויסגעריסן:

— העי דו! עס איז נאָך ווייט צום באַגין?!

דער פאַרקלערטער האָט פון דעם „העי דו" א ציטער געטאָן מיטן גאַנצן לייב. זיין מויל האָט זיך אויסגעקרימט און פון זיינע ליפּן האָבן זיך גענומען פּאַמעלעך ווערטער אָפּקרישלען. אָבער היות ער האָט זיין קאָפּ ניט אויסגעדרייט צו דעם, וואָס האָט וואַסער געקאָכט, נאָר ווייטער

געהאַלטן זיין בליק צו דער נאַכט, האָט עס אויסגעזען ווי ניט צו אים רעדט ער, ווי ניט אים ענטפערט ער אָפּ, נאָר עמעצן וואָס האָט געשטעקט אין די נאַכטיקע טומאַנען:

— זע נאָר ווי עס איילט זיך אים צום באַגין! וואָס וועסטו טאָן אין באַגין?

איז דער, וואָס איז געזעסן ביים פייערל, געוואָרן אַביסל אויפגעהייטערט, ווייל ווען דער פאַרקלערטער שווייגט, דוכט זיך אים אויס, אַז ער האָט גאָרניט צו טאָן מיט א מענטש, אַז עס איז עפּעס א מראה, א שאָטן. דעמלט פילט ער זיך, אַז ער איז גאָר איינער אַליין, אַליין אָן א מענטשלעכן אָטעם נעבן זיך.

די וואַסערן האָבן מיט קילער פייכטקייט די לופט אָנגעפילט. די פייכטקייט האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער. האָט דער, וואָס איז געזעסן ביים פייערל די הענט זיך געוואָרעמט. דאָס וואַסער האָט נאָך ניט באַוויזן אויפצוקאָכן און שוין האָט זיך דאָס פייערל גענומען לעשן. האָט זיך ווידער אָנגערופן דער זיצנדיקער צו דער זייט פון פאַרקלערטן:

— עס איז נאָך ווייט צום באַגין, האַ?

דער פאַרטראַכטער האָט געשטומט. זיינע בליקן זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט די שוואַרצע טייך־וואַסערן, וואָס האָבן געשוימט אַרום דער טראַטווע. מער האָט שוין דער, וואָס האָט וואַסער געקאָכט ניט געפרעגט דעם, וואָס האָט געשוויגן. עס האָט אַפילו אויסגעזען, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וואָס ער האָט געפרעגט. זיין קאָפּ האָט זיך אים אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט גאָר אינמיטן דעם וואַסער קאָכן איינגעדרימלט.

די חשכות איז געוואָרן אַלץ געדיכטער און געדיכטער. די ברעגן זענען געלעגן פאַרוויקלט אין נאַכט־נעפּלען. אויך דער הימל איז געווען פאַרשלייערט און מען האָט אים ניט אָנגעזען. נאָר וואַסער איז געווען אַרום און אַרום, אַזוי ווי די וועלט וואָלט פון וואַסער באַשטאַנען. עס האָט זיך פון ערגעץ קיין שאָרך ניט געהערט, עס האָט זיך פון ערגעץ קיין שיין ניט געזען.

דאָס פייערל איז אויסגעגאַנגען און דאָס וואַסער אינעם בלעכל האָט

ניט אויפגעזאָגט. האָט דער, וואָס איז געזעסן, אויפגעהויבן זיינע אויגן און געזוכט דעם פאַרקלערטן.

דער שווייגנדיקער האָט דעם בליק ניט געזען, נאָר ער האָט אים אַרויסגעפילט. ער האָט געוווּסט, אַז יענער וויל ער זאָל אים איצט אָפּנאַרן, ער זאָל עפּעס דערציילן וואָס זאָל אים אַרויסרייסן פון דאַנען, פון די וואַסערן, פון דעם, וואָס עס דערוואַרט זיי נאָך. און אַזוי ווי ער אַליין האָט געוואָלט וועגן דעם פאַרגעסן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— מיין באַבע איז שוין פון לאַנג וואָך. זי האָט שוין באַוויזן די קו אויסצומעלקן. איצט רוקט זי אַריין די ברויטן אינעם אויוון. ביז עס וועט טאָג ווערן, וועט שוין דאָס געבעקס זיין פאַרטיק. דער ריח פון ברויט איז א גוטער, ער פאַרייסט אַזש די לופט. די קינדער שלאָפן נאָך. זאָלן זיי שלאָפן. עס איז דאָך נאָך נאַכט. זי וועט זיי ניט וועקן ביז איך וועל קומען. מיין אַלטע ווייסט, אַז איך וועל קומען, ווייל היינט איז דאָך זונטיק. היינט איז אין שטעטל א גרויסער יריד (ווייַן ניט! האַרבסט־צייט, צום גרויסן יריד, וועל איך אַהיימקומען. ווערסט אַליין זען! ניט שפּעטער ווי אין האַרבסט!) זי דאַרף סיטץ אויף א קליידל און שיך פאַר די קינדער (עס גייט דאָך אַזאַ ווינטער!) און פאַר מיר וועט זי קויפן א פייקע מיט טוטין — — —

ערגעץ פון א ברעג האָט זיך אָפּגעריסן א ביל פון א הונט. האָט דער פאַרקלערטער ניט געקאָנט מער רעדן, און אפשר האָט ער דאָס גאָרניט גערעדט, אפשר האָבן אַזוי געברומט די וואַסערן וואָס האָבן געשוימט אַרום דער טראָטווע?

צוויי סקולפטורן

די באַראַקן שווימען אַרום אין דער שניי־זאַווייע, זוכן צו פאַראַנקערן זיך ביים אָנקומענדיקן טאָג אָבער דער טאָג ליגט נאָך ערגעץ פאַרשאָטן מיט שניי און מיט חושך.

אין אייגענע פאַרע־קנוילן איינגעהילט מיט א ווינט אין דער פלייצע, שאַרן מיט פאַרשטייפטע פיס די לאַגערניקעס אינעם שניי־געווירבל. פון פאָרויס און פון הינטן און ביי די זייטן שפרייזן „סטרעלקעס" מיט פוטערנע היטלען אויף די קעפ, מיט שעפּסענע פעלצן און מיט וועלף־הינט אין פוס־טריט.

דער ווינט ברענגט אָנצוטראָגן שטיקלעך טאָג און וואַרפט זיי אַריין אין די טונקלענישן פון באַגין. מישט זיי, מישט זיי לאַנג צונויף — קומט דערפון אַרויס א נעפלדיקע גרויקייט וואָס איז ספק טאָג, ספק נאַכט.

אין וואַלד איז שטיל. אין וואַלד האָט שוין דער ווינט ניט אַזאַ שליטה. אָבער אויך אין וואַלד איז קאַלט.

זעגן האָבן אויסגעשאַרפטע ציינער. העק האָבן בלישטשענדיקע קלינגלען. הענט אָבער זענען נאָך מיד פון נעכטן, אייערנעכטן. דויערט לאַנג ביז א בוים גיט זיך אונטער. דויערט לאַנג ביז א בוים נעמט זיך וואַקלען, וואַקלען ביז ער גיט א האַסטיקן פאַל. ביים פאַלן פאַרטשעפּעט ער מיט זיינע צווייגן די דערנעבנדיקעביימער, ווי ער וואָלט זיי מיטשלעפּן געוואָלט. די ביימער גיבן זיך א טיפן נייג, נאָר, אַז זיי דערפילן זיך באַפרייט פון דעם געפאַלענעם בוימס צווייגן, גלייכן זיי זיך אויס געשווינד אויף צוריק און בלייבן רואיק שטיין ווי עס וואָלט גאָרניט געשען.

פאַלט א לאַגערניק ביי דער זעג — פאַלט ער. זיין פאַלן איז איינזאַם.

קיינער בייגט זיך איבער אים ניט אַריבער. קיינער לייגט קיין אויער צו זיין ברוסט ניט צו. עס קומט א „סטרעלאָק״ מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער און שלעפּט אים ביי א פוס אין א זייט אַוועק און זעגן האָבן אויסגעשאַרפטע ציינער, זעגן זיי די ביימער אויפדאָסניי.

דער מענטש ליגט ביי דער זייט אויפן שניי און דער פראָסט גלייכט פאַמעלעך, פאַמעלעך אויס זיין איינגעקנאָדערטן גוף. דער מענטש ווערט לענגער, ווערט האַרטער, ווערט שטייפער.

איינער אַן אַרעסטאַנט, א לאַגערניק וויל ניט פאַלן ווי קיין בוים און וויל ניט, אַז דער פראָסט זאָל פון זיין גוף, ביי דער זייט אויפן שניי, אויסקנעטן א טונקל־בלויע סטאַטוע. אַזוי ווי צום מיטאָג איז נאָך ווייט און דאָס שטיקל אָרעם־ברויט פון זיין טאָרבע האָט ער שוין פון לאַנג געהאַט אויפגעגעסן און די שאַרף־זעג וויל סיווי זיינע הענט ניט פאָלגן, רייסן זיך אָפּ זיינע בליקן פונעם קלאָץ, פון דער זעג, פון די „סטרעלקעס״ וואָס וואַרעמען זיך ביי א שייטער און רויכערן מאַכאָרקע געוויקלט אין גרויסע שטיקער ציימונגס־פּאַפּיר. זיינע בליקן פאַרהאַלטן זיך ביי א וואָלף־הונט, וואָס ליגט ניט ווייט פונעם פייער. דער קאָפּ זיינער איז אים אָנגעשפּאַרט אויף די צוויי פאָדערשטע לאַפּעס. איין אויג האַלט ער צוגעמרוזשעט און מיטן צווייטן קוקט ער אויפן שייטער. די רויטקייט פונעם שייטער־פלאַם שפּיגלט זיך אין זיין אָפענעם אויג, נאָר אויסזען, זעט עס אויס ווי אויך זיין אויג איז כולו פייער. לעבן הונט ליגט א האַלב ברויט וואָס א „סטרעלאָק״ האָט אים צוגעוואָרפן און דער הונט האָט זיך עפּעס ניט געיאָגט דאָס אויפצועסן. גאַפט דער לאַגערניק, חידושט זיך און גלויבט זיינע אייגענע אויגן ניט — עס ליגט א האַלב ברויט, עטלעכע שפּאַן פון אים, לעבן א הונט און דער הונט רירט זיך ניט צו צו דעם. דאָס ברויט ציט אים, ציט אים, ווי א מאַגנעט ציט עס אים. לאָזט זיך דער לאַגערניק אַראָפּ אויף די קני, כדי די „סטרעלקעס״ זאָלן אים ניט באַמערקן און אויף אַלע פיר, אַליין ווי א הונט, קריכט ער צום ברויט. צוגעקראָכן, שטעלט ער זיך אָפּ א ווײַלע. דער הונט דרייט מיט פוילקייט אויס דעם קאָפּ צום לאַגערניק און זיין אויג, דאָס אָפענע, איז שוין מער ניט רויט.

דער לאַגערניק שטרעקט אויס זיינע פינגער צום ברויט. שטרעקט זיי אויס, כאַפּט צוריק און שטרעקט זיי ווידער אויס און דערביי לאָזט ער ניט אַראָפּ די אויגן פונעם הונט. דער הונט אָבער ליגט זיך ווייטער רואיק אויף זיין אָרט. ער קערט אָפּ דעם קאָפּ אויף צוריק צום שייטער און שפּאַרט אים ווידער אָן אויף די לאַפּעס און לאָזט אַרונטער די וויעס איינצודרימלען. דאָ אָבער, באַווייזט זיך א „סטרעלאָק" און מיט א פוס פאַרפאַרט ער אין הונטס בויך אַריין:

— פאַרשיווע צויג דו, מען נעמט דיר צו דאָס ברויט און דו שווייגסט!

דער הונט גיט א צאַפּל, א ווי און א שפּרונג — — — דער לאַגערניק באַווייזט ניט רעכט א געשריי צו טאָן — — —

ביי דער זייט אויפן שניי פורעמט שוין דער פראָסט זיין צווייטע סקולפּטור. און די זעגן האָבן אויסגעשאַרפטע ציינער, זעגן זיי די ביימער אויפדאָסניי.

דער טאָג איז אַזאַ, אַזוי ווי ער וואָלט אינגאַנצן ניט געווען. קיין שום צייט אין אים, זעט זיך ניט אָן. פון אינדערפרי ביז ווייט נאָכמיטאָג ציט זיך אָן איינטאָניקע, מוטנע גרויקייט וואָס מישט זיך אויס מיט ערב־נאַכטיקע טונקלענישן און ווען די נאַכט קומט אָן, פילט מען כמעט ניט דעם איבערגאַנג.

די לאַגערניקעס נעמען זיך סטראָיען אין קאָלאָנעס. צו זעקס אין א ריי, אין די באַראַקן צו גיין. ס׳זעט גיכער אויס ווי א וואָלד וואָלט זיך געגרייט אין וועג אַריין.

אויפן שניי האָט דער פראָסט צוויי סקולפּטורן פאַרענדיקט.

א טאָג אַזאַ מאָדנער...

צו קיין שום זאַך אויף דער וועלט האָט מיך אַזוי ניט געצויגן, ווי פאָרן צו גאַסט צום פעטער בעריש. איינמאָל האָט מיך די מאַמע געהאַט מיטגענומען אַהין, דעם פעטערס שטוב איז אַזוי אַנדערש געווען פון אונדזער שטאָטישער וווינונג: דער גרויסער אויוון ווו מען האָט געבאַקן ברויט און חלות אויף שבת, ווו מען האָט געקאָכט אין גרויסע ליימענע און טשוגונענע טעפּ. דאָס שלעפן וואַסער פון פּלומפּ אין הילצערנע עמערס, די בליך־לעמפּ, די געשייערטע פּאַנעץ, דעם לאַנגן פּראָסטן טיש מיט די בענק אַרום אים, די בילדער אויף די ווענט פון משה רבנו און אהרון הכהן, דער זייגער מיט די נאָכהענגענדיקע געוויכטן.

ניט ווייט פון דער שטוב האָט דער פעטער געהאַלטן א סאָד אין אַרענדע. א סאָד פון פלוימען, ווײַנשל און קאַרשן. געווען איז דאָרט א בודקע און ביים פריערדיקן באַזוך, ווען די מאַמע האָט מיך געהאַט מיטגענומען, איז מיר באַשערט געווען איבערצולעבן אומזיסטע שרעק. כ׳בין דאָרט, אין דער בודקע, איינגעשלאָפן און ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען פאַרנאַכט. אין דער בודקע האָבן זיך גענומען מערן די שאָטנס. זיי זענען פון מינוט צו מינוט געדיכטער געוואָרן. די שטריק, וואָס זענען געהאַנגען אויף די ווענט, די אייזערנע שטאַנגען, די האָלצערנע דרענגער און די גרין־געפלאָכטענע אויבסט־קוישן האָבן זיך אַרומגעדעקט מיט חושך. מען האָט זיי מער ניט אַנגעזען. דער פּחד האָט ווי פאַרפרוירן מיין גוף. כ׳האָב ניט געוואַגט זיך א ריר צו טאָן. ס׳האָט זיך פון דרויסן געהערט א שאָרכן, א סקראָבען, א קנאַקערײַ. הינט האָבן זיך ערגעץ אַרומגעיאָגט און געבילט. די ווענט פון דער בודקע האָבן שטיל אונטערגעציטערט און דער שטרויענער דאַך האָט זיך ווי געהויבן. עס האָט זיך מיר

אויסגעדוכט, אַז באַלד וועט עמעץ דעם דאַך אַראָפּרייסן און די ווענט פאַנאַנדערבלאָזן. אָט די איבערלעבונג האָט זיך מיר גוט פאַרקריצט אין זכרון, נאָר טראָץ אַלעם האָט מיך געצויגן אַהין און ווען דער פעטער בעריש איז צו אונדז געקומען, האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיך ווידער מיטנעמען צו אים אין שטעטל אַריין. דער פעטער האָט גוטמוטיק א שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— וואַרט מיין מיידעלע, וועסט אַביסל אונטערוואַקסן, וועלן מיר דיך מיטנעמען.

עס האָט מיך פאַרדראָסן וואָס דער פעטער האַלט מיך פאַר ניט גענוג גרויס, אַז כ׳זאָל קאָנען פאָרן אָן דער מאַמען. כ׳האָב זיך ניט געריכט אויף אַזאַ אָפּזאָג פון דעם גוטן פעטער.

**
*

איינמאָל איז דער פעטער ווידער צו אונדז געקומען און זיך פאַרהאַלטן לענגער. ער איז געווען אויפגעהייטערט. די באָרד האָט אויס־געזען אויסגערוט און זי איז געלעגן פאַרקעמט און צוגעשוירן. ער האָט פאַרגעסן אין זיין געוווינהייט צו צוקן מיטן רעכטן אַקסל. געגעסן האָט ער ניט כאַפּ־לאַפּ. אויך דאָס בענטשן איז געווען בהרחבההדיקער. האָב איך מיר א טראַכט געטאָן: אפשר וועל איך היינט אויסזען גרעסער אין פעטערס אויגן און ער וועט מיר ניט אָפּזאָגן, ווען כ׳וועל אים בעטן מיטצופאָרן? און אַזוי איז טאַקע געווען: אַז כ׳האָב אים ניט דרייסט א בעט געטאָן, האָט ער מיך ווייך אַרומגענומען, צוגעצויגן צו זיך און ליבלעך געענטפערט:

— קום מיין קינד, ברויט מיט קאַרטאָפל האָב איך, וועסטו אויך ניט הונגערן.

געפאָרן איז מען ניט מיט קיין באַן און ניט מיט קיין אויטאָ, נאָר מיט פערד און וואָגן. געשלעפּט האָט מען זיך א גאַנצע נאַכט. דער גויאישער אָנטרייבער האָט זיך גאָרניט געקימערט וועגן די פערד. ער

האָט לויז געמאַכט די לייצעס און געלאָזט די פּערד זינקען אין דער פינצטערניש און אויסשמעקן מיט די מאָרדעס דעם וועג צווישן די ביימער.

מיטן שפּראָץ פון טאָג זענען מיר אָנגעקומען אין שטעטל און פאָרפאָרן צו פעטער בערישעס שטוב. די לאָדן זענען נאָך געווען פאַרשפּאַרט, אָבער אינעווייניק האָט מען זיך שוין געפּאָרעט. באַלד האָט זיך געעפנט די טיר און די מומע גענענדל מיט די צוויי קוזינעס זענען אונדז אַנטקעגנגעקומען מיט א ברייטן „גוט מאָרגן". די מומע גענענדל האָט אַרויסגעהאָלפן דעם פעטער אין דער פּרנסה. זי האָט געפירט אַן אַריינפאָרהויז און אין דעם פרימאָרגן פון מיין אָנקומען האָט מען זיך באַזונדערס צו עפּעס געגרייט. געוויינטלעך אין אַזעלכע פריע שעהן זענען נאָך די געסלעך אויסגעליידיקט. טיר און טויער אָפּגעשלאָסן. פון די דעכער קאַפּעט די ראָסע און אויף די דעכער דרימלען נאָך די קוימענס. הענער גיבן דאָ און דאָרט א קריי און ס'הערן זיך איינצלנע טריט פון זקנים וואָס גייען צום ערשטן מנין. אָבער אין דעם פרימאָרגן האָט זיך שוין גערודערט. מ'האָט אַרומגעשמייעט, מען האָט שנעל גערעדט און שנעל געגאַנגען. יידן, יידענעס און קליינע קינדער האָבן עפּעס געטראָגן, עפּעס געבערנגט און אַלץ אויף קולי־קולות, כאָטש די זון איז נאָך רעכט ניט געהאָט אויפגעגאַנגען.

די מומע האָט מיר בחיפזון דערלאַנגט אָפּצועסן און זיך פאַרענטפערט, אַז זי האָט ניט קיין צייט, ווייל ס'דאַרף זיין אין שטעטל א יריד און זי איז ממש אַנטלאָפן. דער פעטער האָט א דאַוון געטאָן, עפּעס טועם געווען און איז אויך פאַרשוווּנדן. איך בין געבליבן איינגאַנצן אַליין. בין איך אַוועק אין סאָד אַריין. די גראָזן אין סאָד זענען געווען נאַס. א פּיקהאָלץ האָט ערגעץ נאָענט געפּיקט אין א בוים, א קוקאַווקע האָט אים אָפּגעענטפערט. די בלעטלעך אויף די ביימער האָבן קוים, קוים זיך באַוועגט. די זון האָט זיך באַוויזן, נאָר זי האָט נאָך ניט געוואַרעמט. אירע שטראַלן האָבן זיך געגליטשט איבער די פייכטע הייטלעך פון די בלויע פלוימען און דורכגעלויכטן די רויטלעכע קאַרשן. די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט א ריח פון רומיאַנעק און פון האָניק. כ'האָב אָפּגעריסן צוויי פּאָר קאַרשן

צוזאַמען מיט די שטענגלעך און זיי זיך אַנגעהאַנגען אויף די אויערן. די שיך און זאָקן זענען דורכגעווייקט געוואָרן פון דער ראָסע. ס׳איז מיר קאַלט געוואָרן. בין איך צוריקגעגאַנגען אין שטוב אַריין. אין שטוב האָב איך זיך אַרומגעדרייט ווי אַן איבעריקע. האָב איך געפרעגט מיין פעטערס צווייטע גרויסע טעכטער, מיינע קוזינעס, וואָס איינע האָט פאַרגרייט קוואָס און די אַנדערע — הערינג, וואָס איז דאָס אַזוינס א יריד, וואָס אַלע איילן זיך אַזוי צו אים? וואָס טוט מען אין א יריד און דער עיקר, וואָס וועל איך דאַרפן טאָן? און צוגעגעבן, אַז כ׳וואָלט אויך עפּעס געקאָנט העלפן, ווען זיי זאָגן מיר נאָר וואָס. די קוזינעס האָבן מיר ניט געענטפערט. צו דער מומען, וואָס האָט געבאַקן בייגל, האָב איך ניט געוואָלט צוגיין און צום פעטער וואָס איז צוריקגעקומען א פאַרסאָפּעטער מיט א גרויסן פּאַק און איז גלייך אַרויס אויפן הויף האַקן האָלץ — אַוודאי ניט. בין איך צו צו חיקען, די עלטערע קוזינע, איר א שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל און געפרעגט.

— חיקע, וואָס דאַרף איך טאָן ווען דער יריד וועט קומען?

חיקע האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פון די ציבל, וואָס זי האָט אַריינגעבראָקט אינעם הערינג און שנעל אָפּגעענטפערט:

— מען דאַרף אויסצוואַגן דעם קאָפּ און זיך אַריינשטעלן אין פענצטער — און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

**
*

אויף צומאָרגנס, ווען כ׳בין אַרויסגעקומען אויפן מאַרק־פּלאַץ, האָט זיך שוין דאָרט געררודערט. א געדראַנג און א שטופּעניש. א גערעדעריי און א פּאַכען פון הענט. די פּויערים זענען געשטאַנען ביי זייערע וועגענער ווער מיט א שטרוי צווישן די ציינער און ווער האָט בנעימותדיק געפּיפּקעט זיין פּייקע. זיי האָבן געקוקט אויף די יידן וואָס טאַפּן אויס די קעלבער, בלאָזן פאַנאַנדער די פעדערן ביי א הון. דערוויטערן זיך, קומען צוריק און פרעגן אויפסניי דעם פּרייז. די פּויערים האָבן געמאַכט דעם אַנשטעל

ווי זיי איילן זיך גאַרניט מיטן פאַרקויפן דאָס געפליגל, די ערדענע טעפּ סמעטענע, די פּוטער געוויקלטע אין גרינע בלעטער, די זעק קאַרטאָפל און ווייץ. די יידן ווידער האָבן געמאַכט א מינע ווי די סחורה איז זיי גאַרניט אַזוי געפעלן און אַז ניט ביי דעם, וועט מען עס ביי א צווייטן קויפן ביליקער. מען האָט אָפּגעדונגען א גראָשן, צוגעלייגט א גראָשן און מען האָט איינגעהאַנדלט מציאות. אַז ביידע צדדים זענען געווען צופרידן האָט מען זיך געפּאַטשט אין די דלאָניעס אויף הסכמה. דער ייד האָט הויך אויפן קול אויסגעציילט דעם סכום. דער פּויער האָט אויף זיין גויאיש לשון איבערגעציילט און דאָס געלט גלייך אַוועקגעגעבן דער פּויערטע, וואָס איז געזעסן אויפן וואָגן. די פּויערטע האָט דאָס געלט פאַרוויקלט אין א טיכל און עס פאַרשטעקט אין בוזים.

דער פעטער האָט מיר אָנגעזאָגט צו קומען עסן, אָבער ווער האָט דאָס אין זינען געהאַט ? כ׳האָב זיך באַגנוגנט מיט צוויי עפּל וואָס א יידענע האָט מיר געגעבן פאַר אָפּהיטן איר דעם געשטעל מיט שניט־סחורה, ווען זי האָט באַדאַרפט אַוועקגיין אויף א פּאָר מינוט. כ׳האָב גאַרניט געפילט ווי די צייט לויפט. כ׳האָב ניט געוווּסט אויף וואָס פריער צו קוקן. ס׳זענען געווען געשטעלן פון פינגערלעך, שפּיגעלעך, קרעלן און בראַשקעס, איז עס מיר גאָר געפעלן. ניט ווייט אָבער האָט מען פאַרקויפט קוכנס, קיכלעך, בולקעס, ציקערלעך, האָט עס ניט ווינציקער געדרייצט.

ביי טייל סטראַגאַנעס זענען אויף דרענגלעך געהאַנגען בונטע קליידלעך פאַר דערוואַקסענע און פאַר קינדער, קאָפּ־טיכלעך, פּאַטשיילעס, סטענגעס, טוכענע הויזן פון טונקעלן קאָליר, אַלערליי שיך און שטיוול. אַרום די סטראַגאַנעס האָבן זיך געשטופּט שיקסעס און שקצים. א ווינטל האָט זיך אַרונטערבאַקומען אונטער א הענגענדיק קליידל און עס אויפגע־בלאָזן. דאָס קליידל האָט עטלעכע מינוט געמיגניעט מיט א שלל פון קאָלירן. מיין האַרץ האָט מיטגעפלאַטערט מיטן קליידל. כאַטש נעם רייס עס אַראָפּ פונעם דרענגל און אַנטלויף...

ווען די שאָטנס פון די וועגענער און פון די סטראַגאַנעס האָבן זיך גענומען אויסציען און די זון איז פאַרקראָכן צו די שפּיצן פונעם ווייסן

קלויסטער און דער מאַרק־פּלאַץ איז שיטערער געוואָרן, האָט עס מיך דערמאָנט, אַז אויך איך האָב פּיס און אַז די פּיס ברעכן זיך פון מידקייט. גייענדיק אין דער ריכטונג פון פּעטערס הויז האָב איך דערזען אויף דער ערד זיך וואַלגערן א בייטשל קרעלן. רויטע, קיילעכדיקע קרעלן. האָב איך עס אויפגעהויבן און זיי האָבן גאָר שיין זיך געפּאַסט צו די גרינע, זיידענע לענטקעס אין מיינע צעפּלעך. כ׳האָב זיך אַזוי געפרייט מיט די קרעלן, אַז עס האָט מיך געהויבן פון אָרט. כ׳בין געגאַנגען און אונטערגע־טאַנצט. כ׳האָב זיי אויסגעטאָן און אָנגעטאָן, געגלעט און געפּוצט, אַז קיין שטויבעלע זאָל אויף זיי ניט בלייבן.

***

ווען כ׳בין אָנגעקומען צום פּעטער, האָב איך די שטוב ניט דערקענט. פרעמדע מענשן זענען דאָרט געזעסן. פּויערים, פּויערטעס און צווישן זיי אויך עטלעכע יידן געקומענע פון דער ווייט. עס האָט זיך געהערט א מליאַסקעריי פון ליפּן, געלעכטערס, אָפּגעריסענע רייד. די מומע געגענדל מיט די צוויי קוזינעס האָבן כסדר אונטערגעטראָגן פאַרשיידענע מאכלים און משקה צו דעם לאַנגן טיש. זייערע פּנעמער האָבן געגלאַנצט פון שווייס און געפלאַמט פון מידקייט. דעם פּעטערס פּנים איז געווען פאַרשפּיצט און געלבלעך. דער רעכטער אַקסל האָט ביי אים געצוקט שטאַרקער ווי שטענדיק. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אָט באַלד פאַלט ער אַוועק און חלשט. מען האָט טאַקע געקאָנט חלשן, ווייל דער ריח פון בראָנפן און מאַכאָרקע האָט געשטיקט אין האַלדז. כאָטש די פענצטער זענען געווען צעעפנט איז דער רויך געהאַנגען אין דער לופט ווי מען וואָלט וועש געקאָכט. ס׳איז נאָך געווען גענוג ליכטיק, אָבער עס האָבן שוין געברענט די בליץ־לעמפּ, ווי להבדיל פרייטיק צו נאַכטס. בין איך מיר פאַרקראָכן אין א ווינקל, געזעסן א שווייגנדיקע, אַן אויסוואַרטנדיקע. צום סוף איז עס מיר נמאס געוואָרן און פּונקט ווי כ׳בין אומבאַמערקט אַריינגעקומען, אַזוי אומבאַמערקט בין איך צוריק

אַרויס. פון גאַס בין איך ווידער אַוועק צום מאַרק־פּלאַץ. עפּעס האָט מיך צוריקגעצויגן אַהין. כ׳האָב זיך געאײַלט ווי כ׳וואָלט מורא געהאַט, אַז כ׳קאָן וואָס פאַרשפּעטיקן.

⁂

די זון איז שוין געהאַט פאַרגאַנגען, אָבער א רויטקייט איז נאָך געלעגן אויפן הימל. דעם מאַרק־פּלאַץ האָב איך שוין געטראָפן א פּוסטן, א פאַרוואָרלאָזטן. א פאַרנאַכטיקער ווינט האָט געריסן און געטרייסלט מיט די אויף גיך צונויפגעקלאַפּטע סטראַגאַנעס און געשטעלן און טייל פון זיי אײַנגאַנצן אומגעוואָרפן. עס האָבן זיך געהויבן אין דער לופט און אַרומגעווירבלט שטרוי, פעדערן און שטיקער אויסגעשמעלצטע צייטונג־פּאַפּירן. מחנות שוואַלבן האָבן זיך נידעריק אַרומגעיאָגט און אַרויסגעלאָזן בהלהדיקע צוויטשערייען.

ס׳איז געוואָרן אײַנגאַנצן פינצטער. אויפן מאַרק איז אויסער מיר קיינער ניט געווען. האָב איך זיך א ריס געטאָן און אַנטלאָפן. די שײַנען פון די אָנגעצונדענע לעמפּ אין די שטיבער האָבן מיך נאָכגעיאָגט.

ווען כ׳בין אַרײַן אין שטוב איז שוין ניט געווען קיין סימן פון די פּויערים, וואָס זענען א גאַנצן טאָג אַרײַן און אַרויס. די מומע גענענדל איז געזעסן אין א ווינקל, אויף א נידעריק בענקעלע און זיך געווייקט די פיס אין א שיסל וואַסער. דער דיל איז געווען אויסגעשייערט און נאָך פײַכטלעך. די בענק זענען געלעגן אויפן טיש איבערגעקערטע מיט די פיס אַרויף. פון די דריי בליך־לעמפּ האָט נאָר איינער געברענט. די אַנדערע צוויי זענען שוין געווען פאַרוקט אויף דער פּאָליצע נעבן דער מומעס פיר מעשענע שבת־לײַכטער.

אַזאַ מאָדנער טאָג געווען. אָנגעהויבן האָט ער זיך מיט רעש און אימפּעט און געענדיקט — אַזוי שטיל. כ׳האָב געהערט דאָס קלאַפּן פון מײַן האַרץ. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז כ׳האָב עפּעס פאַרלוירן, אַז מען האָט בײַ מיר עפּעס צוגענומען. כ׳האָב אַליין ניט געוווּסט וואָס, נאָר עס האָט זיך מיר געוואָלט וויינען.

דער זייגער

זייגערס.

פולע ווענט מיט זייגערס.

א גאַנצן מעת־לעת האָבן זייגער־קלאַנגען אָנגעפילט די שטוביקע לופט פונעם געוועלבל. לאַנגע יאָרן אַזוי. עס האָט זיך גאָרניט געביטן.

אַז כאַצקל זייגערמאַכער וויל זיך עפּעס דערמאָנען, זענען עס — זייגערס. אָט די זייגערס האָבן שוין זיין מאַמען צוגעהאָלפן מיט זייער טיק־טאַקעווען אים צו פאַרוויגן, ווייל בלויז א הילצערן ווענטל איז געווען די מחיצה, וואָס האָט אָפּגעטיילט שטוב פון געוועלב. אויסטערליש איז פאַר אים געווען די וועלט פון לויפנדיקע אומרוען, פון קייט און קייטלעך, ציפערבלעטער און ווייזערס. א וועלט פון אַלערליי קלינגערייען און אין איר איז ער געוואַקסן.

איצט, אויף דער עלטער, האָט ער שוין מער ניט געהערט די זייגער־לויפערייי, פון יאָרן לאַנג טויב געווען. עס האָט זיך אים אָבער אויסגעדוכט, אַז ער הערט זייער געאייל אין זיך.

קיין סך אַרבעט האָט כאַצקל שוין ניט געהאַט. זעלטן האָט מען געבראַנגט עפּעס צו פאַריכטן און אויב עס איז ווער געקומען, איז עס געווען פון די אַלטע באַקאַנטע, גוטע פריינט, וועלכע האָבן נאָך ביי זיין טאַטן פאַראַכטן זייגערס. זיי האָבן שוין פון לאַנג ניט געוווינט אין געסל, רייך געוואָרן, זיך איבערגעצויגן אין ברייטערע גאַסן, גרעסערע הייזער, נאָר פון געוווינהייט האָט עס זיי נאָך אַהערגעצויגן.

די זייגערס אין כאַצקלס געוועלבל האָבן געקלאַפּט, געקלונגען און געגאַנגען זייער צייט־וועג. אַמאָל האָט א רעגן געפּלייצט איבער די שויבן פון געוועלב־פענצטער, אַן אַנדערש מאָל האָט א שניי זיך ווייך אַרומגעלייגט.

ס׳האָט געטראָפן, אַז די זון האָט פאַרבלאָנדזשעט אינעם געסל, האָבן ברעקלעך שטראַלן אויך צו כאַצקלס פענצטער דערגרייכט און די זייגערס האָבן געקלאַפּט, געקלונגען און געגאַנגען זייער צייט־וועג.

שעהן האָבן זיך אין יאָרן פאַרביטן.

***

דאָ אַנומלט האָט זיך עפּעס אַן עלטערער מענטש אָפּגעשטעלט פאַרן געוועלבל. כאַצקל האָט קיין באַזונדערן אַכט ניט געלייגט אויף דעם, ווייל ער איז געוווינט געווען מען זאָל אַריינקוקן אין זיין פענצטער צו זען ווי שפּעט עס איז. דער מאַן איז געשטאַנען א לאַנגע צייט און צום סוף האָט ער אַריבערגעטרעטן די שוועל. רייך געקליידעט איז ער געווען און פון די שיינע קליידער האָט זיך שאַרף אַרויסגעהויבן פון דער פּלייצע א הויקער.

כאַצקל האָט זיך איינגעגריבלט מיט זיינע בליקן אין דעם פרעמדנס געזיכט. דערנאָך האָט ער זיינע אויגן אַריבערגעטראָגן צו דער קרומער פּלייצע און צום סוף דערשטוינט אויסגערופן:

— אלי, ביסט צוריקגעקומען?!

דער עלטערער מענטש האָט זיך געחידושט און אַנשטאָט אַן ענטפער, א פרעג געטאָן:

— האָסט מיך טאַקע אויף אַן אמת דערקענט?

— רעד העכער, איך הער ניט!

האָט כאַצקל נענטער צוגעבויגן זיין אויער צום אַריינגעקומענעם.

— האָסט מיך דערקענט?

— אַוודאי, זעסט דאָך!

— און איך, דיך — ניט. האָסט זיך שטאַרק געעלטערט. דערקענט האָב איך דאָס געוועלבל, די זייגערס.

דער אַריינגעקומענער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט מיטן בליק איבער די ווענט:

— קוק, כאַצקל, דאָרט אין ווינקל אַריין, זעסט?! עס הענגט נאָך

דער זייגער פון וועלכן כ׳האָב אַמאָל, ביים שפּילן זיך אָפּגעריסן א קייטל מיט א געוויכט. דער זייגער איז דעמלט שטיין געבליבן. זעסט, דאָס קייטל פעלט און דער זייגער שטייט נאָך אַלץ...

— אלי, וואָס מורמלסטו?

האָט אים כאַצקל איבערגעריסן די רייד און זעענדיק ווי אלי האָט זיך פאַרקוקט צום ווינקל, ווו עס איז געהאַנגען א צעבראָכענער זייגער, איז א שטראַל פון דערמאָנונג אויפגעגאַנגען אין כאַצקלס פאַרוואָסערטע אויגן:

— געדענקסט! דאָס איז דאָך דיין שטיקל אַרבעט. איך האָב דעמלט געקראָגן קלעפּ פונעם טאַטן צוליב דיר. דער טאַטע האָט געפאָדערט פון דיין פאָטער, דעם פאַן דאָקטאָר, ער זאָל באַצאָלן פאַרן שאָדן, נאָר דיין פאָטער האָט ניט געוואָלט הערן דערפון.

— יאָ, איך געדענק, איך געדענק.

— ווו ביסטו דאָס פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַזויפיל יאָרן? האָסט צו קיינעם ניט געשריבן. אפילו צו דיינע עלטערן ניט. האָסט זיי פאַרשאַפט א סך עגמת־נפש. דער פאַן דאָקטאָר, דיין טאַטע, איז געווען א פאַרשלאָסענער מענטש, א שווייגער, נאָר זייער א גוטער דאָקטאָר. דיין מאַמע איז געווען אַן איידעלע פרוי, א צוגעלאָזענע. ניט געשעמט זיך צו פאַרפירן א שמועס מיט א פּראָסטן חי־וקים און עמעצן א טובה טאָן איז זי געווען פון די ערשטע. א ליכטיקן גן־עדן זאָל זי און דער פאַן דאָקטאָר האָבן. דו האָסט זיי פאַרקירצט די יאָרן מיט דיין פאַרשווינדן. בלייבסט אין געסל, אָדער קלייבסט זיך ווידער אַוועקפאָרן?

— יאָ, כ׳בלייב שוין דאָ. איך בין צוריקגעקומען און כ׳נעם איבער די אַפּטייק. די ירושה פון טאַטע־מאַמע.

דאָס געשפּרעך האָט זיך איבערגעריסן. די באַגעגעניש מיט אלין האָט כאַצקלען אַזוי איבעראַשט, אַז ער האָט אים אַפילו פאַרגעסן בעטן זיך צו זעצן און ווען ער האָט עס געטאָן, האָט יענער אָפּגעדאַנקט און זיך אַוועקגעלאָזט צום אַרויסגאַנג.

אַריבערגייענדיק פון איין טראָטואַר צום צווייטן האָט אלין זיך אויסגעוויזן, אַז ער הערט די טיקטאָקן פון כאַצקלס זייגערס. דאָס האָט אים דערמאָנט יענעם ווייטן, ווייטן אויפדערנאַכט ווען כאַצקל האָט אים אַריינגענומען אין געוועלבל. כאַצקלס טאַטע, מענדל, איז ניט געווען אין דער היים. דורך די שפּאַרונעס פונעם הילצערנעם וועגטל האָבן זיך אַדורכגעריסן רויטלעכע פּאַסן — אַן אָפּשיין פונעם אויוון, ווו כאַצקלס מאַמע האָט געקאָכט וועטשערע.

אין געוועלבל איז געווען פינצטערלעך און די זייגערס: טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק, טיק, טיק.

אלי האָט זיין חברס פּנים ניט דייטלעך אָנגעזען, נאָר פלוצעם האָט ער דערהערט זיין שטים:

— קום, לאָמיר זיך שפּילן אין באַהעלטעניש!

און ניט וואַרטנדיק אויף אליס הסכמה האָט ער פון ערגעץ א ווינקל אַרויסגעשריען:

— זוך מיך!

אלין איז באַפאַלן א מורא, האָט זיך ניט געקאָנט א ריר טאָן פונעם אָרט. אומגעריכט האָט פון א זייגער, וואָס איז געהאָנגען איבער אים, זיך א טירעלע צעעפנט און עס איז עפּעס פון דעם אַרויסגעשפּרונגען. דאָס „עפּעס" האָט עטלעכע מאָל א טרילע געטאָן, צוריק פאַרשוווּנדן און ווידער אַרויסגעשפּרונגען. דעמלט איז דאָס געשען. אלי האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס ער טוט, עס איז געהאָנגען א קייטל, האָט ער עס א שלעפּ געטאָן...

אויף צומאָרגנס איז געקומען דאָס אומגליק מיט דער האַנט. ער האָט געוואָלט אַריבערקריכן א הויכן פּלויט, זיך אויסגעגליטשט, אַראָפּגעפאַלן און אויסגעקרומט די האַנט־לאַפּאַטקע...

***

ווען די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון די דעכער אין געסל אַריין, האָט אלי גיך די לאַדנס פון זיין אַפּטייק אַרונטערגעלאָזט און אַריבערגעגאַנגען צו כאַצקלען. ער טוט עס כמעט יעדן אָוונט. ביי כאַצקלען איז אַלץ היימיש,

אַלץ — דערמאָנונג. נאָר, אַז זיין אויג טוט אָנטרעפן דעם זייגער, וואָס הענגט פאַרשפּינוועבט און גיט זיך ניט קיין ריר, פאַרכמורעט זיך זיין בליק.

כאַצקל איז צופרידן וואָס אלי קומט צו אים אַזוי אָפט. בייטאָג ווי בייטאָג, נאָר ביינאַכט איז זייער אומעטיק צו זיין אַליין. פון זינט זיין פרוי איז אים אָפּגעשטאָרבן, האָט מען ווי אין אים פאַרגעסן. וואָלט כאָטש א קינד געבליבן. איז אָבער זיין זלאַטע אַן עקרה געווען. אַזוי איז מסתם אָנגעצייכנט געוואָרן מן השמים. וואָס קאָן שוין העלפן דאָס באַקלאָגן זיך? איז גוט וואָס אלי קומט צו אים. אפילו ווען אלי שווייגט איז דאָך פריילעכער ווי צו זיין אַליין. כאַצקל פּרוּווט איבערייסן אליס לאַנגע פאַרטראַכטקייט:

— אפשר א הייס גלעזל טיי?

— נייך, טרינק אַליין.

אלי האָט זיך אונטערגעהויבן און פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום פענצ־טער. פון יענער זייט שויבן האָט געטריפט א שיטער רעגנדל. דאָס געסל איז געווען פוסט. די פלעמלעך פון די גאַסן־לאַמטערן האָבן זיך געטוקט. א שילדל האָט געסקריפּעט. ערגעץ ווייט האָט ווער הויך פאַרקלאַפּט א טיר. פון עפּעס א פענצטער האָט מען געהערט א קינד וויינען.

אלי איז געשטאַנען און זיך צוגעהאָרכט צו די קולות און קלאַנגען וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער נאַכט אַרויס. ער האָט זיך אָפּגעקערט פונעם פענצטער. כאַצקל איז געזעסן, הויך געזופּט טיי פון א טעצעלע, און צוגעביסן שטיקלעך צוקער. די זייגערס אויף די ווענט האָבן אונטער־געהאַלטן צווישן זיך זייער אייליק גערעדעריי.

אלי האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן כאַצקלען, זיך א ווײַלע געקווענקלט און צום סוף זיך אָנגערופן:

— כאַצקל! ביזט דאָך א זייגערמאַכער. פאַריכסט זייגערס. ווייסטו דאָך, אַז ווען איין רעדעלע פאַרהאַלט זיך, קאָנען די אַנדערע זיך ניט דרייען. זעסט? — האָט אלי א פיר געטאָן מיטן פינגער צום ווינקל, ווו דער צעבראָכענער זייגער איז געהאָנגען, — איך האָב זיך אַליין אָנגעצייכנט מיין גורל.

— אלי, העכער, וואָס זאָגסטו, וואָס?!

איז כאַצקל אַריינגעפאַלן אים אין די רייד, אַנגעמענדיק זיין האַנט.
— איך האָב געזאָגט — האָט אלי אויסגעשריען — אַז עס איז
שפּעט און מען דאַרף שוין גיין! — — —

דער געקוילעטער האָן

דאָס ייִנגעלע האָט געזען ווי פאַרנאַכט ביי דעם הילצערנעם פּלויטל, האָט מען געשאָכטן א האָן. דעם האָנס פליגלען זענען געווען צונויפגעדרייט, אָבער דער האָן האָט זיך געריסן פון די הענט און זיך געוועדט קעגן דעם מעסער־בלאַנק מיט די פיסלעך און מיט ברעקלעך אָן־אָטעמדיקע געשרייען. אינמיטן שניידן האָבן זיך דעם האָנס פליגלען פלוצעם פאַנאַנדער־געריסן און ער האָט א שפרונג געטאָן מיטן אויפגעשניטענעם האַלדז אויפן פלויטל אַרויף, פונעם פלויטל אויף א צווייגל און פונעם צווייגל אויפן גראָז.

דאָס ייִנגעלע האָט געזען ווי דער האָן איז געלאָפן און געפאַלן, ווידער געלאָפן און ווידער געפאַלן, און ווי ער האָט זיך צוגעגעבן כוח מיט די פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגלען און ווי אַזוי דער האָן איז דערלאָפן צו דעם ניט ווייטן בערגל. און ער האָט געזען ווי אויפן בערגל האָט זיך דער האָן איבערגעקערט און מיט די נעגל־שאַרפן דעם הימל פאַרשטאָכן. און דער הימל איז פון יענער זייט בערגל מיט רויטקייטן פאַרגאַנגען. איז דאָס ייִנגעלע צו דער מאַמען געלאָפן:

— מאַמע, דאָס הענדעלע האָט דעם הימל מיט זיין בלוט פאַרפלעקט!

איז די מאַמע מיטן ייִנגעלע פאַר דער טיר אַרויס און דער הימל איז געשטאַנען אין צונטער פון פאַרגאַנג. האָט די מאַמע ניט געוווּסט ווי אויסצוטייטשן דעם ייִנגעלע דאָס געשעעניש פון שקיעה. און אַזוי ווי זי האָט געזען, אַז דאָס קינד ציטערט מיט א געציטער פון שרעק, און אַזוי ווי זי האָט דאָס קינד באַרואיקן געוואָלט, האָט זי אים אַזוי געזאָגט:

— דאָס הענדעלע איז שוין אין הימל אַרויף. דאָס הענדעלע איז

שוין אויסגעלייזט פון אַלע וויטאָקן. אין הימל איז אים גוט. ס'איז דאָ א סך קערנער צו עסן און דאָס העלדזועלע וועט ביי אים ביסלעכווייז פאַרהיילט ווערן. און דאָס בלוט אויפן הימל, וועט א גוטער רעגן אָפּשווענקען. דער הימל וועט צוריק ריין און לויטער ווערן.

האָט זיך דאָס ייִנגעלע איינגעשטילט און שוין וועגן דעם מער ניט דערמאָנט. די מאַמע האָט געמיינט, אַז דאָס ייִנגעלע האָט שוין וועגן אַלעם פאַרגעסן, ווייל ער האָט זיך צוריק אַרומגעשפּילט ווי שטענדיק. אָבער אַז ס'איז געקומען די צייט פון טאָג־פאַרגאַנג, האָט דאָס ייִנגעלע אָוועקגעוואָרפן אַלע שפּילערייען און זיך געטוליעט צו דער מוטער, גאָרניט פרעגנדיק און גאָרניט זאָגנדיק, נאָר זיך געטוליעט.

איינמאָל ביים שלאָפן לייגן האָט ער איר פּלוצעם א פרעג געטאָן:

— ווען וועט שוין קומען א רעגן, מאַמע?

די מאַמע האָט שוין ניט געדענקט די מעשה מיטן האָן און ניט געוווּסט מיט וואָס צוניפּצובינדן דעם קינדס פראַגע. האָט זי אים תמימותדיק אָפּגעענטפערט:

— ווען עס וועט קומען א רעגן ווייס איך ניט, ווייל דער רעגן וווינט אין הימל און דער הימל איז שרעקלעך ווייט!

— האָסט דאָך מיר געזאָגט, אַז דער הימל ליגט אויפן בערגל און דער האָן איז דאָך גלייך פונעם בערגל מיטן אָפענעם האַלדז אין הימל אַריינגעגאַנגען, טאָ פאַרוואָס זאָגסטו איצט, אַז דער הימל איז ווייט? כ'וויל א רעגן, כ'וויל א רעגן!

דאָס ייִנגעלע האָט זיך צעוויינט און ס'האָט לאַנג געדויערט ביז די מוטער האָט אים איינגענומען. און אַז אין איינער א נאַכט איז אַראָפּגעפאַלן א רעגן האָט דאָס ייִנגעלע די מאַמע פון שלאָף אַרויסגעריסן:

— מאַמע, א רעגן, הערסט, א רעגן!

דער רעגן איז געגאַנגען א גאַנצע נאַכט. צום באַגין האָט ער זיך פאַרשטאַרקט, אָבער אין די פריע שעהן פון טאָג — זיך איינגעשטילט. די וואָלקנס האָבן זיך גענומען צעקריכן. נאָך מיטאָג האָט שוין געשיינט א זון און אַלע לוזשעס אויסגעטריקנט. פאַרנאַכט האָט די זון מיט

א רויטן שלעפּ זיך געצויגן צו מערב. איז דאָס יינגעלע ווידער צו דער מוטער געקומען:

— מאַמע, דעם הענדל איז ניט גוט אין הימל. זיין העלדזל בלוטיקט נאָך אַלץ. דער רעגן האָט געשווענקט און געשווענקט און אויפן הימל קומט אַלץ צו מער בלוט. מאַמע, לאָז מיך גיין אין הימל אַריין און גיב מיר מיט דיין קאָפּטיכל, וועל איך דעם האָנס העלדזל פאַרבינדן!

האָט זיך די מאַמע פאַר דעם קינדס רייד דערשראָקן. דאָס קינד אָבער האָט איר ניט אָפּגעטראָטן און געוואַרט אויף אַן ענטפער. האָט זי אים אויף דער שויס גענומען און אַזוי געזאָגט:

— נאַריש, נאַריש קינדעלע מיין. דעם הענדעלע אין הימל איז ווויל און גוט. בעסער נאָך ווי ביים שכן אין ענגן הייפל און דאָס העלדזעלע איז שוין פון לאַנג פאַרהיילט. די רויטקייט אויפן הימל איז ניט קיין פריש בלוט, נאָר דאָס אַלטע, וואָס דער רעגן האָט ניט באַוויזן אָפּצושווענקען, ווייל שווענקען איז צו ווינציק, מען דאַרף א גרויסע שמאַטע טינקען אין אַן עמער און מיט דער שמאַטע דעם הימל וואַשן.

— — — — — — — — — — — — —

ווען דער ערשטער טאָג־שפּראָץ האָט אויפגעשטאָכן איר שווערן שלאָף האָט די מוטער דאָס יינגעלע אין שטוב ניט געפונען. איז זי אַרויסגעלאָפן פאַר דער כאַטע: לעבן ברונעם האָט זיך געוואָלגערט א שמאַטע און טיף אויפן וואַסער־פלאַך פון דעם ברונעם איז אַרומגעשווומען א ליידיקער עמער.

אין א רעגן

ס׳רעגנט, ס׳רעגנט און די רעגן־ווישערס לויפן איבער נאַכטיקער שויב פונעם אויטאָ פון רעכטס צו לינקס, פון לינקס צו רעכטס און שאַרן פאַנאַנדער די וואַסער־טראָפּן.

אויף דער טונקעלער פלאַך פון שויב שיילט זיך אויס א בוים נאָך א בוים. אַזויפילביימער! ניט איבערצוציילן, ניט אויסצומעסטן — א וואַלד.

מיטאַמאָל — דער וואַלד ברענט.

א קליין טראָפּעלע רייסט זיך אָפּ פונעם רעגן־שטראָם און ווערט פאַרפאַלן ביים ברעג פון שויב — אויפן ראַנד פון וואַלד. דאָס איז דאָך איציק, מיין חבר פון הויף, וואָס האָט אויסגעפליקט די האָר פון מיין פערדלס עק און גריווע. האָט אים דער דייטש אָנגעיאָגט?

איבערן בלאָטיקן וועג, וואָס פירט צום וואַלד — צוואַלעוועט א פערד. עק און גריווע אויסגעצופּט.

ס׳איז דאָך מיין הילצערן פערדל, מיט וועלכן כ׳האָב זיך קליינערהייט אַרומגעשפּילט. איך דערקען עס.

— פערדעלע, ראַטעווע איציקן!

די ווישערס — לינקס, רעכטס — פאַרווישט.

אויף דער קילער פלאַך פון שויב שיילט זיך אויס א הויז נאָך א הויז. אַזויפיל הייזער! ניט איבערצוציילן, ניט אויסצומעסטן — א שטאָט.

מיטאַמאָל — די הייזער ברענען.

א שווערדל לויפט אַרום צעדולט אין ברענענדיקן געטאָ פון הויף צו הויף, פון שוועל צו שוועל און קלאַפּט אין פאַרשרפּעטע טויערן.

דאָס איז דאָך מיין הילצערן שווערדל וואָס דער טאַטע האָט פאַר מיר געהאָט אויסגעשניצט אויף פּורים. איך דערקען עס.

— שווערדעלע, ראַטעווע זיי!

א וויש אַהין, א וויש צוריק — פאַרווישט.

אויף דער גלאַטיקער פלאַך פון שויב וואַרפן זיך, בריזגען און שפּריצן אויפגערודערטע וואַסערן פון א שוואַרצן טייך און צו די אַראָפּהאַנגען פון די ברעגעס קומען אַנצולויפן מענטשן. אַזויפיל מענטשן! ניט איבער־צויילן, ניט אויסצומעסטן — א פאַלק.

אינעם צעשוימטן ווירוואַר דערזע איך א שיפל. די מענטשן ביים ברעג באַמערקן עס ניט. נאָך איך זע עס און דערקען. דאָס איז דאָך מיין שיפעלע. דער טאַטע האָט עס מיר געהאַט פון פּאַפּיר געמאַכט.

— שיפעלע, ראַטעווע זיי!

— — — — — — — — — — — — —

דער אויטאָ לויפט. די ליכטער שניידן פּאַסן פייכטן חושך און איבער דער שויב צעשאַרן די ווישערס אין ריטמישן געאייל די טראָפּנס.

די הילצערנע בריק

לעבן א קליין שטעטל וואָס איז זיך געלעגן פאַרוואָרפן צווישן גרינע בערגלעך, איז געפלאָסן אַ שטראָמיק־ביסטרער טייך און דער טייך האָט דאָס שטעטל איבערגעשניטן אויף צוויי טיילן. פון דער אויבערש־טער שטאָט־טייל צו דער אונטערשטער, איז מען צוגעקומען דורך אַ גאָר אַלטער הילצערנער בריק. די בריק איז געווען אַזוי אַלט, אַז דאָס געהילץ איז אַזש שוואַרץ געווען און די סלופעס, אויף וועלכע די בריק האָט זיך געהאַלטן, זענען געווען באַדעקט מיט אַ גרינעם, גליטשיקן מאָך.

ווען מען האָט די בריק אויפגעבויט האָבן אַפילו די עלטסטע לייט פונעם שטעטל ניט געוווּסט צו דערציילן, אָבער דערפאַר האָט מען זיך געשושקעט, אַז ווען עס קומט צוועלף ביינאַכט הייבט די בריק אָן צו קרעכצן, צו זיפצן און צו וויינען און אַז דער טייך עפנט דעמלט זיינע תהומען און ווער סע וואָגט אין דער שעה פאַרבייצוגיין, אָדער פאַרבייצופאָרן די בריק, ווערט געניזוקט און דער טייך פאַרשלעפּט אים צו זיינע טונקעלע אָפּגרונטן.

דעריבער ווען אַ פויער פלעגט ברענגען אויבסט, אַ קעלבל, צי מילכיקס צום מאַרק־טאָג און פלעגט זיך פאַרזאַמען און די שעה איז א שפּעטע געוואָרן, פלעגט ער שוין פאַרבלייבן אין שטעטל אויף נאַכט־לעגער, ווייל ער האָט ניט געוואָלט דאָס לעבן איינשטעלן און די בריק אין די נאַכט־פינצטערנישן אַריבערפאָרן. אויך אַ יידישער דאָרפס־גייער האָט צוגעזען, אַז ער זאָל אין שטעטל באַווייזן צוריקצוקומען איידער די זון זעצט זיך.

סיי די יידן אין שטעטל און סיי די פויערים פון די אַרומיקע דערפער זענען צו דער מורא צוגעוווינט געוואָרן. אַן אַלט־איינגעזעסענע

מורא איז דאָס געווען, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון פאָטער צו זון און פון זון צום אייניקל.

קיינעם איז ניט איינגעפאַלן נאָכצופרעגן זיך און צו פאַרשן צי ס'האָט זיך געפונען ווער, וואָס האָט די בריק ווײַנען געהערט און פון וואַנען עס נעמט זיך דער גאַנצער פחד.

אין שאָטן פון דער הילצערנער בריק זענען קינדער געבוירן געוואָרן און זיך געעלטערט אָבער דער פחד איז שטענדיק געבליבן דער זעלבער.

***

איז געקומען די מלחמה און דער דייטש האָט דאָס לאַנד איינגענומען און אויך צו דער פאַרוואָרפענער געגנט דערגרייכט. האָבן די דייטשן די יידן פונעם שטעטל צונויפגעזאַמלט. אין געטאָ זיי פאַרשפאַרט און זיי געפייניקט. איז זיך אַ שמועה איבער די אַרומיקע דערפער צעגאַנגען אַז די יידן האָבן גרויסע אוצרות אָנגעזאַמלט און אַז די דייטשן וועלן קוקן דורך די פינגער ווען די פויערים וועלן זיך מיט די יידן אָפּרעכענען און זייער פאַרמעגן צונעמען.

די שמועה איז ווי אַ פונק אויף אַ שטרויענעם דאַך אַראָפּגעפאַלן און ווי דער דאַך, האָבן זיך בייזע גלוסטונגען אין די פויערים־הערצער צעצונדן. ס'איז געוואָרן אַ בהלה. די פויערים האָבן געכאַפּט דרענגער, ווידלעס, קאָסעס, אין געאייל די פערד אין וועגענער איינגעשפּאַנט און מיט די ווייבער האָט מען זיך געלאָזט צום שטעטל, די יידישע אוצרות איינצוזאַמלען.

ס'איז געווען אַן ערב־פסח טאָג ווען די פויערישע פורלעך האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין. די הימלען — אויסגעלייטערט, די זון — עפּעס העכער און יינגער. ווו ניט ווו, ביי די זייטן פונעם וועג, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין אַ צווייגל מיט אָנגעדראָלענע קנאָספּן. די ערד — שוואַרץ און פייכט פון די צעגאַנגענע שנייען און איבער דער ערד מחנות שפערבלעך אין ווילדן פלי־געווירבל מיט ספיש־

טשער־פּזמון פון אויפגעוואַכטער וועלט. די וואַסערן פונעם טייך, שוין איינגאַנצן באַפרייטע פונעם אייז־צודעק, האָבן אויסגעזען טונקל־גרין און זיך געבלעזלט מיט ווייסן שוים פונעם האַסטיקן נורט, וואָס האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט ברעטער פון פּלויטן, פאַרזשאַווערטע שיסלען, שטריק, שטיקלעך בלעך און אַפילו גאַנצע ביימלעך, וואָס זענען אונטערגעשווענקט געוואָרן מיט די וואָרצלען. דאָס אַלץ איז געלאָפן מיט אַן אומגעהייערן אימפּעט און די וואַסערן האָבן אויסגעזען, אַז זיי באַגנוגענען זיך ניט מיט אָט די קליינינקייטן, אַז באַלד, באַלד וועלן זיי זיך צעשפּרייטן ווייט פון זייערע ברעגעס און דעמלט וועט שוין זיין וואָס מיטצושלעפּן.

און די פּורלעך זענען געפאַרן.

אויך צו די יידן אין שטעטל איז דער פרילינג דערגאַנגען, אָבער די יידן האָבן געקוקט מיט שטומער פאַרדאַגהטקייט אויף דער פאַרענדערונג, וואָס איז פאַרגעקומען פאַר זייערע בליקן. נאָכן אָפּגיין פון אייז און נאָכן צערונען פון די שנייען, האָבן זייערע הייזלעך אויסגעזען נאָך שוואַרצער און נאָך קרומער און די מיסט־בערגלעך, וואָס זענען אַ גאַנצן ווינטער געלעגן אונטער דעם ווייסן שניי־שלייער, האָבן גענומען זיך צעוואָרעמען און שלעכטע ריחות האָבן זיך איבער די געסלעך אַרומגעטראָגן. די ענגשאַפט אין די הייזער, האָט זיך דווקא אין די טעג פון פרילינג מער געגעבן צו פילן און פון טיפוס־קראַנקהייטן האָבן זיך אָנגעהאַרבט פרישע בערגלעך פון קלעפּיקער שוואַרץ־ערד אויפן אַלטן בית־עולם.

ערגעץ דאָרט אויפן וועג צום שטעטל זענען די פויערישע פּורלעך געפאָרן, אָבער די יידן האָבן נאָך ניט געאָגנט וועגן דעם און זיך געגרייט צו דער סדר־נאַכט. געגרייט זיך מיט וואָס איינער האָט געקאָנט. מען האָט עס געטאָן אָן פרייד און אָן ברען. קיין בעטגעוואַנט האָט מען ניט געלופטערט, קיין שענק זענען ניט געשייערט געוואָרן. אָן רעש, אָן געפּילדער איז אַלץ צוגעגאַנגען און דאָך האָט מען זיך געגרייט.

***

אַ צעביילטער און צעשטאָכענער האָט דער טאָג אויסגעפלאַקערט און געטאָן אַ פאַל אַריין אין די קילע וואַסערן פונעם טייך. דער אוונט,

וועלכער איז געקומען דעם טאָג צו פאַרבייטן, האָט זיך פּאַמעלעך אָנגערוקט און די יידן מער אין די געסלעך ניט געטראָפן. עס האָט זיך גאָרניט אָנגעזען, אַז אין שטעטל איז עפּעס געשען, עפּעס פאָרגעקומען.

די פויערישע וועגענער זענען שוין פול געווען מיט ברייטע, משפּחה־בעטן, ווייכע פּערינעס, שבת־לייכטער, גאַנשערס ווישניק, טעפּ געענדזן־שמאַלץ און מיט אַלערליי קליידער און שטוב־כּלים. די פורן זענען פול געווען, נאָר די גאַסן און געסלעך — אויסגעליידיקט. אויסגעליידיקט פּונקט ווי קיינער וואָלט דאָרט קיינמאָל ניט געלעבט, ניט פאַרבייגעגאַנגען.

מען האָט עפּעס ניט געקאָנט גלאָט אַזוי אַהיימפאָרן נאָך אַזאַ טאָג, אָן אַ שמעק צו טאָן צום פלעשל. האָבן זיך טאַקע די פויערים צונויפּ־געקליבן אין אַ ווייך־שענק. מען איז געווען אי אויפגערייצט, אי פריילעך. קיין גרויסע פאַרמעגנס, ווי זיי האָבן זיך דאָס אויסגעמאָלן, האָבן זיי ניט געפונען, אָבער דאָס וואָס איז יאָ אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, איז אויך געווען גענוג מען זאָל זיך פאַרגינען אַ זופּ צו טאָן אַ גלעזל און אויך אַ צווייטס.

די ברענעדיקע משקה האָט אונטערגעהאַלטן דאָס געמיט און צוגלייך האָט עס אין זיי אַביסל פאַרמעקט די בילדער, וואָס זיי האָבן זיך דעם גאַנצן טאָג אָנגעזען. בגילופענערהייט איז גוט געווען אויפן האַרצן. איינער מיטן אַנדערן האָט זיך געפילט ממש ווי קרובים, איינער מיטן צווייטן האָט זיך געקושט און מען האָט אויפסניי געטרונקען און דערנאָך איז שוין אַזוי וווילע געווען, אַז מען האָט זיך אַזש צעזונגען אויפן גאָר הויכן קול, כאָטש די ווערטער האָבן זיך שוין אַזוי ניט געבונדן. זייערע געזאַנגען האָבן זיך אַריינגעריסן אין די פּוסט געוואָרענע יידישע געסלעך, אָנגעשלאָגן זיך אָן אויפגעריסענע טירן, אָן צעזעצטע פענצטער און אין דער פּוסטקייט זענען זיי פאַרפאַלן געוואָרן.

**
*

די יידן, וואָס האָבן באַוויזן זיך אויסצובאַהאַלטן און אַזוי אויסגעמיטן דעם טויט פון אַ פויערישע קאָסע אָדער ווידלע, האָבן פון זייערע

באַהעלטענישן געהערט די פּויערישע פריילעכקייט און די געזאַנגען, וואָס האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון דער ווייך־שענק. זיי זענען געלעגן אַ גאַנצן טאָג אָן עסן און אָן וואַסער און זיי האָבן זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, אַז די פּויערים זאָלן שוין דאָס שטעטל פאַרלאָזן.

דערווייל איז דער אָוונט אין נאַכט איבערגעגאַנגען. ס'האָט זיך אָנגערוקט די שעה פון סדר־אָפּריכטן און אין די געסלעך איז געווען אײנגאַנצן שטיל. קיין קינד האָט ניט געוויינט, קיין ציג האָט ניט געמעקעט, אפילו קיין ווינט האָט ניט געבלאָזן. וואָס עס האָט זיך יאָ געהערט איז געווען דאָס שיכורע געפּילדער פון דער ווייך־שענק און פון צייט צו צייט די שטיוול־קלאַפּעריי פון אַ דייטשן פּאַטרול. די אימה פאַר די פּויערישע קולות איז געווען שטאַרקער פון דער שרעק פאַר דעם טעמפּן שטיוול־אָפּהילך. איז מען געלעגן פאַרשטעקט און מען האָט אויסגעוואַרט. און די פּויערים, דאָרט אין ווייך־שענק, האָבן זיך גאָרניט געיאָגט, וואָס אַמאָל איז אַלץ לעבעדיקער געוואָרן, אַלץ רעשיקער. מלאַסקעריי פון ליפּן, טופּעריי פון פיס, געלאַכעריי פון וויצן האָבן זיך אויסגעמישט מיט סתם קולות, וואָס זענען געווען ספק געזאַנג, ספק געשריי.

***

די פּויערים זענען שוין גוט באַזויפט געווען, אָבער ניט דער גרויסער וואָנט־זייגער פון דער ווייך־שענק. זיין אומרו איז אַרומגעלאָפן הין און צוריק און זיך ניט געוואַקלט און ניט פאַרגעסן ווי ער האַלט אין דער וועלט, אַליין ניט פאַרגעסן און נאָך אַנדערע דערמאָנט, אַז ס'ווערט שפּעט און אַז וואָס ווייטער וועט אַלץ שפּעטער ווערן. אינדרויסן, אויף די פאַרפולטע וועגענער, זענען געבליבן זיצן די ווייבער אָפּצוהיטן דאָס פאַרמעגן. די ווייבער זענען, יעדע ווילע אַן אַנדערע, געלאָפן אין שענק אַריין זיך בעטן ביי די מענער אַהיימצופאָרן, ווייל זיי ווילן ניט, אַז ס'זאָל זיי אויסקומען נאָך האַלבער נאַכט אַריבערצופאָרן די בריק. די

מענער אָבער האָבן זיך געבייזערט, וואָס מען שטערט זיי און די ווייבער צוריקגעטריבן צו די פורן.

— מיט דער בריק — האָבן זיי געזאָגט — קאָן מען שוין היינט סטראַשען קינדער אין די וויגן.

— היינט, — האָט א פויער געטענהעט אויסדרייענדיק זיך מיט שיכורלעכע צעוואַקלטקייט צום פענצטער און מיט שטרויכלענדיקער האַנט־באַוועגונג געדראָט אין דער ריכטונג פון דער בריק, — היינט איז אַן אַנדער לעבן, אַנדערע צייטן!

אַזוי האָט געטענהעט דער פויער, אָבער דער וואַנט־זייגער האָט דורכן נעפּל פון מאַכאָרקע־רויך דאָס זייניקע דערמאָנט: ס׳איז שפּעט און וואָס ווייטער וועט אַלץ שפּעטער ווערן! די פויערישע פאַרגאָסענע אויגן האָבן געקוקט צום ציפערבלאַט. די ווייזער־שפּיציקייטן האָבן דורכגעשטאָכן די בעלמע פון שיכרות און געטייטלט:

— שפּעט —

האָט מען זיך געלאָזן אין וועג אַריין. מ׳איז פון דער צעלויכטענער ווין־שענק אַריינגעפאַרן אין דער נאַכט אַריין און די נאַכט איז געווען געדיכט ווי אויסגעקלעפּט פון איין שוואַרצער מאַסע — אָן אַ שטערן אויפן הימל, אָן אַ ליכטל אויף דער ערד. די פערדישע פיס האָבן שווער אויסגעקלאַפּט זייער וועג איבער די שטיינער פון די שמאָלע געסלעך. דער עכאָ פון זייערע פוס־טריט האָט זיך ערגעץ־ווו אָנגעשלאָגן אָן דער וואַנט פון דער נאַכט און צוריקגעקומען. עס האָט זיך אויסגעדוכט. אַז ערגעץ אין דער הויך, איבער די שטומע הייזער, טראָגן זיך אויך מיט אַזאַ שווערן גאַנג אַ צענדליק אַנדערע פערד, געשפּאַנטע אין אַ צענדליק ניט ווינציקער שווערע וועגענער.

די פויערטעס האָבן זיך צוגערוקט נענטער צו זייערע מענער.

**
*

די יידן אינעם באַהעלטעניש זענען געווען וואַך. זיי האָבן יעדן קלאַנג אויפגענומען. יעדער דרויסנדיקער שאָרך האָט זיך שאַרף אַריינ־

געשניטן אין זייערע חושים, אין זייערע געדערים. זיי האָבן געהערט ווען די טומלעריי אין וויין־שענק האָט זיך איבערגעריסן. זיי האָבן געהערט דאָס זאַטע הירזשען פון די פערד. זיי האָבן פאַרגעדענקט דאָס צמאָקען פון די ליפּן, און דעם באַגלייטנדיקן וויאָ, וויאָ־אויסרוף, מיט אַ צולייג פון אַ בייטשן־קנאַק. זיי האָבן אויך געדענקט, אַז דער זייגער פון מאַגיסטראַט האָט שוין פון לאַנג געשלאָגן צוועלף און ווען מען פאָרט אַדורך די געסלעך און גאַסן, קומט מען צו צו דער בריק און אַז מ׳קומט צו צו דער בריק מוז מען זי איבערקומען און דער זייגער איז שוין אַריבער די צוועלפטע נאַכט־שעה.

דאָס בלוט האָט גענומען זעצן אין די שלייפן און די מוחות האָבן געאַרבעט שנעל, שנעל. אָט זעען זיי שוין די פורן אויף דער בריק און די בריק נעמט זיך טרייסלען און וואַרפן און ס׳הערן זיך זיפצן און ס׳הערט זיך אַ שטיל געוויין און דעמלט הייבט זיך אויף דער טייך חויך, הויך און מיט אַ שוואַרצן פּיסק שלינגט ער אויפּאַמאָל איין די וועגענער מיט די פערד, מיט די מענטשן.

די ייִדן האָבן געזען דאָס בילד אַזוי קלאָר, אַזוי באַשיינפּערלעך, אַז זיי האָבן פאַרגעסן גאָר ווו זיי געפינען זיך און ניט איינער האָט אַרויס־געלאָזן אַן אָפּגעהאַקט געשריי.

דערווייל זענען נאָך די וועגענער געפאָרן איבער די געסלעך. ערגעץ ביי אַ ראָג האָט זיך פּלוצעם אַ פערד אויסגעגליטשט און די פורן האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן. די פוּיערטעס האָבן אין דעם געזען אַ שלעכטן סימן און זיך געבעטן ביי די מענער, אַז זיי ווילן ווייטער ניט פאָרן, אַז זיי ווילן אויסוואַרטן ביז ס׳וועט זיך אַביסל צעהעלן.

זיי וואָלטן שוין אפשר געבליבן, ווייל די נאַכט האָט זיך צופיל געקלעפּט צו דער הויט, אָבער דער בראַנפן האָט נאָך גערוישט אין קאָפּ און אַז מען איז שוין געפאָרן — איז פאָרט מען! מען טאָר ניט נאָכגעבן די באַבסקע שוואַכקייטן! מען פאָרט דאָך ניט אַליין און די בריק ציט זיך אויך ניט אויף קיין קילאָמעטערס.

ווען די וועגענער זענען אַרויפגעפאָרן אויף די בריק־ברעטער און

די ברעטער האָבן אָנגעהויבן אונטערצוציטערן אונטער דער לאַסט פון די וועגענער, האָבן די פויערים דערפילט, אַז אויך אין זיי טוט עפּעס אויפציטערן און דער געציטער צעטרייבט ביסלעכווייז דעם נעפּל פון שיכרות אין זייערע מוחות. האָט מען שטאַרקער געצויגן פאַר די לייצעס, אָבער די פערד האָבן זיך ניט געאײַלט. זייער גאַנג איז געווען אַ גאַנג פון חיות, וואָס זענען אויפּאַמאָל בלינד געוואָרן און טרעפן ניט מער דעם וועג. און אַז אַ וואָגן איז אַרײַן מיט די רעדער אין אַ שפּאַלט און ניט געקאָנט זיך מער רירן, האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ סקרוך. ס׳האָט אויסגעזען, ווי דאָס האָט אויף זיי פון לאַנג שוין אָפּגעוואַרט, ווי ס׳וואָלט זיך ווער אויף די רעדער געוואָרפן און די רעדער ניט געלאָזן מער זיך באַוועגן.

איינע אַ פויערטע האָט זיך אומגעריכט צעהעשעט, אַז אַ נאַסע, קאַלטע האַנט קריכט איבער אירע פיס. אַ צווייטע האָט געשריען, אַז זי זעט אַ לאַנגע, רויטע צונג זיך בלעזלען. אַ שיקסל האָט געליאַרעמט, אַז ס׳טוט איר ווער שטעכן אין דער פּלייצע. עמעץ האָט מיט אַ געבראָכענער שטים זיך געבעטן מ׳זאָל דעם פאַדערשטן וואָגן, וואָס צוליב אים האָבן זיך אַלע וועגענער פאַרהאַלטן, איבערקערן אין וואַסער אַרײַן און אַזוי אַרום וועט מען זיך ראַטעווען.

— מען דאַרף ניט קיין פאַרמעגנס, מען דאַרף דאָס לעבן ראַטעווען!

— האָט די זעלבע שטים געדופן.

קיינער אָבער האָט איר ניט געהערט. אַ יונגע פויערטע האָט מיט אַ קוויטש אַריבערגעשטיגן דעם גאַנצן רעש און געוויינען. זי האָט געביאַדעט, אַז ס׳וועט שוין סייווי גאָרניט העלפן, ווייל ס׳איז אַ נעץ אויס־געשפּרייט געוואָרן און זיי זענען אין דער נעץ אַליין, פון גוטן ווילן געקראָכן. מען דאַרף אַלץ איבערלאָזן און אַנטלויפן.

עטלעכע פויערים האָבן זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און זענען צו מיט די בייטשן צום ערשטן וואָגן און מיט די בייטשן זיך צעפּאַכעט איבער די פערד, ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזט. זיי האָבן די פערד ניט אַזוי גוט אָנגעזען, ווייל די פינצטערניש פון דער נאַכט האָט זיך אַרײַנ־

געמישט, אָבער די בייטשן־קלעפּ האָבן זיי געפילט, פאַלן יאָ איבער די פערדישע פעלן. די פערד האָבן זיך פון די אומגעריכטע קלעפּ צעבריקעט. פאַרסקענדיק און פרייכענדיק האָבן זיי זיך געגעבן אַ ריס פונעם אָרט, אַ ריס און נאָך אַ ריס. דער וואָגן האָט געטאָן אַ קנאַק, די רעדער זיך אַ דריי, נאָך אַ דריי און זיי זענען אַרויס פונעם שפּאַלט. דער וואָגן איז פון בריק אַראָפּגעפאָרן און באַלד נאָך אים, די איבעריקע וועגענער און אין באַהעלטעניש זענען די יידן געבליבן ליגן אָן כוחות, אָן ווילן אַ ריר צו טאָן מיט דעם מינדעסטן אבר. ערשט איצט האָבן זיי דערפילט, אַז ס׳איז ניטאָ וועגן וואָס צו בעטן און ביי וועמען צו בעטן. ערשט איצט האָבן זיי געפילט, אַז זיי זענען באַרויבט געוואָרן אויף אָן אמת. אַז זייער גוף איז געבליבן הויל, אַז די נשמה איז נאָקעט געוואָרן — — —

ערגעץ ווייט, פון יענער זייט בריק, האָבן זיך נאָך געהערט שוואַכע אָפּקלאַנגען פון בייטשן־קנאַקערייען.

דער בריוו

ס'איז געווען האַלבע נאַכט.

איך בין געזעסן און געשריבן א בריוו צו א פרוי וואָס האָט געמיינט, אַז איך בין איר ברודער, ווייל מיין נאָמען איז געווען ווי דער נאָמען פון איר ברודער און איר נאָמען — ווי מיין שוועסטערס. דערצו האָבן מיר געשטאַמט פון דער זעלבער שטאָט, געוווינט אויף דער אייגענער גאַס. נאָר די נעמען פון טאַטע־מאַמע האָבן ניט געשטימט...

דערוווסט זיך וועגן מיר האָט זי פון מיינס א פריינט, וואָס איז צוריקגעפאָרן אין יענעם לאַנד, אין יענער שטאָט אָפּנעמען א ירושה. אומגעריכט האָט ער די פרוי באַגעגנט. זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט און שמועסנדיק האָט אים די פרוי א פרעג געטאָן, צי קען ער ניט צופעליק א מאַן מיט אַזאַ און אַזאַ נאָמען, ווייל עמעץ האָט איר געזאָגט, אַז איר ברודער איז געבליבן לעבן און אַז ער זאָל האָבן אויסגעוואַנדערט און ער געפינט זיך אין דעם לאַנד פון וואַנען מיין פריינט קומט איצט. מיין פריינט איז דערשטוינט געוואָרן צו הערן דעם נאָמען וואָס די פרוי האָט אָנגערופן. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער קען אַזאַ מענטש און אַז ער איז מיט דעם מענטש באַפריינדעט.

אָט אויף דעם סמך האָט די פרוי געשריבן צו מיר, זייענדיק זיכער, אַז זי האָט אָפּגעפונען איר ברודער. זי האָט מיך אין איר בריוו אָנגערופן „ברודערל מיין" און ווייטער: „סאַראַ גליק. אַזאַ חורבן. ביסט לעבן געבליבן. שרייב. טעלעגראַפיר! כ'ציטער אינגאַנצן"...

וואָס ענטפערט מען איר? עפּעס האָט זיך אין מיר געבונטעוועט, ניט געוואָלט משלים זיין. אפשר איז די פרוי יאָ מיין שוועסטער? אפשר האָט זי על פי טעות פאַרדרייט די נעמען פון טאַטע־מאַמע? מען דאַרף אָנפרעגן. מען דאַרף אויפקלערן. דער שכל הישר איז אָבער גובר געווען די געפילן:

ניין, דאָס איז ניט דיין שוועסטער. עס איז פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס און דאָס איז דער אמת. און די זעלבסט־פייניקונג האָט אונטערגעשעפּטשעט: ס׳וואָלט צו גוט געווען ס׳זאָל זיין וואָר.

בין איך געזעסן און געשריבן צו איר. געשריבן און דאָס בייגעלע פּאַפּיר איז געבליבן ניט באַרירט. ווייס, ווי ווייס עס איז געווען דאָס ליכט פון דער לבנה וואָס האָט אויסגעוואַרט ביי מיין פענצטער און ניט דערוואַרטנדיק זיך — אַוועקגעשווומען. כ׳בין שוין אַזוי אָפּגעזעסן עטלעכע שעה מיט דער פּען אין האַנט. דער מוח האָט געאַרבעט, נאָר די האַנט האָט זיך ניט אויפגעהויבן צום שרייבן. כ׳האָב ניט געהאַט קיין האַרץ די פּרוי צו אַנטוישן. כ׳האָב זי געוואָלט טרייסטן. בעטן מחילה וואָס כ׳בין ניט איר „ברודערל״. כ׳האָב איר געוואָלט זאָגן די שטילסטע, די איידלסטע ווערטער. דער קאָפּ איז אַראָפּגעזונקען אַן איבערגעלאָדענער מיט געדאַנקען און ווי נאָר כ׳האָב זיי געוואָלט אַריבערטראָגן אויפן פּאַפּיר, זענען זיי זיך צעפלויגן.

כ׳האָב אויפגעהויבן די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. די שטוב־זאַכן, אויסערן קרייז פונעם טיש־לעמפּל, האָבן פאַרסודעט זיך אויסבאַהאַלטן אין די טונקלענישן פונעם צימער. אין קיך האָט דער קראַן פון מאָל צו מאָל א קאַפּע געטאָן. דאָס איז געווען דער איינציקער קלאַנג וואָס האָט ווי דורכגעלעכערט דעם שפּינוועב פון דער שטילקייט.

ווען כ׳האָב ווידער א קערעווע געטאָן דעם קאָפּ צום פענצטער, האָב איך דערזען דורך דער נאַכטיקער שויב, אַנשטאָט דער לבנה, א רויט פּנים פון א באַלאָן. ס׳האָט מיך א הייב געטאָן פונעם אָרט. כ׳האָב דאָס פענצטער צעעפנט און דעם באַלאָן אַריינגענומען אין מיינע הענט. דער באַלאָן אָבער האָט זיך אַרויסגעגליטשט און זיך גענומען פּאַמעלעך דערוויי־טערן. האָב איך זיך אַ ריס געטאָן און אויסטערליש, דער קערפּער איז מיר אַזוי גרינג געוואָרן, אַזוי לייכט, ווי כ׳וואָלט א שטרויעלע געווען, א בלעטל, א רויכל.

בין איך אַרויסגעפלויגן דורכן פענצטער און זיך נאָכגעיאָגט נאָכן באַלאָן. דער באַלאָן האָט א שוועב אַרויף געטאָן. איך נאָך אים. אויף

א ווײַלע האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דער אָוואַל פּונעם באַלאָן האָט די מראה פֿון מײַן שוועסטער אָנגענומען און ווען דער באַלאָן איז צווישן א וואָלקן פֿאַרשוווּנדן און דאָס לבֿנה־ליכט האָט אים דורכגעלויכטן, איז דאָס געפֿיל, אַז כ׳זע מײַן שוועסטערס געזיכט שטאַרקער געוואָרן. א פֿלאַם־רויט פּנים האָט מײַן שוועסטער געהאַט און דער וואָלקן, אויף וועמען זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט, האָט אויסגעזען ווי א צעפּליקטע פּערינע. צו די שטערן האָט ער זי געהויבן, דער וואָלקן. צו די שטערן. און ווען מײַן שוועסטער איז צו זיי נאָענט, נאָענט צוגעקומען, האָט זי גענומען אײַנגײן, אײַנשרומפּן, ביז ס׳איז פֿון איר שטערן־שטויב געוואָרן. דער שטויב איז געפֿאַלן אויף מײַן קאָפּ און די האָר זענען ווײַס געוואָרן.

— שטערן — האָב איך גערופֿן — גיט מיר צוריק מײַן שוועסטער !

די שטערן אָבער האָבן געשוויגן. מיט קאַלטן בליאַסק זיך איבער־געוווּנקען און געשוויגן. מײַן גוף איז פֿאַראַמאָל שווער געוואָרן. שווער אײַן האַרט און ווי א מעטעאָר גיך, גיך צו דער ערד געפֿאַלן — — —

אין קיך האָט דער קראַן פֿון מאָל צו מאָל א קאַפּע געטאָן. כ׳בין נאָך אַלץ געזעסן איבערן ווײַסן בייגעלע פּאַפּיר און ניט געפֿונען קיין ווערטער די פֿרוי צו טרייסטן.

אויסגעברענטע קנויטן

פון קעלערס, פון בוידעמס און פון גאָרנס. פון הייף, פון געסלעך און פון ליקלעך. פון עק־שטאָט, פון מאַרק־פּלאַץ און פון הויפּט־גאַסן — גייען ליכט צו כל־נדרי. הויכע, געלע יום־כיפּור־ליכט. זיי גייען מיט אָנגעצונדענע קנויטן. זיי קומען איינציקווייז, פּאָרלעכווייז און אין גרופּעס פון דער נאַכט אַרויס און שטראָמען צו דער גאַנץ־געבליבענער אַלט־אַלטער שול מיט די דיקע פעסטונג־ווענט, קיילעכדיקע און לענגלעכע פענצטער, געקאָוועטע טיר און מויער מיט אייזערנע שטאַכעטן.

אַ פריער אָסיען־ווינט קלאַפּט אין פאַרמאַכטע לאָדנס, רייסט שינדלען פון דעכער, באַוועגט מיט פאַרזשאַווערטע פלומפּן־אָרעמס, קריכט איבער פּלויטן, פליקט בלעטער פוןביימער.

די ליכט גייען פאַמעלעך, פאַמעלעך. די פלעמלעך טוקן זיך אין ווינט, לעשן זיך, ראַנגלען זיך. זיי קומען אָן צו דער שול.

די געקאָוועטע טיר צעעפנט זיך פון זיך אַליין. דאָס מעש פון די הענג־לייכטער איז מיט גרינקייט פאַרצויגן. די הילצערנע טרעפּ, וואָס פירן צום באַלעמער — מיט שטויב און מיט שפּינוועב. פונעם סאַמעטענעם פּרוכת מיט די זילבער־האָפטן, וואָס דעקט צו דעם ארון־קודש, הענגען נאָך צויטן. אויף די שטענדערס ליגן צעעפנטע מחזורים.

די ליכט קומען אַריין. יעדעס פון זיי וויס זיין פּלאַץ. קיינער דאַרף ביי קיינעם ניט פרעגן. קיינער האָט ביי קיינעם ניט וואָס צו פרעגן.

די שול איז פאַרפולט און איז פוסט.

טייל ליכט ציען זיך אויס. אַנדערע — שטייען איינגעבויגן. נאָך אַנדערע — שפּאַרן זיך אָן אָנעם באַלעמער. און אַלע פלעמלען, פלעמלען.

די ליכט רירן זיך ניט פון אָרט. נאָר זייערע שאָטנס אויף די

ווענט לויפן אום, קריכן צום פּאַרקיילעכדיקטן באַלקן, לאָזן זיך געשווינד אַראָפּ צו די גרויסע שטיינערנע דיל־פּלאַטעס. שאָקלען זיך, וויגן זיך, ציטערן.

פון יענער זייט פענצטער קנוילט זיך אַ בלינדער, שוואַרצער הימל. און אַ סימן פון אַ שיין, פון אַ שטערן. נאַכטיקע פייגל קומען אָנצופליען, קלאַפּן מיט פליגלען אינעם שויבן־גלאָז, מישן זיך אויס מיט דער אַרומיקער חשכות.

פון צייט צו צייט טוען זיך איבערבלעטערן די זייטלעך פון די מחזורים. דאָס בלעטערן רוישט, ווי דער פליגל־שאָרך פון די נאַכט־פייגל.

די ליכט טריפן מיט פעטע חלב־טראָפּנס. זיי פאַרצערן זיך אין אייגענעם פלאַם. ווערן קלענער, ווערן דינער.

ס׳נעמט טאָגן.

אויף די שטענדערס הורבען זיך און בערגלען זיך קופּקעס חלב. אין דער פאַרטאָגיקער לופט פון דער שול בלייבט הענגען אַ שטיקנדיקער ריח פון אויסגעברענטע קנויטן.

קליינע נאַכט-מוזיק

קליינע נאַכט־מוזיק

א באַנק אויפן סקווער איז געווען זיין געלעגער, א באַנק אויפן סקווער איז געווען זיין היים. דאָס העמד אויפן לייב איז אים געווען איינאונאיינציק. רוי איז זיין שטים געווען און הפקר זיין גאַנג. דאָס פּנים פאַרוואָקסן מיט שטעכיקע האָר און שטענדיק האָט א ציגאַר געווינקלט אין זיין מויל.

גאָרניט געהאַט האָט ער און גאָרניט באַדאַרפן. א פאַרויכער, א מרוזשע די אויגן, א פייף מיט די ליפּן. ביימער אויפן סקווער האָבן נאַכטיק גערוישט. פון יענער זייט סקווער האָט א נעאָן זיך געלאָשן מיט רויט, געצונדן זיך גרין, מיט גרין זיך געלאָשן, מיט בלוי אויפגעגאַנגען און ער אויפן באַנק — א שפּיי, א מרוזשע די אויגן און ביימער זיך וויגן, וויגן.

די באַנק איז האַרט, די נאַכט — קיל. דער שלאָף זיצט אויף א צווייג און דער נעאָן בייט די קאָלירן.

די שטאָט דרעמלט און אָטעמט געלאַסן. אַן אויטאָ פאָרט פאַרביי פאַרזיכטיק און שטיל. די ביימער פון סקווער שטייען איינער הינטערן אַנדערן, איינער נעבן אַנדערן, גיבן זיך א נייג, א בייג. פון צווישן איין בוים און א צווייטן איז זי אַרויסגעקומען. איר פּנים מיט דעם וואָאַל פון דער נאַכט פאַרשטעלט, א הינטל אויף א סמיטשיק געפירט.

ער האָט זי דערזען. זי האָט פאַרביישפּאַצירט איינמאָל פאַר זיין באַנק, א צווייט מאָל און יעדעס מאָל האָט זי אַנדערש אין זיינע אויגן אויסגעזען. ביי יעדן פאַרבייגיין, איז אויף איר געפאַלן אַן אַנדערע קאָליר פונעם נעאָן־ליכט: אין רויטן אָפּשיין האָט זי אויסגעזען אַלט, געבויגן. אין גרינעם ליכט — א פרוי, ביי וועלכער די צייטיקייט רונדיקט זיך אַראָפּ פון די היפּטן און בוזעם. אין בלויען אויפשטראַל — א מיידל גאָר,

כמעט א פלאַטערל. אַז זי קומט אַרויס פון נעאָן־קרייז און דער נאַכטוואַל פאַרציט זיך ווידער אַרום איר פנים, אַרום איר געשטאַלט, איז זי ניט אַלט, ניט יונג. איז זי סתם א פרויען־פּראָפיל, וואָס פירט אויף א סמיטש א הינטל.

ווען ער גיט א רוף — בלייבט זי שטיין. ווען ער פאַרבעט זי זיצן, זעצט זי זיך. ער רעדט צו איר לאַנג, ער רעדט צו איר הייס. זי ענטפערט ניט יאָ, זי ענטפערט ניט ניין — זי שווייגט. אויך דער הונט שווייגט. ליגט אויסגעצויגן ביי דער באַנק מיטן קאָפּ אויף די פאָדערשטע לאַפּעס, ציט רואיק און רעגלמעסיק אַריין די נאַכטיקע לופט און שווייגט. דער שלאָף איז פון צווייג הויך אויפן בוים פאַרקראָכן. דער נעאָן צינדט און לעשט זיך. ער רעדט צו איר לאַנג, רעדט צו איר הייס. זי ענטפערט ניט. אויך דאָס הינטל שווייגט.

וויל ער זי אָננעמען פאַר א האַנט, וויל ער זי אָננעמען פאַר אַן אָרעם, דערזעט ער — ס׳איז א הינטל בלויז, א נאַכטיק הינטל, וואָס זוכט א געלעגער — אָן א סמיטש, אָן א באַגלייטערין.

א הינטל בלויז און גאָרניט מער.

און דער נעאָן האָט זיך געלאָשן רויט, געצונדן גרין, פאַרענדיקט זיין שפּיל מיט בלוי, כדי אין א ווײַלע אַרום אַלץ אָנצופאַנגען פונדאָסניי.

דער פּרעמדער

ביי אַ טאָג פון אַ גאַס איז ער, דער פּרעמדער, שטיין געבליבן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך פאַרפּלאָנטערט אינעם ליכט־נעץ פונעם גאַסן־לאָמטער און זיך פון אים ניט געקאָנט באַפרייען. אַזוי האָט עס בלויז אויסגעזען. אין דער אמתן איז ער שטיין געבליבן, ווייל ער האָט זיך ניט געהאַט וווהין צו יאָגן. הינטער אים איז געווען די נאַכט און פאַר אים איז געווען די נאַכט.

ער, נאַכט, אויסגעליידיקטע גאַסן און איבער דעם אַלעם — אַ ווייטער, איין טומאַן געוויקלטער הימל.

אָנגעלענט אויף אַ שטומער וואַנט האָט דער פּרעמדער אויסגעציטערט זיין פאַרלוירנקייט. דאָס מוטנע ליכט פונעם גאַסן־לאָמטער האָט מיט אַ קאַלט פּלעמל זיך צו אים צוגעקוקט.

מיט אַ צעוואַקלטן גאַנג איז דער פּרעמדער אַוועק איבער גאַסן. זיין שווערער טראָט האָט איבערן פּוסטן ברוק אויסגעשלאָגן די נאַכט־שעהן. ערגעץ אין אַ פּאַרק האָט ער זיך צוגעזעצט אויף אַ זייטיקער באַנק און קאַרגע רעפּטלעך נאַכט פון זיין טאַרבע אַרויסגעצויגן.

ס׳איז געוואָרן נעפּלדיקער. די גאַסן זענען אין דער נעפּלדיקייט ווי איינגעלאָפן, געוואָרן שמעלער, פלאַכער און נאָר מיט די שיטערע לאָמטערן־פייערלעך — אָנגעדייט זייער נאַכט־לעבן.

לאַנג האָט דער נעפּל ניט אָנגעהאַלטן. ער איז זיך לייכט און פאַמעלעך פאַנאַנדערגעגאַנגען. פון איבער די דעכער האָבן זיך שוין אַרויסגעזען אויסגעלייטערטע שטיקער הימל.

דער פּרעמדער איז ווייטער געגאַנגען. פון ביידע זייטן גאַס — פענצטער און פענצטער, באַלקאָנען, טירן, טויערן און ווידער פענצטער.

אָבער אַלץ איז געווען פאַרזונקען אינעם טונקל, אַלץ איז געווען אויף ריגלען, אויף קייטלען, אויף שליסלען פאַרמאַכט, אַלץ האָט זיך איבערגעגעבן אין רשות פון דער נאַכט.

ביי א ווייטער אויטאָבוסן־סטאַציע האָט א שווינדל געטאָן א פרויען־פראָפיל. האָט דער פרעמדער זיין טראָט צוגעאיילט. אָבער ווען ער איז צום אָרט צוגעקומען איז שוין קיינער ניט געווען. נאָר אַ פּאַפּיראָס איז געבליבן ליגן אויפן טראָטואַר, דערגלימערנדיק און פאַרצערנדיק זיך אַליין.

דער פרעמדער איז געבליבן שטיין ביי דער אויטאָבוסן־סטאַציע. אין קאַרגן ליכט פון אַ שטיקל אָפּגעדעקטער לבנה האָבן זיך אָנגעזען אויפן טעוועלע פון דער סטאַציע די ציפערן פון די אויטאָבוסן. מיט אַ רויטער פאַרב האָט אַ פיר־און־זיבעציקער נומער אָנגעזאָגט, אַז ער פאָרט ביז דער און דער גאַס. אַ דריי־און־אַכציקער, ווידער, האָט מיט שוואַרץ־קאָליר דערציילט זיין וועג צו אַן אַנדערער געגנט. דעם פרעמדנס אויגן האָבן זיך אָנגעהאַנגען אויף דעם טעוועלע און עס האָט זיך געדוכט, אַז ער קאָן ניט באַשליסן אויף וועלכן אויטאָבוס צו וואַרטן — — —

אַ בוים האָט זיך צעוויגט ביי אַ סקווער. אַ שאָטן פון אַ דיקן צווייג האָט זיך אַ הייב אַרויף און אַראָפּ געטאָן. האָט זיך דעם פרעמדן אויסגעוויזן, אַז דאָס מיינט מען אים, אַז דאָס רופט מען אים. ווען ער איז צוגעקומען, האָט שוין דער בוים געגליווערט. פון א מיסט־קעסטל איז א צעשראָקענע קאַץ אַרויסגעשפּרונגען. די קאַץ איז אָפּגעלאָפן א פּאָר שריט און איז שטיין געבליבן.

מענטש און חיה האָבן זיך פרעמד אָנגעקוקט. איינער האָט דעם אַנדערן ניט באַגריפן. איינער איז צום אַנדערן געווען גלייכגילטיק.

א ווינטל האָט אָנגעטראָגן פאַרטריקנטע בלעטער, שטרוי און שטיקלעך פּאַפּיר. די בלעטער, שטרוי און דאָס פּאַפּיר האָבן געהאַט דעם זעלבן הויל־טרוקענעם, שפּעט־האַרבסטיקן געשאָרך.

דער פרעמדער האָט זיין בליק פון דעם בלעטער־געווירבל אָפּגעקערט. פון איבער די גאַסן, פון איבער די פענצטער, אַריבער באַלקאָנען און דעכער, אַריבער, אַרויפצו, אַרויפצו איז אים מיטאַמאָל אַן אַנדערע שטאָט

אַנטקעגנגעקומען: א שטאָט מיט שטילע גאַסן אין ווייס־שניי געהילט, שטילע פענצטער פון העל־ליכט צעשפּילט, שטילע באַלקאָנען מיט ברייט־טיר צעעפנט און שטילע דעכער מיט בלויקייט אויף ראַנדן.

מיט שניי־הערגליפן האָט די שטאָט אים געקופן — מיט ווייס־שריפט אויף נאַכטיקן לוח.

דער פרעמדער האָט פאַרשטאַנען די שטומע רמזים, דעם כתב פון די שנייען. נאָר דאָ האָט זיין בליק אויפגעכאַפּט א געשטאַלט, א מענטשן־געשטאַלט, וואָס איז פון א זייטיק געסל אויפן הויפּט־שליאַך אַרויסגעקומען. דער מענטש האָט, ווי ער, א טאָרבע געטראָגן און ווי ער — אויסגעזען פרעמד. זיין גאַנג איז געווען אי שווער, אי ניט זיכער. זיך אומגעקוקט רעכטס, אומגעקוקט לינקס, זיך אָפּגעשטעלט און ווידער געגאַנגען. דער שניי־צודעק פון דער ברייטער גאַס, פון דער לופט־שטאָט, איז אונטער זיינע פיס טונקל געוואָרן, צעטראָטן געוואָרן...

א אַנגעשוואָלענע כמאַרע האָט דאָס בילד פון דער לופט־שטאָט פאַרמעקט און דער פרעמדער האָט זיך ווידער דערזען ביי דער אויטאָבוסן־סטאַציע. מיט רויטער פאַרב האָט א פינף־און־זיבעציקער נומער אָנגעזאָגט, אַז ער פאָרט ביז דער און דער גאַס. א דריי־און־אַכציקער, ווידער, האָט מיט שוואַרץ־פאַרב דערציילט זיין וועג צו אַן אַנדערער געגנט.

גליק

ס'איז די שפּעט־שפּעטסטע שעה פון דער נאַכט. דער ברייטער און קיילעכדיקער פּלאַץ איז פּוסט. די גאַסן־אָרעמס וואָס פירן צו אים און פון אים זענען אויך אויסגעליידיקט. דער הימל שלאָפט אויף די דעכער, דער מענטש אין די שטיבער און די ביימער אויפן סקווער — שטייענדי־קערהייט.

ס'איז די שפּעט־שפּעטסטע שעה פון דער נאַכט.

די איינציקע, וואָס שלאָפן ניט זענען די נעאָן־רעקלאַמעס און די סמנים־וויזערס ביי די קרייצונגען פון גאַסן.

„פּאָר מיט אונדזער שיף־געזעלשאַפט, וועלט־רייזעס ברענגען פאַרן מענטש פרייד און גליק!״ — פינטלט מיט אַלע מאָל אַן אַנדערע קאָליר א גרויסער נעאָן אויף א דאַך פון א גרויס, מאָדערן הויז. און אַנטקעגנאיבער — א גרינער נעאָן, קלענער אַביסל, אָבער גענוג גרויס, אַז מען זאָל זיין אויפשריפט אָנזען אויף א צענטער גאַס, פאַרזיכערט אַז: „אונדזערע ווײַנען און קאָניאַקן זענען די בעסטע. טרינקט! איר וועט געפינען אָפּפרישונג, פאַרגעסונג און גליק!״

א פירמע וואָס אַרבעט אויס זייף, זאָגט צו גליק אין דער פאָרם פון א צעשמייכלט קינד, וואָס שטעקט אַרויס דאָס קעפּל פון א זייפן־שוים. אָבער די רעקלאַמע איז שוין ניט אויף קיין דאַך, נאָר נענטער צו דער ערד פון איבער א קראָם.

ניט ווייט שטייט זיך א פאַרקויף־שטעל פון לאָטעריע־צעטלען. דאָסביידל איז אָפּגעשלאָסן, אָבער אין דער נאַכט־שטילקייט קאָן מען הערן די שטים פון דער פאַרקויפערין. די מידע, איינטאָניקע שטים, וואָס רעדט אַריין א גאַנצן טאָג אין מיקראָפאָן, קומט איצט צוריק. כוואַליע

נאָך כוואַליע ברענגט די נאַכט די ווערטער, וואָס די מויערן פון דעם קיילעכדיקן פּלאַץ האָבן פאַר א גאַנצן טאָג איינגעזאַפּט, איינגעזאַפּט כדי זיי אָפּצוגעבן צו דער נאַכט ניט פאַרדייעטערהייט: „בירגער! 30.000! איבערמאָרגן די ציונג! פּרוביר דיין גליק! בירגער! 30.000!"

גליק!

וואָס פאַר אַ קאָליר האָט גליק?

די גרינקייט פון דער ווייַן־רעקלאַמע? די ראַזלעכקייט פון דעם זייפן־שוים, צי די פאַרשידנפאַרביקייט פון א וועלט־רייזע? אָדער אפשר איז דאָס גליק פאַרבלאָז ווי די שטים פון דער לאָטעריע־פאַרקויפערין?

שווער צו זאָגן, ווייל מיט א פאָר שריט ווייטער, אויף א טירל פון אַ צייטונגס־ביידל, איז געבליבן הענגען אַן איבערבלייב פון עפּעס אַ צייטונג, און אַז ס'זאָל זיך ווער צובויגן צו דעם שריד פון דער צייטונג, וואָלט ער איבערגעלייענט, אַז: „ווער עס זוכט גליק זאָל זיך ווענדן צו דעם באַרימטן שדכן. ער נעמט אויף צוויי מאָל אין וואָך, ער אָמטירט אין אַלע גרויסע שטעט פון דער מדינה. דיסקרעציע שטרענג אָפּגעהיטן! גליק פאַרזיכערט!"

וואָס פאַר אַ קאָליר האָט גליק?

שווער צו זאָגן. ביז ס'וועט טאָגן וועט יעדע רעקלאַמע באַזונדער און אַלע צוזאַמען מיט קלאַנג, מיט ווונק און מיט שריפט אַנדייטן, איבערצייגן און צוזאָגן.

און דערווייל איז דאָס גליק געשטאַנען באָרוועס און נאַקעט ביי אַ ראָג פון גאַס און געוואַרט, אַז דער סמנים־ווייזער זאָל אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג ווו צו גיין.

א ווינטער־מעשהלע

אינדרויסן איז נאַכט און ס׳איז קאַלט און עס גייט א רעגן. נאַסע, קלעפּיקע שטיקער חושך אויף שויבן און אין שטוב איז קיינער ניטאָ, קיינער קומט ניט און ס׳איז אומעטיק. קלער איך: וואָס טוט מען אַזוינס, אַז ס׳זאָל פריילעכער ווערן? כ׳קלער און קלער און כ׳קאָן גאָרניט צוטראַכטן. ליגט אויפן טיש א שטיקל ברויט, נעמען מיינע פינגער זיך מיט דעם שפּילן און אַזוי זיך שפּילנדיק קנעט איך מיר אויס א מענטשעלע. אַז דאָס מענטשעלע איז שוין פאַרטיק געווען, רופט עס זיך פּלוצעם אָן צו מיר אַזוי צו זאָגן:

דער אַלטער כישופמאַכערן, וואָס ווינט אין דער ווינטמיל איז לאַנגווייליק געוואָרן. האָט זי גענומען גענעצן און שלוקערצן און זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. האָט זי באַפוילן, אַז אין מיטן פון דער זומערדיקער נאַכט זאָל א שניי אין דער נאָענטסטער שטאָט אויספאַלן. איז א שטילער שניי פון די הימלען אַראָפּ און זיך צעלייגט אויף באַרג, אויף הויז און אויף בוים. דאָס איז איר נאָך ווינציק געווען, האָט זי דעם טרויעריקן ברודער פון זיין טרויעריקן צימער אין דרויסן אַרויס־געמאַניעט. איז דער טרויעריקער ברודער אין גאַס אַרויסגעקומען און די גאַס איז געווען פּוסט. אַלע הייזער זענען געווען פאַרריגלט און אַלע פענצטער — אויסגעלאָשן. איז ער געגאַנגען גאַס־איין, גאַס־אויס, דער טרויעריקער ברודער, און א ליכטיקע בלענדעניש איז אויפגעגאַנגען פונעם שניי, וואָס האָט זיך שטיל געשיט פון די הימלען. א ווייסע שטאָט איז פאַר אים געלעגן אויסגעשפּרייט, אָן ערשט געבוירענע: אָן קרומע געסלעך, אָן צעשפּאָלטענע טרעפּלעך. ווייס. א ווייסקייט וואָס ווערט אַזש בלוי.

איז עס דער כישופמאַכערן געפעלן געוואָרן:

— אָט פאַרקאָכט אַ קאַשע, אָט פאַרדרייט אַ פּלאָנטער!

די אויגן האָבן זיך איר פאַר תענוג צעלויכטן. זי האָט אַ קוק געטאָן צום הימל און געפּאָרשט צי ס׳איז נאָך ווייט דער שיין פון טאָג, ווייל ס׳איז איר אַ שאָד געווען אַזאַ פאַרוויילונג אַדורכצולאָזן. ניט אַלע מאָל געלינגט אַזוי אַ שפּיצל.

— נאָך איידער ס׳וועט דער האָן דריי מאָל טאָן אַ קריי קאָן מען וועלטן איבערקערן. איז היידאַ, ניט געפּוילט זיך! די שפּיל מוז ווייטער אָנגיין!

האָט די מכשפה זיך צוגעגעבן קוראַזש און מיט אַ צעטענצלטן, יונג־געוואָרענעם גאַנג האָט זי גענענט צום טרויעריקן ברודער און אירע ליפּן האָבן אויפן אויער אים געשעפּטשעט:

— שפּאַן איין די פערד, די פערד אין שליטן שפּאַן איין און קום! די לאַמטערנע פאַרפול ביז די ברעגן מיט נאַפט. די גלעקלעך פאַרגעס ניט אויף פערד אָנצוטאָן און זע אַז דער שליטן זאָל מיט שטרוי זיין אויסגעבעט און קום, לאָז אַרויס זיך אין וועג!

איז געפאָרן דער טרויעריקער דורך דער נאַכט, דורך אַ וואַלד. דער ווייכער שניי־וועג האָט דעם גערויש פונעם שליטן, דעם געקלאַפּ פון פערדישע פיס און די פאַרע פון זיין מויל איינגעזאַפּט, אַזוי אַז דער טרויעריקער האָט ניט געוווּסט צי ער פאָרט, צי ער שטייט אויף אַן אָרט. אָבער גיכער איז ער געפאָרן, ווייל די לאַמטערנע האָט געוואָרפן אירע שוואַכע ליכט־פלעקן הין און צוריק, הין און צוריק און די גלעקלעך אויף די פערדישע העלדזער האָבן מיט זייער דין־דין־דין פאַרקלונגען דעם וועג. אין קאַרגן בלישטש פון דער לאַמטערנע האָט דער וואַלד אויסגעזען צו טיף. אין די אָפּגעהאַקטע קלאַנגען פון די גלעקלעך האָט דער וועג אויסגעזען צו ווייט.

אומגעריכט האָבן זיך די פערד פאַרהאַלטן און זיך דיבאָם געשטעלט. אַ שניי־בערגל האָט פאַר זיי פאַרצאַמט דעם וועג. דאָס שניי־בערגל האָט די ווייסע הענט צענומען און זיך אַזוי אָנגערופן צו דעם טרויעריקן ברודער:

— ווייסער הערשער פון דער ווייסער שטאָט, כ׳קום דיר אונטער־טעניק דינען! זע ווי ס׳בענקען מיינע ליפּן. זע ווי ס׳גלוסטן מיינע פינגער צום באַריר פון דיינע הענט. קוק ניט וואָס מיין גוף איז דורכזיכטיק און קיל. זאָל דיך ניט אַרן וואָס מיינע פינגער פרירן! — — —

דאָ האָט דאָס קליינע מענטשעלע, וואָס איך האָב פון ברויט אויסגעקנעטן, איבערגעריסן זיינע רייד און מער מיט קיין וואָרט זיך ניט אָנגערופן. און איך האָב אים געבעטן:

— דערציילֿ, דערצייל וואָס איז מיטן טרויעריקן ברודער געוואָרן? האָט ער גענומען דאָס שניי־מיידל מיט זיך, איז זי מיט אים געגאַנגען און זיי זענען צוריקגעפאָרן אין דער ווייסער שטאָט אַריין? אָדער די מכשפה האָט ניט דערלאָזט דערצו און דער ברודער איז געבליבן אַ נאָך מער טרויעריקער ווי ער איז געווען? דערצייל, דערצייל!

דאָס ברויט־מענטשעלע איז זיך צעפאַלן אויף קרישקעס און מיר די מעשה ניט פאַרענדיקט. און אין דרויסן איז געווען נאַכט און קאַלט און אַ רעגן איז געגאַנגען.

ביינאַכט אין א שפּילצייג־געשעפט

דער טרויעריקער פּאַיאַצאָ פון דער אונטערשטער פּאָליצע בענקט נאָך דער באַלערינע פון דער אייבערשטער פּאָליצע, וואָס טאַנצט דאָרט אַ שפּיצנטאַנץ אונטער די קלאַנגען פון אַ מאַלפּע־קאַפּעליע. קאָן ער אָבער צו איר ניט צוקומען, ווייל דער וועג איז ווייט, צופוס איז ניט מעגלעך די בערג איבערצוגיין, און די באַן וואָס שלענגלט זיך איבער די שמאָלע ריעלסעלעך פון אַ נאָענטער פּאָליצע, קרייזט אַרום ווי אַ פּאַרכישופטע און ווייסט ניט וואָס דאָס הייסט אָפּשטעלן זיך. אָט לויפט זי אַרויף אויף אַ בערגל און אָט זעט מען זי שווין אין אַ טאָל. אין אַ ווײַלע אַרום פאַרשווינדט זי אין אַ טונעל און אַז זי קומט אַרויס פון דער טונעל־פינצטערניש און פאַרט ענדלעך אַריין אין אַ רחבותדיקער סטאַציע, שטעלט זי זיך ווידער ניט אָפּ — כאָטש אויף דער סטאַציע שטייט דער באַן־פאַרוואַלטער און גיט צייכנס מיט אַ רויט פענדל — נאָר יאָגט ווייטער אָוועק צו די אומבאַקאַנטקייטן פון דער פּאָליצע־פּלאַך.

גייט פּאַיאַצאָ אַרום און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. גייט ער און גייט, ביז ער קומט־צו צו אַ מיניאַטור־סאַזשלקע וואָס אויף אירע רואיקע וואַסערן שווימען אַרום צווײ שלווהדיקע מיניאַטור־שוואַנען. זיי באַוועגן זיך אַזוי שטיל, אַזוי שטיל, אַז פּאַיאַצאָ וווּנדערט זיך ווען און ווי אַזוי זיי האָבן זיך דערנענטערט איינער צום אַנדערן, ווען און ווי אַזוי זיי האָבן פאַרפּלאָכטן זייערע ווייסע, לאַנגע העלדזער און געבליבן אַזוי עטלעכע מינוטן פאַרוועבט אין שטומער ליבשאַפט און נאָכדעם אויך אַזוי שטיל און אומבאַמערקט זיך פאַנאַנדערגעשווומען, כדי זיך ווידער אין אַן אַנדער ווינקל פון דער סאַזשלקע צונויפצוקומען.

קערט פּאַיאַצאָ אָפּ די אויגן פון די שוואַנען, זעט ער אויף אַ לאַנקע

קריכט אַרום אַן אייזעלע, קריכט אַרום, שטרעקט דעם קאָפּ און רופט עפּעס מיט אַזאַ דורכבעמענדיקן קול, אַז ס׳ווערט טרויעריק וואָס מען איז געבוירן געוואָרן.

דערנענטערט זיך פּאַיאַצאַ צום אייזעלע, גיט אים אַ גלעט איבער דער בלעכערנער, גרוי־ברוינלעכער פעל. דאָס אייזעלע דרייט אויס דעם קאָפּ, קוקט אַ ווייל זיך איין אין פּאַיאַצאָס אויגן און דערנאָך נורעט עס איין דעם קאָפּ צווישן פּאַיאַצאָס אויסגעשפּרייטע הענט.

פּאַיאַצאָ פילט, אַז דאָס אייזעלע האָט אים פאַרשטאַנען, ווייל ווען עס הייבט אונטער דעם קאָפּ, ציט עס אויס לענגער די אויערן צו דער אייבערשטער פּאָליצע, פון וואַנען עס קומען די קלאַנגען פון דער קאַפּעליע און פון וואַנען די באַלערינע פּאַכעט מיט אַ טיולן שאַליקל אין זייער ריכטונג.

לאָזט דאָס אייזעלע זיך אַראָפּ אויף די צוויי פאָדערשטע פיס, פאַרבייגט זיי, פאַרבעטנדיק אַזוי אַרום פּאַיאַצאַ, אַז ער זאָל זיך אַרויפזעצן אויפן רוקן און עס וועט אים שוין אַרויפפירן צו דער באַלערינע און צו די מאַלפּעס־קלעזמאָרים, וועלכע טראָגן פאַרשייט רויטע פעזקעס אויפן שפּיץ קאָפּ.

נעמט פּאַיאַצאָ אָן די שטומע פאַרבעטונג און, דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ סך וואָכן — צעשמייכלען זיך זיינע ליפּן. דאָס אייזעלע שטעלט פּאַוואָליעדיקע טריט. אָט שוין פאַרביי איין פּאָליצע און אָט אַ צווייטע: אַ וועלדעל, אַ לאָנקע, אַ בריקל, אַ הייזל, אַ פּלויטל, אַ ברונעם. דאָס אייזעלע שטעלט פאַרזיכטיקע טריט.

פּלוצעם נעמט ערגעץ פון דער ווייטן קנאַלן, קראַכן, פּלאַצן. די פּאָליצעס ציטערן אויף. פון פעלד און פון וואַלד, פון באַרג און פון טאָל קריכן אָן טאַנקען און פון אויבן, אויבן, דאָרט ווו די יונגע באַלערינע טאַנצט אויס איר דערוואַרטונג־טאַנץ, לאָזן זיך אַראָפּ אויף ווייס־זיידענע שירעמס — בלייערנע פּאַראַשוטיסטן. ס׳צעפּלאַקערט זיך אַ שלאַכט. פייערשפּריצן לויפן הין און הער, פייערשפּריצן קרייצן זיך און מיידן זיך אויס, צינדן זיך אָן און לעשן זיך אויס. אַ בוים פּלאַמט אויף, אַ בריקל

פאַלט איין, אַ בערגל צעשיט זיך. די באַן, וואָס האָט ניט געוווּסט פון אַן אַפּהאַלט, בלייבט הענגען ביי אַן אַפּריס איבער דער סאַזשלקע. אַ קליין ליאַלקעלע אין אַ שאַכטל שרייט — מאַ! אַ גרויסע ליאַלקע, אַן אַ שאַכטל, ברעכט זיך די הענט. וועש, וואָס האָבן זיך געטריקנט אויף אַ שטריקל, צעלויפן זיך אין בהלה און יעדעס פון זיי זוכט אַ באַהעלטעניש. און די טאַנקן דערנענטערן זיך, דערנענטערן זיך. פּאַיאַצאַ שרעקט זיך ניט פאַר זיי. ער קוקט מיט באַדויער אַרויף צו דער באַלערינע, פון וועלכער עס טיילט אים נאָר אָפּ בלויז איין פאַליצע. די באַלערינע אָבער זעט גאָרניט, הערט גאָרניט וואָס עס קומט אַרום איר פאַר. זי איז אַריינגעטאָן אינעם טאַנץ. זי בייגט דעם קעפּער לינקס, זי בייגט דעם קערפּער רעכטס, לאָזט זיך אויף די שפּיץ פינגער אין אַ ספּיראַל, גלייכט זיך אויס און פאָכעט מיט איר טיולן שאַליקל אין זיין זייט. פּאַיאַצאַ וויל צו איר שרייען, וואָרענען, נאָר דאָס גערודער, וואָס די טאַנקן מאַכן און די פייערפּונקען, וואָס שפּריצן פון די שיסערייען, פאַרטויבן יעדן אַנדערן קלאַנג.

דאָס אייזעלע פאַלט. אָט באַלד וועט פּאַיאַצאַ אויך פאַלן, אָבער דאָרט אויבן שפּילט די מוזיק און די באַלערינע וועט קיינמאָל, קיינמאָל ניט וויסן וואָס עס איז געשען — — —

דער דענקמאָל

אין אַ גרויסער שטאָט, אויף אַ ברייטן פּלאַץ, איז ע ר געזעסן.

ע ר, און ניט די שטיינערנע געשטאַלט מיט דער ברייטער שטיינערנער טאָגע און מיטן וועלט־קיילעך אין די הענט.

אַלעמאָל, ווען ער איז דעם פּלאַץ פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער פאַריסן דעם קאָפּ אַרויף צו דער שטיינערנער געשטאַלט און זיך געחידושט ווי די יאָרן האָבן קיין שליטה ניט געהאַט אויף דעם שטיין, וואָס בלויז מענטשלעכע הענט האָבן אויסגעהאַקט און דאָ אינמיטן ברייטן פּלאַץ, אויף אַ הויכן צאָקל, אַוועקגעשטעלט.

ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען און די מוטער האָט אים ביי אַ הענטל געפירט, האָט ער דעם שטיין־מענטש געזען זיצן און איצט, ווען ער איז פון די וועלט־עקן צוריקגעקומען, איז דער זעלבער שטיין־מענטש נאָך אַלץ געזעסן מיט דעם וועלט־קיילעך אין די הענט.

ער האָט דעם שטיין־מענטש מקנא געווען. פון קינדווייז אָן האָט ער אים מקנא געווען. ער זיצט זיך אַזוי הויך, האַלט די וועלט אין די הענט און ווער עס וויל אים זען, מוז פאַרייסן דעם קאָפּ. מענטשן גייען פאַרביי און פאַרשווינדן. קומען נייע מענטשן מיט נייעם רעש און טומל און צעקריכן זיך ווידער, אָבער ער, דער שטיין־מענטש, זיצט זיך ווייטער און וועט אַזוי זיצן אין דורות אַרום. ס'אַרט אים ניט קיין רעגן, ניט קיין שניי, ניט די זון. ער איז אויסער דעם אַלעם און איבער דעם אַלעם. ער לעבט זיך זיין אייגן, זיין שטיינערן לעבן.

אַזוי האָט ער געטראַכט וועגן שטיין־מענטש. אָבער, אַז ער אַליין איז געזעסן אויפן צאָקל און זיך אַרומגעקוקט, האָט ער מער ווי טויב־טונקעלע הייזער־מויערן ניט געפונען. קיין דעכער האָבן זיך ניט געבויגן,

מען האָט זיי בכלל ניט אָנגעזען און אַז ער האָט פון זיין פּיעדעסטאַל געוואָרפן אַ פּאָר דערשראָקענע ווערטער, האָט דער פלאַץ־פּירעק זיינע אייגענע ווערטער אים צוריקגעוואָרפן. ווען ער האָט זיינע הענט אויס־געשטרעקט, האָט קיינער זיינע הענט ניט באַדאַרפן. זענען זיי געבליבן ליגן אויף זיינע קניען און געגליווערט.

אַ לייכטער שניי האָט גענומען שיטן. קיין וועלט־קיילעך האָט ער ניט געהאַט און ניט באַדאַרפן. ער האָט זי, די וועלט, געזען אָפּערווינקען פון אונטערן לייכטן שניי־נעפּל מיט שוואַכע, שפּעט־נאַכטיקע לעמפּ, וואָס זענען דאָ און דאָרט צעשטעלט געווען איבערן פוסטן פלאַץ.

די וועלט איז געווען אַריינגעשפּאַרט אין דעם פּירעק פונעם פלאַץ. ס'האָט אין איר אַ שניי געפּרושעט און קיין לעבעדיקן נפש האָט מען ניט אָנגעזען. נאָר ער איז אין איר געזעסן. ניט ער די וועלט, נאָר די וועלט אים האָט געהאַלטן אין די הענט און געלאָזט אים פונעם שניי מיט שטילער קאַלטקייט באַדעקן.

פון דער ערד איז ער געווען ווייט, אָבער נאָך ווייטער פון די הימלען. די הימלען האָבן זיך פאַרהוילן, נאָר די לעמפּ־פלעמלעך פונעם אויסגעליידיקטן פלאַץ־פּירעק האָבן דורכן נעפּל געוואָלט די שטערן נאָכמאַכן און ניט געקענט.

די נאַכט האָט אויף שטום־לשון עפּעס אין אים אַריינגערעדט. ער, אָבער, האָט אירע טונקעלע ווערטער ניט פאַרשטאַנען.

ערגעץ אויף אַ טורעם האָט אַ זייגער אויסגעקלונגען איינע פון זיינע שפּעטע שעהן. די צייט איז מיט ווייכע טריט איבערן פלאַץ אַרומגעקראָכן און אַריינגעקוקט אין יעדער אויסגעלאָשענער שויב.

אַ שטילער שניי האָט זיך געזאַמלט אַרום זיינע שלייפן. די נאַכט האָט אים פּאָר אַ מלך געזאַלבט און דער מלך איז געווען אינגאַנצן אַליין.

דאָס פֿאַרצעלייענע הינטל

אויפֿן שענקעלע לעבן מיין בעט איז יאָרן מיט יאָרן געשטאַנען אַ פֿאַרצעלייען הינטל. אַ ווייס הינטל מיט לאַנגע ברוינלעכע אויערן, וואָס זענען אים נאָכלאָזיק אַראָפּגעהאַנגען. דאָס קעפּל איז ביי אים פֿאַריסן אַרויפֿצו, ווי ער וואָלט אין עפּעס אַריינגעטראַכט, אָדער אויף עפּעס געוואַרט.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז די לבנה האָט אויף מיין שויב אַ בלוילעכן פּאַס ליכט צעבראָכן. ווייס איך ניט טאַקע, צי פֿון דעם, וואָס דאָס בלוילעכע ליכט פֿון דער לבנה איז אַריין אין די פֿאַרצעלייענע אָדערן פֿון מיין הינטל, אָדער פֿון עפּעס אַן אַנדערע סיבה, נאָר דאָס הינטל האָט פּלוצעם אָנגעהויבן צו באַוועגן זיך. אויסגעגלייכט די הינטערשטע פֿיס, אויף וועלכע ער איז געזעסן און פֿאַמעלעך דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט. און אַרונטערלאָזנדיק איז די פֿאַרצעלייענע פֿעל ביי אים געוואָרן העל און העלער און דורכזיכטיקער. אַז דאָס הינטל איז שוין אויף די פֿיס געשטאַנען האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער און דערזעענדיק די אָפּגעלענטע טיר, איז ער איבער דער שוועל אַריבערגעשפּרונגען.

בין איך דעם הינטל נאָכגעלאָפֿן, אָבער דאָס הינטל האָט ניט געהאַט קיין נאָמען, האָב איך ניט געוווּסט ווי אים צו רופֿן. האָב איך זיך געמאַכט אַ וועג צווישן די נאַכט־פֿינצטערנישן און געשריען:

— העי, ווו ביסטו? העי!

בערג האָבן זיך ווי איבערגעוועקט און אָפּגעענטפֿערט:

— העי! העי!

פּלוצעם איז אויסגעוואַקסן אַ יונג מיידל מיט אַ קיישעלע אין האַנט און געריסן בלומען מיט פּאַספּאָריקן אָפּשיין. האָב איך זיך געוווּנדערט וואָס אַ מיידל גייט עפּעס אַוועק ביינאַכט אין די געבערג קלייבן בלומען.

אַז דאָס מיידל האָט מיך דערזען, האָט זי דאָס געפלאָכטענע קיישעלע פון די הענט אַרויסגעלאָזט און זי איז מיר אַנטקעגנגעגאַנגען. אירע פינגער האָבן געלויכטן מיט אַ בלוילעך ליכט.

— כ'האָב געוווּסט, אַז וועסט מיך אַרומזוכן.

כ'האָב איר געוואָלט דערציילן, אַז כ'האָב אַ פאַרצעלייען הינטל געהאַט, איז דאָס הינטל פונעם צימער אַנטלאָפן און אַז וועגן איר האָב איך גאָרניט געוווּסט, האָב איך גאָרניט געקלערט, אָבער אַז כ'האָב דערזען אירע צוויי צעפּ און די צוויי אויגן, וואָס האָבן זיך ווי אַ צעבראָכענער שפּיגל געטוקט אינעם לבנה־שיין, האָב איך שוין געוווּסט, אַז ניט קיין הינטל ליגט מיר אין זינען. האָב איך שטיל אָפּגעענטפערט.

— יאָ, דיך זוך איך אַרום.

אַז כ'האָב אירע בלוי־ברענענדיקע פינגער אין מיינע אַריינגענומען, האָבן אירע פינגער־פלעמלעך מיין לייב אונטערגעצונדן — — —

אויפן שענקעלע לעבן מיין בעט שטייט אַ פאַרצעלייען הינטל.

איך רויכער אַ פּאַפּיראָס

איך רויכער אַ פּאַפּיראָס. דער רויך הענגט איבער מיין ברעם און קרייזלט זיך אַריין אין מיינע האָר. איך רויכער. אין ראַדיאָ־קעסטל שפּילט אַ פידל און אויף דער שויב שפּילט אַ זון. דער רויך פונעם פּאַפּיראָס גייט איבער פון גרוי צו בלוי און שוועבט אַרום איבערן צימער. די פידל שיקט פון קעסטעלע אַרויס אַ ריח פון צעבליטן בעז. די שויב האָט אָפּגעשפּאָרט אַביסל גאָלד פון דער זון, וואָס איז נאַרוואָס פאַרגאַנגען. ווערט אין מיין צימער פרילינג. ווערט אין מיין צימער פאַרטאָג. אַ בלויער פאַרטאָג. מיין שרייב־טיש אַ לאָנקע. מיין ביכער־שענקל — ביימער בעז.

און איך וואַרט. אויף וואָס וואַרט איך? כ׳ווייס אַליין ניט. אָבער ס׳איז גוט צו וואַרטן.

אויפן בוים זיצט אַ פייגעלע און אונטערן בוים טייעט זיך אַ קאַץ. וואָס וועט געשען? ס׳וועט קיין שלעכטס ניט געשען. ס׳איז דאָך פרילינג, ס׳איז פאַרטאָג. און טאַקע: די קאַץ אַ שפּרונג, דאָס פייגעלע אַ פלי. דער בעז שמעקט.

און איך וואַרט. אויף וואָס וואַרט איך? כ׳ווייס אַליין ניט. אָבער ס׳איז גוט צו וואַרטן.

כ׳האָב זיך דערנענטערט צום בוים. פון די צווייגן טריפט נאָך אַ ראָסע. ביי אַ ברעג פון אַ בלעטל איז געבליבן הענגען אַ טראָפּן טוי. שווער געווען זיך צו צעשיידן. אַ פענצטער עפנט זיך. כ׳האָב אָפּגעריסן אַ צווייגל בעז. אין פענצטער האָט זיך קיינער ניט באַוויזן און דאָס צווייגל האָט אַזוי געשמעקט. אַ האָן שלעפּט דעם טאָג פון פלויט אַראָפּ און צעטראָגט אים אויף זיין רויטן קאַם.

און איך האָב געוואַרט. אויף וואָס האָב איך געוואַרט? כ׳ווייס אַליין ניט. אָבער ס׳איז גוט געווען צו וואַרטן.

דער פֿאַרהאַנג

די בלומען אויף מיין פֿאַרהאַנג זענען שוין קיין בלומען ניט מער. די ברוינע פֿאַרב האָט זיך געוואָרפֿן אויף דער רויטער און זי אָפּגעמעקט און די גרויע פֿאַרב האָט די גרינע מיט גרוי פֿאַרשאָטן. מיין געבלימטער פֿאַרהאַנג איז שוין ניטאָ. נאָר אַ וועג ציט זיך, אַ גרויער וועג און איך בין אויף אים אינמיטן.

שטיי איך אַזוי — אַ קליין, שוואַרץ פּינטעלע. איבער מיר אַ גרויסער הימל און פֿאַר מיר אַ ליידיקער שליאַך.

האָט זיך פֿון ערגעץ אַ ווינטל אָנגעטראָגן און דאָס ווינטל האָט אַרומגעפֿאָכעט מיט אַ קליינער ראָזלעכער לענטע. איז שוין דער וועג ניט געווען אַזוי פּוסט. דער הימל האָט זיך דערוויטערט, די ערד — דערנענטערט. אָבער דער באַנד, די ראָזלעכע לענטע, האָט זיך כאַפּן ניט געלאָזט. אָט ליגט זי שטיל, נאָר בייג זיך אָן און נעם זי, אָבער אַז דו בייגסט זיך איין, איז זי שוין איבערן קאָפּ אַ צעפֿאָכעטע, די זיידענע לענטע, און זי שווינדלט און זי מיגניעט.

— כאַפּ מיך, כאַפּ מיך, ס׳איז כדאי!

אַז איך שטרעק מיינע הענט צו איר, נעמט זי זיך ציען, ציען און ס׳בלייבט צווישן הימל און ערד אַ דינע, ראָזלעכע בענקשאַפֿט — — —

די טרעפּערקע

ווען דער טאָג האָט זיך געזעגנט און די נאַכט איז נאָך ניט געווען, האָב איך זי באַגעגנט:

— גיב דיין האַנט, פּריצל, די לאַדאָן דערלאַנג. וועל איך דיר באַווייזן פון מזלות דעם גאַנג. גיב, פּריצל, גיב די האַנט!

— לאָז געמאַך, אַלטע וואָראָזשקע. זעסט דען ניט, אַז די בלעטער פון דיביימער פאַלן און די נאַכט רוקט זיך אָן?!

— ווי זעסטו בלעטער פאַלן און פון וואַנען קומט די נאַכט? ס'איז ניט וואָר. אָט ציט זיך אַ דינער שטריך איבער דיין האַנט־פּלאַך, וואָס פאַלט אַריין אין אַ גראָבער ליניע און די גראָבע ליניע קרייצט זיך מיט אַ צווייטער: ס'איז א טייך, א האָלצן בריקל, ס'זענען פעלדער און אַ מענטש גייט איבער א וועג. ווו גייט דער מענטש? ער גייט. ס'איז אַ וואַלד, ס'איז א באַרג, ס'פאָרט א באַן און דער מענטש איז דאָ. וווהין פאָרט דער מענטש? ער פאָרט. ס'איז פרילינג. טשערעדעס אייז אויפן טייך, סטייעס פייגל אויפן הימל. ערשטע בלומען אויף די פעלדער. ס'איז זומער. זון אויף דעכער. עפּל אויף ביימער. אַ מיידל פלעכט אַ בלומען־קראַנץ. ס'איז האַרבסט. אַ ווינט אויף פּלויטן. אַ רעגן אויף שויבן. אַ מיידל זיצט ביים פענצטער. ס'איז ווינטער. אַ וועג פאַרווייעט. אַ קאַץ אויפן אויוון. אַ מיידל שרייבט אַ בריוו.

— טרעפּערקע, טרעפּערקע, און דער מענטש ווו איז, וואָס איז מיטן מענטש געוואָרן?

ס'האָט די טרעפּערקע קיין ענטפער ניט געגעבן.

כ׳וועל היינט ניט אָנצינדן קיין ליכט

פאַרנאַכט. אויף איינער פון מיינע צימער־ווענט, אַנטקעגן דעם אָפענעם פענצטער, האָט די פאַרגייענדיקע זון זיך אויסגעהאָפטן אַ צווייגל־געפלעכט מיט בלעטלעך. די צווייגן מיט די בלעטלעך האָבן אויף דער וואַנט געציטערט.

די צווייגלעך בייגן זיך הין און הער און די בלעטלעך אויך אַזוי. אַ מאָל קומט אַרויס פון דעם אַ דערשראָקן העזל און אַ מאָל — אַ מיידל־קאָפּ. דאָס העזעלע גיט אַ שפרונג, נאָך אַ שפרונג, בלייבט שטיין, הערט זיך איין, פאַרשווינדט. דאָס מיידל קעמט אירע האָר מיט אַ ברייט־ציינערדיקער קאַם. קעמט זיי געלאַסן, מיט געדולד אַרויף־אַרויף, אַראָפּ־אַראָפּ. די האָר אָבער פאָלגן ניט. זיי צעשויבערן זיך אַלעמאָל פונדאָסניי. רייסן זיך, פלאָטערן איבערן פנים, איבערן שטערן. דאָס מיידל קלייבט זיי ווידער צונויף. זי וואָלט זיי אויף זיכער געצוימט, אָבער די זון...

די זון האָט זיך שוין געזעצט און מיטגענומען דעם צווייגל־און־בלעטער־געהעפט. די וואַנט איז איצט פוסט. מאָרגן וועט ווידער זיין פאַרנאַכט. ס׳וועלן נאָך קומען אַ סך פאַרנאַכטן. אין יעדן פון זיי, וועט אַ זון ווידער זיך אַרומשפּילן. זון־צווייגלעך צום טאָג־אויסלעש, פאַרמאָגן אין זייער יעדן קער, אין יעדן ווענד, אַ פאַרבאָרגענעם צוזאָג. ווען די וואַנט טונקט זיך שוין אין חושך פון דער נאַכט, קאָן מען קוקן און קוקן אויף איר.

ניין, כ׳וועל היינט ניט אָנצינדן קיין ליכט!

**
*

ביים קבר פון רב שמעון בר יוחאי

ביי די מצבה־שטיינער פון רב שמעון בר יוחאי ברענען ליכט און די שאָטנס — שוואַרצע יאַשטשערקעס פּויזען איבערן האַלב־רונדן סופּיט־געוועב, קריכן איבער די דיקע, פאַרקאָפּטשעטע ווענט און שפּרייטן זיך איבערן קילן, שטיינערנעם דיל.

ביים קבר פון רב שמעון בר יוחאי איז די לופט אַ געדיכטע, אַ פייכטלעכע, שמעקט מיט חלב און מיט טרערן.

ביי רב שמעון בר יוחאיס קבר זיצט אַ שמש אויף אַ שטרויענעם טעפּיך. ער האַלט אויף די קני אַ צעקנייטשט־פאַרפּעטסטן ספר, דערנעבן, צוגעקלעפּט צו אַ שטיין פלעמלט אַ ליכטל. אויך ער, דער שמש, זעט אויס ווי אַ גאַר אַלטער, אַלטער שטיין...

נאָר ווען עמעץ באַווייזט זיך אויף דער טונקעלער שוועל, גיט אַ לעבעדיקער פונק אַ מיגניע אין זיינע פאַרטרערטע אויגן און די האַרטע שטעק־שיך צעהילכן זיך איבער דעם שטיינערנעם דיל. די שטילקייט, וואָס דרימלט אַרום די מצבה־שטיינער, גיט אַ ציטער און צעלויפט זיך. די שטיקלעך טאָג, וואָס פאַלן אַריין דורך דער האַלב געעפנטער, אייזערנער טיר, פלאַטערן אַרום ווי זומער־פייגעלעך און ווי זומער־פייגעלעך גייען זיי אויס שטיל און אומבאַמערקט ערגעץ אין די פּילצאַליקע, טונקעלע ווינקעלעך פונעם „אוהל".

ביי די מצבה־שטיינער פון רב שמעון בר יוחאי ברענען ליכט.

יאָסעמיטי

פאַר משה קאַפּלאַן

בלויע פייגל פון יאָסעמיטי. אורשטאַמיקע, רויט־קאָריקע סעקוואָיעס פון יאָסעמיטי. סקאַלעס־מאַסיוון פון יאָסעמיטי. קוואַלן, שטראָמען און וואַסער־פאַלן פון יאָסעמיטי, מיין באַגייסטערונג ראַנגלט זיך מיט ווערטער.

בענקשאַפט פאַרוועבט אין דער גרינער פאַרהוילעניש פון דיינע וועלדער. מיט הירשן זאַלבענאַנד קום איך צו אַ קוואַל זיך פויען. כ׳טונק מיין פּנים אין קרישטאַל פון וואַסער און מיין אָפּבילד פונעם וואַסער לאַכט צו מיר פאַרשייט. יאָסעמיטי.

בגילופין הייב איך זיך אַרויף צו מלכות פעלדז. אַ וואָלקן טראָגט מיך צום געשפּאָלטענעם „דאָם״. ניט פאַרענדיקט שטייט ער, דער שטיין־טעמפּל. די אַנדערע העלפט קופאַל האָט גאָט פאַרגעסן צוצובויען און אפשר אין מינוט פון יאוש אים צעשטערט? נאָר בלויע פייגל ציען זיך צו זיינע פעלדזן פון באַגינען ביז פאַרנאַכט. פון באַגינען ביז פאַרנאַכט. יאָסעמיטי.

כ׳לויף אין דער טונקל איבער שטיין־ברילעס. ס׳רייסט זיך פון מיר דער טרויעריקער אינדיאַנער געשריי. מיין בענקשאַפט איז דער שייטער וואָס ווערט אַראָפּגעוואָרפן פון אַ שטיין־גיגאַנט. מיט די פונקען צעשיט איך זיך אין דער נאַכט. אַ פונק פאַלט אַריין אין דער „שפּיגל־אָזערע״. צי וועט אויך מיין פונק אויפקלייבן דער אַלטער אינדיאַנער־מכשף, וואָס וווינט אויפן דנאָ פון דער אָזערע, אין זיין שקעטעלע פון רויטלעכן סעקוואָיע־האָלץ? צי איז שוין זיין שקעטעלע פול? יאָסעמיטי.

...און באַלד וועט ער פון די פונקען א ריזיק פייער צעבלאָזן. די פלאַמען וועלן די פרעמדע מענטשן־קינדער פון יאָסעמיטי־טאָל פאַרטרייבן.

פון פירקאַנטיקן ריז „על קאַפּיטאַנאָ" און פון די טויזנט־יעריקע סעקוואָיע־קרוינען וועלן צוריק אַראָפּקומען זיינע פאַרוואָגלטע ברידער און מען וועט שוין מער ניט הערן אין די נעכט, איבער די בערג דעם טרויעריקן אינדיאַנער־געשריי. יאָסעמיטי.

"GOSPELS"

פֿאַר דעם געזאַנג פֿון מאַהאַליאַ דזשעקסאָן

מײַן גאָט, אַ זינדיקער בין איך, כ'בין פֿאַרזינדיקט, מײַן גאָט! צי הערסטו מײַן קול דיך רופֿן? אפֿשר איז מײַן קול אַזוי שוואַרץ ווי מײַן הויט? ווען יאָ, דערגרייכן ניט די רייד, וואָס מײַנע לעפֿצן ברענגען אַרויס, צו דיר. זענען מײַנע ווערטער טרוקענע זאַמדקערנער, וואָס יעדעס ווינטל קאָן זיך מיט זיי אַרומיאָגן.

שוואַרצע בלומען גייען אויף אויף מײַנע בייטן. דער טאָל ווו מײַנע ברייטע פֿוס־פֿלאַכן טרעטן, טריקנט מיר מײַן שאַרבן דורך, ביז כ'צי דאָס אָרעם שטיקל ברויט פֿון דער ערד אַרויס. מײַן שווער ווייסט ניט דעם טעם פֿון פֿרייד און פֿון געלעכטער.

מײַן גאָט, אַ זינדיקער בין איך, כ'בין פֿאַרזינדיקט, מײַן גאָט!

די ווײַס־אַפּלען פֿון מײַנע אויגן קוקן אין די נעכט אַרויף צו דיר און זוכן דיך. בײַנאַכט ביסטו נענטער צו מיר. בײַטאָג פֿאַרשטעלסטו זיך מיט דעם פֿײַער־ראָד פֿון דער זון. די ווערטער מײַנע צעשמעלצן זיך אין האַלב־וועג צו דיר. דערפֿאַר ביסטו בײַנאַכט אינגאַנצן מײַנער. נעמסט אָן די צורה און דעם אָנבליק פֿון מײַן געזיכט. מײַן געזיכט פֿאַרמאָגט אָבער מער קאַרבן און פֿאַלדן פֿון דײַנעם. איך עלטער זיך אָן יאָרן און דו ביסט אַלץ נאָך דער יונגער גאָט.

די ערד, וואָס כ'האָב, איז שטיינערדיק; די כאָטע — ליימיק. איך האָרעווע פֿון טאָג־שפּראָץ ביז טיפֿער נאַכט. דאָס ברויט איז קאַרג און מײַן שווער ווייסט ניט דעם טעם פֿון פֿרייד און פֿון געלעכטער.

אין מײַן באַדרענגעניש רוף איך צו דיר! זײַ מיר אַן אָנשפּאַר אין מײַן פֿאַרלאָזנקייט!

וואַריאַציעס אויף דער טעמע: „בוים"

א בוים

פליין. אין דער לענג און אין דער ברייט און ווייט — פליין.
הוילער נאַקעטער פליין און אינמיטן דער פוסטקייט, אַ בוים,
אַן איינציקער בוים שטייט און שטייט.

ניט ער בליט, ניט ער דאַרט. שטאַרצט. איינער אַליין. און אַרום —
פעלדז און שטיין, הוילער פליין. ווי אויף להכעיס, ווי אויף שפּאַט, אַליין.

דינע ריטלעך זענען זיינע צווייגן און די בלעטלעך האַרט און גרוי.
קאָרע איז מיט ריץ און קאַרבן און קיין שאָטן איז כמעט ניטאָ.

זון בריט און שרפעט זיין שטאַם. ווינט רייסט די צווייגן און בייגט.
און דער בוים, שטייט. ניט ער וועלקט און ניט ער בליט, שטייט.

נאָר אין נעכט פון פולער לבנה צעשיינט זיך זיין קאָרע פאַספּאַריק
און די צווייגן בליען ווייס.

נאָר אין נעכט פון פולער לבנה טריפן פון זיינע בלעטער זילבערנע
טראָפּנס און דער סטעפּ אַרום אים ווערט ווייך, ווערט געלאַסן און עטעמט
שטיל, שטיל מיט קילן אָטעם.

און אַז ס'טאָגט —
הערט די קאָרע אויף צו לייכטן און די צווייגן הערן אויף צו בליען.
גליווערט דער בוים.

דער סטעפּ, דער לאַנגער פוסטער פליין איז שוין ווידער דאָ און ער,
דער בוים, אינמיטן, ניט ער בליט, ניט ער דאַרט. שטאַרצט. איינער
אַליין און אַרום — פעלדז און שטיין, הוילער פליין. ווי אויף להכעיס,
ווי אויף שפּאַט אַליין, אַליין.

אײלבירט־בוים

פֿאַרטאָג, װען די לעצטע נעפּלען און שאָטנס ראַנגלען זיך מיטן שװאַכן ליכט פֿון אױפֿקומענדיקן טאָג, װען אַלץ איז נאָך האַלב פֿאַרװישט, זעסטו אױס װי אַ בילד, װאָס אַ דול־געװאָרענער מאָלער האָט פֿאַרטראַכט און ניט געװוּסט װי אַזױ צו פֿאַרענדיקן. די קאָלירן אױף זײַן פּאַלעטע האָבן זיך צונױפֿגעגאָסן, צונױפֿגעמישט און זײַן פּענדזל האָט אין פֿאַרצװײַפֿלטן געאײַלט דאָ און דאָרט אַ שטריך געװאָרפֿן, אַ פֿלעק געלײגט און אַזױ ביסטו געבליבן װי ניט פֿאַרענדיקט.

אין מאָטער אָנגעהיצטקײט פֿון אַ מיטן טאָג באַקומסטו דעם פֿולן אױסזען: דער שטאָם צעקראָמפּט, צעקאַרבט, צעלעכערט און גרױ. גרױ זענען די פֿון װינט צעבױגענע צװײַגן. גרױ — די קלײנע און האַרטלעכע בלעטלעך.

אַלץ אין דיר זעט אױס אַלט, אָפּגעלעבט, פּרוכנעדיק. אָט מײנט מען דו צעפֿאַלסט זיך. אָבער, אַז מען קוקט זיך צו צו דײַנע צװײַגן, זעט מען װי אײן צװײַג העלפֿט אַרױס דעם אַנדערן, װי אײן צװײַג שפּאַרט אונטער דעם אַנדערן, און מען װײסט, אַז דו װעסט ניט פֿאַלן.

אין פֿאַרנאַכטלעכע שעהן, װען נאָך זון־פֿאַרגאַנג קומען װינטלעך פֿון די בערג, װערט דײַן קרױן װי אױסגעגלײכט, װערסטו װי אַרײַנגעװאַקסן אין די הימל־געװעלבן. ס׳זעט אױס װי דער קראַמף װאָלט דיך אױף אַ װײַל אָפּגעלאָזן. אַלע לעכער, אַלע ריצן און קאַרבן װערן אױסגעפּילט מיט בלױלעכן סאַמעט פֿונעם ליכט־ניט־ליכט, װאָס דער טאָג האָט נאָך איבערגעלאָזט.

פֿון צװישן דײַנע צװײַגן זינגען פֿײגעלעך שירה. טונקעלע יאַשטשער־קעס פֿױזען איבער דײַן שטאָם און זוכן זיך נאַכט־לעגער. און דײַנע בלעטער ענטפֿערן אױף יעדן גלעט פֿון װינט. נאָר בײַנאַכט:

בײַנאַכט באַקומט דײַן אױסגעקרומטער שטאָם אַן אױסזען פֿון אַן אַלטן מכשף, װאָס מישט אין לבנה־שיסל אַ ביטער־געטראַנק פֿאַר דער װעלט.

צבי אייזנמאַן

די בוגאַנווילּיע

די בוגאַנווילּיע וואָס האָט אַרומגענומען דעם גאַניק מיט אַ געדיכטער נעץ פון ברוין־גרויע און בויגעוודיקע שטענגלעך און וואָס האָט אַרויפ־געקלעטערט מיט די דין־שטעכעדיקע צווייגלעך צום דאַך איז געשטאַנען אין איר שפּעט־האַרבסטיקער רויטקייט.

ס'איז געווען אַ טיף־אָנגעזאַפּטע און אויסגעשטאַנענע רויטקייט. ביי יעדן אָנבלאָז פון ווינט האָבן זיך די בלימלעך פון די שטענגלעך אָפּגעריסן און זיי זענען אַראָפּגעפאַלן מיט אַ שטיל געפאַל פון זאַטקייט און פון איבערגעצייטיקטקייט. ס'האָט אויסגעזען, ווי ניט קיין דריבנע בוגאַנווילּיע־בלימעלעך פאַלן אַרונטער, נאָר שטיקלעך אָנגעגליטער זומער וואָס גיט זיך אונטער דעם ווינט און די טונקעלע וואָלקנס, וועלכע האָבן אָנגעצויגן פון ים און האָבן דעם בלויען זומער־הימל דאָ און דאָרט אויסגעשמירט מיט טונקעלע און גרויע פלעקן.

דער רויטער שניי פון דער בוגאַנווילּיע איז געפאַלן אויף מיין קאָפּ. דער ווינט האָט אָנגעטראָגן די רויטע בלימעלעך אויף מיינע פּלייצעס, אויף מיינע אַקסלען. די פיס האָבן געטראָטן אויף די רויטע זומער־שערבלעך. אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי שטיל, אַזוי געלאַסן, אַז ס'האָט אַזש ווי געטאָן. נאָר דער ווינט האָט געשאַרכט צווישן די צווייגן און צווישן מיינע האָר.

דער רויטער דיוואַן אונטער מיינע פיס האָט אָנגעהויבן אויסצולעשן זיך ווען די רויטקייט אויף דער בוגאַנווילּיע האָט געשטרעבט צו נאָכמער רייפקייט, צו נאָכמער רויטקייט, צו פולקאָמקייט, ניט אומקוקנדיק זיך צו דער נידער, ווו די זעלבע בלימעלעך האָבן שוין גאָרניט באַדאַרפן, האָבן שוין גאָרניט פאַרלאַנגט, גאָרניט געשטרעבט און געלאָזט מיט זיך טאָן, וואָס דער ווינט האָט געוואָלט.

דער זעלבער ווינט, וואָס האָט אַרומגעיאָגט די אַראָפּגעפאַלענע בלימלעך און פרישע פון דער בוגאַנווילּיע געריסן, האָט אויך צווישן מיינע האָר געבלאָזן. איך ווייס ניט, צי די בוגאַנווילּיע, וואָס האָט רויטע

בלימעלעך אויסגעכאָוועט און זיי אַרומגערינגלט מיט האַרטע, שטעכעדיקע שפּיצן, צי די שטעכערס האָבן איר פֿאַרשאַפֿט אַ ווייטאָק אין אָט דעם שפּעט־האַרבסטיקן טאָג אונטער דעם פֿאַרכמאַרעטן הימל. איך ווייס אָבער יאָ, אַז איך האָב אַזאַ שטעכעדיקן ווייטאָק געפֿילט, ווען דער ווינט האָט דעם רויטן שניי פֿון דער בוגאַנווילִיע אויף מײַן קאָפּ געשאָטן, ווען ער האָט אָנגעטראָגן די רויטע בלימעלעך אויף מײַנע פּלײצעס און אַקסל און ווען די פּיס האָבן געטראָטן אויף די רויטע זומער־שערבלעך.

אַ געפֿיל האָב איך געהאַט, אַז נאָך אַ ווײַל, נאָך אַ ווײַל ווער איך אויך אַזאַ פֿלאַטערל אויפֿן באַראָט פֿון ווינט און דער ווינט וועט מיך אַוועקטראָגן גאָר ווײַט: אַרויס פֿון שטאָט, אַרויס פֿונעם דאָרף, אַריבער אַ וואַלד, אַריבער אַ פֿעלד און ער וועט מיך אין מדבריותן פֿאַרוואָרפֿן און ערשט דאָרטן צווישן די זאַמדיקע דיונעס, וועט דאָס לעצטע ביסל רויטע חיות פֿון מיר אויסטריפֿן און קיינער וועט ניט וויסן ווו מײַנע שפּורן זענען אַהינגעקומען. קיינעם וועט ניט אײַנפֿאַלן דעם ווינט צו פֿרעגן, וואָס ער האָט געטאָן מיט אַ מענטש וואָס איז אַ קליין, רויט בוגאַנווילִיע־בלימעלע געוואָרן און וואָס ער האָט עס אין אַ העק פֿאַרשלעפּט.

קיינעם וועט ניט אײַנפֿאַלן דעם ווינט צו פֿרעגן.

די פּוענציאַנע

אינמיטן פֿון די הייסע יוני־טעג האָט די פּוענציאַנע אויף גיך זיך אויסגעסטראָיעט מיט שורות צוויירייאיקע, שמאָלע בלעטלעך און איבער זיי אַ פֿײַער פֿון בליונג צעלייגט.

פֿלאַקערט דער בוים, פֿלאַקערט דער סקווער ווו דער בוים וואַקסט און די באַנק — וואָס אונטערן בוים. דער פֿלאַם שפּיגלט זיך אָפּ אויף די הײַזער, וואָס אַרום דעם סקווער און אין די בליקן פֿון דײַנע אויגן. די בלי־האָלעוועשקעס, וואָס פֿאַלן אַרונטער, בריען דײַנע טריט וואָס באַטרעטן זיי.

ווען די בלויע לופֿט זופּט זיך דורך די פּוענציאַנע־צווײַגן, דורך

די פּוענציאַנע־בלעטלעך אין די טעג פון איר בליונג, באַקומט אויך זי, די לופט, אַ רויטלעכן אָפּשיין און די פייגעלעך, וואָס קומען רוען אויף אירע צווייגן, נעמען מיט אויף זייערע פליגעלעך שטיקלעך פלאַם. איז זייער ערב־אָוונט פלי אַזוי בהלהדיק, אַזוי ווילד און זייער געטריל — אָפּגעהאַקט און קוויטשיק.

און די פּוענציאַנע ברענט, ברענט. ס׳איז אַ שטילער פלאַם. ס׳גייט ניט קיין רויך, קיין צווייגל גיט ניט קיין קנאַק. ס׳איז אַ שטילער פלאַם.

דו ווייסט ניט, ווּעלכעס בלימל האָט זיך אויסגעלאָשן און וועלכעס וועט זיך באַלד אָנצינדן. ס׳איז ניטאָ קיין איבערגאַנגען, קיין שאַטירונגען — איין העליש פייער. איין גרויסער מזבח, ווּ דער בוים שיקט דורך פלאַם פון צוויט זיין גוטוויליקן קרבן צו אַ מעכטיקן, אומזעבאַרן גאָט.

ס׳נעמט דיך אָן אַ קנאה. ס׳ווילט זיך אויך אַזוי אויפפלאַקערן מיט אַ שטאַרק, מיט אַ ריין פייער און אין דעם געבערען זאָלן אַלע דיינע גלידער, אַלע דיינע חושים אָנטייל נעמען, ס׳זאָל דער מינדעסטער שאָטן פון צווייפל, פון ספק, ניט פאַרטונקלען דעם העלישן אויפשטייג, די העלישע אויפלייזונג פון גוף און פון צייט. און פונקט ווי די פּוענציאַנע איר בליונגס־אָפּפער, זיך אָפּגעבן אינגאַנצן, אינגאַנצן!

צום קונצן־מאַכער

קונצן־מאַכער פון מיינע קינדער־יאָרן וואָס האָסט שווערדלעך געשלונגען, פייער געשפּיגן, אויף שערבלעך געקראָכן, אויף טשוועקעס געלעגן. גיב מיר צוריק דעם קינדערישן גלויבן, די קינדערישע שרעק און תמימות!

שפּרייט פאַר מיר אויס דאָס אָפּגעריבענע דיוואַנדל, אויף וועלכן דו האָסט דיינע קונצן באַוויזן צווישן די פיר ענגע מויערן פון אַ וואַרשעווער הויף. שפּרייט פאַר מיר אויס און נעם מיך מיט אין דיין קעניגרייך פון „ניט געשטויגן"!

צעציגנד, כאַטש מיט איין קניילעכל פייער, וואָס פלעגסט אַזוי פלינק פון דיין מויל ציען, צעציגנד אין מיר יענעם נייגער צו וועלן דערגיין דעם סוד פון „ווי אַזוי מאַכט ער דאָס". ס׳זאָל מיך ציען צוריק דאָס פאַרהוילענע, דאָס ניט־דערקענטע. כ׳זאָל אין זיך געפינען דעם כוח נאָכצוגיין, אַזוי ווי כ׳בין דיר נאָכגעגאַנגען פון הויף צו הויף, פון גאַס צו גאַס. צעלויכט אין מיר דעם נייגער!

רוק אונטער דאָס קעסטעלע צו דיין פּאַפּוגיי און זאָל זי מיר אַ צעטעלע אַרויסציען און אין דעם בלויען פּאַפּירל זאָל שטיין געשריבן, אַז ווען כ׳וועל אויסוואַקסן, וועל איך צו אַ ים צוקומען און מיט אַ גרויסער, גרויסער שיף צו אַ וויטן ברעג זיך לאָזן!

קונצן־מאַכער פון מיינע קינדער־יאָרן, זע אָבער, אַז די פּאַפּוגיי זאָל אין דעם צעטעלע ניט דערמאָנען, אַז ביז כ׳וועל צו דעם ים קומען, ביז כ׳וועל מיט דער שיף אָפּשווימען, וועט אַ טייגע זיין, וועלן שנייען אַלע וועגן פאַרשיטן, וועלן שנייען אַלע הימלען פאַרדעקן — — —

אויב די פּאַפּוגיי האָט זיך צוגעאיילט און דאָס יאָ אַריינגעשריבן, זאָלסטו בעטן, אַז זי זאָל דאָס אָפּווישן און פאַרבלייבן זאָל — — —

— — — — — — — — — — — — —

קונצן־מאַכער פון מיינע קינדער־יאָרן, נעם מיך אין דיין לאַקנדיק קעניגרייך פון „ניט געשטויגן"!